STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04811

SHAMAI TOKER IN AMERIKE

Salamon Ornsteyn

Permanent preservation of this book was made possible
by Oscar S. Gray
in memory of
Samuel & Zavl Gray and Esther Malke Grynberg Gray

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין ערשט בילד אין אמעריקע, 1892

שמאי טאָקער אין אַמעריקע

פון

סאלאמאָן אָרנסטיין

1951

פאַרלאַג „קליין-טשערנאָוויץ"

PRINTED IN U. S. A.

סעם סלאָן, פּרינטער, 209 וועסט 38טע סטריט, ניו יאָרק

דאָס דאָזיגע בוך גיב איך מיט גרויס ליבע און נחת

צו אַלע

מיינע

אייניקלעך :

נאָרמא אָרנסטיין

לעני אָרנסטיין און זיין פרוי טערי

אלווין אָרנסטיין און זיין פרוי שוירלי

נעמי אָרנסטיין און איר מאַן ענק לאוב

דוד אָרנסטיין און זיין פרוי שוירלי

און

אוראייניקלעך :

ארווי אָרנסטיין

לאָרא אָרנסטיין

ראַני אָרנסטיין

מיין משפחה

אין די לעצטע פאר טעג האב איך אנגעהויבן צו קלערן וועגן מיין לעבנס־געשיכטע, און עס איז דא ביי מיר א שטארקער פארלאנג אליין אנצושרייבן לזכרון פאר די שפעטערע דורות.

מיין פאטערס־פאטער האט געהייסן מענדל און די באבע האט געהייסן מעניע. מיין זיידע איז געשטארבן יונג, גאנץ יונג, און די באבע, מעניע, האט אליין אויפגעצויגן די גאנצע פאמיליע, וואס איז באשטאנען פון צוויי טעכטער, איינע רייזע און איינע ביילע. און דריי זין: — אשר, און מיין פאטער, משה און הערש, דער אינגסטער זון.

אשר איז געוועזן א ניקאלייעווסקי סאלדאט. נאך צען יאר דינען, האט ער דעזערטירט און איז אריבער די גרעניץ קיין רומעניע.

מיין מוטערס פאטער האט געהייסן אהרן, און די באבע האט געהייסן פייגע. מיין מוטער האט געהייסן שיינדל, און איז געוועזן א בת יחידא ביי אירע עלטערן. זי האט אבער געהאט פיר ברידער: — משה, דודיע, שמואל און יאנקל. מיין מוטערס ברודער, משה, איז געשטארבן יונג און געלאזט א יונגע אלמנה מיט פיר קינדער — איין זון, אברהם, און דריי טעכטער: — בריינע, איטע און רחל. דער זון, אברהם, איז דערנאך אויסגעוואקסן א גרויסער געלערנטער. אין דער יוגענט איז אברהם געוועזן א חסיד מיט בארד און פאות, און אין יענער צייט האט מען אים חתונה געמאכט מיט א מיידל, וועמען ער האט פריער קיינמאל ניט געזען.

וואס טוט אזא יונגערמאן אין א קליין שטעטל ווי טשערנאוויץ־פאדאליע? ער וויל ווערן א שטאט־מלמד, אבער קיין שטאט־מלמד קען ער ניט ווערן, ווייל אויף דעם מוז מען האבן א חזקה. האט ער געמוזט אננעמען א שטעלע אין א דארף ביי א גביר צו לערנען מיט די קינ־דער העברעאיש. פאסירט, אז דער נגיד האט געהאט צו זיינע קינדער נאך א לערער, וואס האט מיט זיי געלערנט וועלטלעכע למודים און

לשונות, איז אברהם געוואָר געוואָרן פון יענעם לערער, אַז עס איז דאָ נאָך אַן אַנדערע וועלט, חוץ דעם קליינעם שטעטל קליין־טשערנאָוויץ.

קומט שוין אברהם אהיים פון דאָרף און גט־אָפּ ס׳ווייב און האַקט־אָפּ די קאַפּאָטע און שנייד אונטער דאָס בערדל און פאָרט גאָר אוועק קיין אָדעס שטודירן.

די משפּחה אין דער היים זעצט זיך שבעה און מ׳רייסט קריעה נאָך דער קאַפּאָטע און נאָך דעם בערדל. אברהם אין אָדעס שטודירט אויס און ווערט דערנאָך אַ קאַזיאָנער ראַבינער און באַקומט אַ שטעלע אין סימפעראָפּאָל, און דער „ראַבינער", אברהם גלוזמאַן, שמ׳ט אין דער גאַנצער געגנט.

דודיע, מיין מוטערס אַנדערער ברודער, איז אויך געווען אַ גרויס געלערנטער, און אַזוי איז אויך געווען געראָטן דער ברודער יאַנקעוו מיט זיין בילדונג.

נאָר שמואל איז געווען אַ ניקאָלייעווסקי סאָלדאַט און אויסגעדינט אין דער צאַרישער אַרמיי אַלע 25 יאָר. ווען שמואל איז אַהיים־געקומען פון סלוזשבע, איז ער שוין אַלט געווען 41 יאָר. האָט ער חתונה געהאַט און זיין פרוי האָט אים געבוירן פיר קינדער: — אהרן, פּנחס, גדליה, און בלויז איין טאָכטער—בתיה, האָט זי געהייסן.

מיין פאָטער און מוטער האָבן געהייראַט זייער יונג. מיין פאָטער איז 14 יאָר אַלט געווען צו דער חתונה, און מיין מוטער — 13. דער פאָטער מיינער איז געוועזן זייער אַ שווערער אַרבעטער און דערצו אַ גרויסער אָרימאַן.

מיין מוטער האָט געקינדלט און געהאַט 14 קינדער. זיבן פון זיי זענען געשטאָרבן פּיצעלעך, און זיבן זענען אויסגעוואַקסן, און איך בין דער דרייצענטער פון מיין משפּחה. מיין מוטער האָט דערלעבט חתונה צו מאַכן בלויז איר עלטסטן זון, אהרן, און האָט נאָך דערלעבט אַן אייניקל ביי אים. אהרנ׳ס פרוי האָט געהייסן אַלטע און זיי האָבן געהאַט פינף זין: — שמאי, מענדל, מיטיע, איציק און אשר. דער צווייטער ברודער האָט געהייסן שאַיע, און זיין פרוי — מלכה. און זיי — שאַיע און מלכה, האָבן געהאַט דריי זין: יאַנקעוו, בערל און חיים. דער דריטער ברודער מיינער, מאיר, און זיין פרוי, וואָס האָט גע־

הייסן איטע, איז געווען אונזערם א געשוועסטערקינד, דעם פעטער משה'ס א טאָכטער.

אזוי ווי דער פעטער משה איז יונג געשטאָרבן, האָט מען די קינדער גערופן אויף דער מוטערס נאָמען, און זי האָט מען גערופן „כאַוועניע" (חוה־עניע).

דער ברודער מאיר און די שוועגערין איטע האָבן געלאָזט צוויי טעכטער און איין זון. איין טאָכטער האָט געהייסן צפורה, און די אַנדערע האָט געהייסן פריידע, און דעם זון האָבן זיי גערופן—משה דוד. פרעגט זיך די פראַגע, פאַרוואָס רופט מען אים משה דוד? איז אזוי: מאיר'ס פאָטער און איטע'ס פאָטער האָבן ביידע געהייסן דעמזעלבן נאָמען — משה. און אזוי ווי איטע'ס פאָטער איז געשטאָרבן יונג, און ווען זיי האָבן געהאַט דאָס ערשטע קינד, האָבן זיי שנעל אים א נאָמען געגעבן נאָך איר פאָטער, משה. האָט זיך דאָס קינד אָפּגעטראָגן, און שפּעטער מיט יאָרן ווען דער משה דוד איז שוין געבוירן געוואָרן, איז ער געווען דער מעזינעק פון דער משפּחה. פריער, פאַר אים, זענען געווען צוויי מיידלעך, און ווען ער איז געקומען אויף דער וועלט, איז מיין פאָטער משה שוין געווען טויט. האָט מען געוואָלט א נאָמען געבן נאָך מיין פאָטער משה, און אזוי ווי צוויי קינדער מיט דעמזעלבן נאָמען קען מען דאָך נישט א נאָמען געבן, האָט מען דעם משה'ן צוגעטשעפּעט נאָך א נאָמען „דוד", און מען האָט אים גערופן משה דוד.

דערצו נאָך מיינע צוויי שוועסטער, פייגע און קעניע, און מיין ברודער, נחמן, און איך, דער אינגסטער פון אַלע.

מיין מוטער האָט זייער ליב געהאַט דאָס אינגסטע אייניקל, און אזוי ווי מען האָט אים גערופן שמאי — האָט מען מיר אויך א נאָמען געגעבן שמאי . . .

מיין יוגענט

געבוירן בין איך דעם ערשטן אפּריל, אין יאָר 1871, י' ניסן . . . גע'מל'עט האָט מען מיך אויף דעם ניינטען טאָג און נים אויף דעם אכטן. דערפאַר, ווייל מיין פאָטער און מוטער האָבן געוואוינט אין א

דאָרף, בערעזאָווקע, און זענען געווען אָרימע מענשן, און דערפאַר, וואָס אין יענעם יאָר איז אויסגעפאַלן מיטוואָך ערב פּסח און איך בין געבוירן געוואָרן שבת און דער מוהל האָט זיך ניט געוואָלט נעמען די מי און אויסמעסטן אַן „ערוב", לויטן דין, האָט מען געמוזט אָפּ־לייגן דעם ברית אויף זונטיק, דעם צווייטן טאָג חול המועד. דערפאַר ווייס איך גענוי דעם דאַטום ווען איך בין געבוירן געוואָרן — י' ניסן — צען טעג אין חודש.

ווען איך בין שוין געווען אַ אינגל פון אַכט אָדער ניין יאָר. האָט זיך געמאַכט, אַז ביי אַ נגיד פון אונזער דאָרף, וואָס האָט געהייסן נחום סאַדיק, איז אַ טאָכטער געקומען צו זיי אויף דער קימפּעט און אויך געבוירן אַ אינגל און אויך איז עס אויסגעפאַלן צען טעג אין „ניסן" און עס איז געווען מיטוואָך, ערב פּסח און ס'האָט באַדאַרפט זיין שבת דער ברית, פּונקט ווי ביי מיר.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי דעם נגיד קען מען שוין ניט אָפּלייגן דעם ברית אויף זונטיק. עס מוז זיין שבת. ער איז דאָך עפּעס אַ נגיד! דער מוהל פון קליין־טשערנאָוויץ איז אַרויסגעגאַנגען צופוס פרייטאָג, ערב שבת, און אָפּגעגאַנגען אַ דריי־פיר ווייאָרסט, דערנאָך האָט ער אָפּגע־דאַוונט מנחה און דאַן אויך מעריב, און אין דער טונקלקייט, ווען מען זעט שוין שטערן, איז ער אַריינגעגאַנגען נאָך אַ ווייאָרסט אין דאָרף און אַזוי האָט מען באַאַרבעט דעם רבונו של עולם, כדי מען זאָל זיך אויפפירן ווי ביי אידן־גבירים, און עס זאָל זיין לויט דעם דין . . .

אין יענער צייט, ווען מיין פאָטער און מוטער זענען געווען קינ־דער, פלעגט מען כאַפּן קליינע אינגלעך פון 10 יאָר און עלטער און זיי אַוועקפירן ווייט אין רוסלאַנד און זיי האַלטן ביז זיי זענען אונטער־געוואַקסען און האָבן אָפּגעדינט 25 יאָר ביי מיליטער. דערפאַר האָט מען חתונה געמאַכט קינדער זייער יונג, כדי מען זאָל מיט זיי האָבן מיטלייד, ווייל זיי זענען שוין באַוואַקסן מיט גרויסע פאַמיליעס קינ־דער, און דערפאַר וועט מען זיי, אפשר, ניט כאַפּן צום מיליטער־דינסט. אַזוי האָט מען געטראַכט, אַז מען וועט זיך קענען אויסהיטן צו דינען אין מיליטער.

מען האָט דערציילט, אַז ווען עס איז געווען מיין ברודער שאַיע'ס בן־זכור, און אונזער שאַיע איז דאָך שוין געווען דאָס פערטע קינד,

וואָס איז געבוירן געוואָרן צו מיינע פאָטער און מוטער. דעמאָלט איז מיין פאָטער, משה, קוים אַלט געווען 20 יאָר. האָט מיין פאָטער זיך באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן, ווייל די כאַפּערס האָבן אים געזוכט, און דעמאָלט האָבן מענטשן געזאָגט, אַז ווען שאַיע וועט אויסוואַקסן, וועט שוין משיח קומען, און צום סוף, ווען ער איז אַלט געווען 21 יאָר, איז אַרויסגעקומען אַ געזעץ, אַז צו 21 יאָר שטעלט מען זיך צום פּריזיוו, און דאַן איז געוועזן דער ערשטער „נאַבאָר", האָט מען שאַיע'ן גענו־מען צו מיליטער. דאָס געזעץ איז שוין געווען אַן אויסבעסערונג פון די אַלטע געזעצן, ווען מען האָט געקענט כאַפּן קינדער און זיי פאַר־שיקן דינען פאַר 25 יאָר. ווען מען האָט שאַיע'ן צוגענומען, האָט מען בלויז געדינט 4 יאָר, און עס האָט דעמאָלט אויסגעבראָכן דער רוסיש־טערקישער קריג, האָט דערפאַר שאַיע דורכגעמאַכט דעם גאַנצן קריג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטליכע יאָרן.

נאָך מיר איז געבוירן געוואָרן אַ מיידל, אָבער זי איז גלייך גע־שטאָרבן אַ פּיצעלעס. איר נאָמען איז געווען מעניע, נאָך מיין באָבע, מיין פאָטער'ס מוטער. עס האָט דאַן געשאַפן אַן אָבערגלויבן, אַז נאָך דער באָבע מעניע'ס נאָמען האַלטן זיך ניט קיין קינדער. אין דאָרף איז געווען אַ איד מיטן נאָמען סאַניע, האָט ער געהאַט אַ פולע שטוב קינדער, האָט ער זיך זייער געזאָרגט. געדענק איך, זאָגט צו אים מיין פאָטער: „גיב אַ נאָמען נאָך מיין מוטער מעניע ע"ה, וועט דאָס קינד אָוועק. און אַזוי איז טאַקע געווען. מיר האָבן געהאַט אַ קוזינע, מיין מוטער ביילעס אַ טאָכטער, איטע, און זי האָט געבוירן דריי מיידלעך, און אַז עס איז ביי איר געבוירן געוואָרן דאָס פערטע מיידל, האָט זי זיך איינגעשטעלט און אַ נאָמען געגעבן נאָך דער באָבע מעניע. זי איז טאַקע די איינציגע מעניע, וואָס איז געבליבן לעבן. זי וואוינט אין פי־לאַדעלפיע און האָט אַ פיינע פאַמיליע.

ווען איך בין אַלט געווען צוויי און האַלב יאָר איז מיין פאָטער זייער קראַנק געווען און איך, אַ קליינער יאַט, האָב געקאָמאַנדעוועט און האָט מיין פאָטער געוואָלט אַראָפּ פון בעט און מיך שלאָגן האָט מיין מוטער מיך געכאַפּט און איז מיט מיר אַרויס אין פעדער־הויז, האָב איך זיך פאַרקילט און האָב געקראָגן די שטאָקעטי קראַנקהייט.

12 אַדער 15 וויאָרסט פון אונז איז געווען די שטאָט שאַרגאָראָד און דאָרטן איז געווען אַ דאָקטאָר דאָברעוואָלסקי, און ער האָט איינגע-טונקען אַ פעדער אין ליאַפּעס, אַזאַ מין יאָד, און מיך געמאַכט צום אָטעמען. מיין מוטער האָט געהאַט אַ פריינט אין שאַרגאָראָד — די קאַסע׳ס, אַזוי האָט מען זיי גערופן. איך געדענק ווי מען האָט מיר דאָרטן געגעבן רעטשענע קאַשע מיט יויך, נאָך דעם ווי דער דאָקטאָר האָט מיר געהאָלפן אָטעמען. איך בין דעמאָלט געווען אַזוי געפערלעך, אַז עס איז געווען שבת און מען האָט גענומען דעם פּאָטשט-וואָגען אום שבת, אין יענער צייט איז קיין ייד ניט געפאָרן אום שבת, נאָר אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּקוח נפש, איז דוחה שבת, האָט מען געמעגט, ווייל עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ראַטעווען אַ נפש.

ביי אונז אין שטוב זענען געווען גרויסע קינדער, און ביי נחום סאַדיק איז אויך געווען אַ שטוב מיט דערוואַקסענע גרויסע קינדער. איך געדענק, ווי איך בין געגאַנגען אין אַ מלביש עפּעס ווי אַ „נאַיט-גאַון״ און איינער פון נחום סאַדיק׳ס זון, לייזער, פלעגט אַריינקומען צו אונז און זיך רייצן מיט מיר, אַרויסנעמען אַ קליין פלעשעלע פון אַ בוזים קעשענע און זאָגן צו מיר: שמאַי׳לע, זעסט, עס איז פאַר דיר אַ מעדיצין — און איך פלעג אַנטלויפן. דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל מיר געבן טרינקען מילך פון דער קו באַלד ווי מען מעלקט זי, און איך פלעג אַרויסלויפן מיט אַ גלאָז און וואַרטן מען זאָל אָנמעלקן דאָס גלאָז און איך זאָל טרינקען די מילך.

אין יענער צייט איז אַרויס אַ גזירה, אַז די יידן פון דעם דאָרף, וואָס האָבן זיך אַריינגעצויגן אין אַ געוויסער צייט, אין דאָרף אַריין, האָבן ניט קיין רעכט אויף צו וואוינען אין דאָרף, נאָר מוזן אָוועקפאָרן צוריק אין שטאָט אַריין, האָבן מיר דערוויילט זיך אַוועק-געצויגן צו אַ צווייטן דאָרף, צוויי וויאָרסט פון בערזעווקע, לע, האָט עס געהייסן, אַ דאָרף, פינף וויאָרסט פון קליין טשערנאָוויץ. דעמאָלט בין איך שוין דריי יאָר אַלט געווען. מיין פאָטער האָט געהאַט געקראָגן עפּעס אַ ירושה פון דער באָבע מעניע, האָט ער געקויפט אַ ליידיק פּלאַץ און געקלערט צו בויען אַ הויז, אָבער, אַז מען האָט געטריבן פון דעם דאָרף, האָט ער געמוזט פאַרקויפן דעם פּלאַץ און האָט געקויפט אַ

צוויזייטיק הויז פאַר 500 רובל אין קליין טשערנאָוויץ און אונזער משפּחה האָט זיך אַהין אַריבער געצויגן. די שטוב איז געשטאַנען אויף אַזאַ מין אָרט, אַז פאַר דער פאָדערשטער טיר האָט געמוזט זיין אַן אויסגעגראָבענע קאַנאַווע, כדי דאָס וואַסער זאָל אַוועקגיין אויף דער זייט און ניט אַריין אין שטוב. ווען עס האָט גערעגנט, וואָלט דאָס וואַסער גלייך אַריין אין שטוב און מען האָט באַדאַרפט עפענען אַ לאָך אויף דער צווייטער זייט דירה, כדי דאָס וואַסער זאָל אַרויס.

פון דעם דאָרף לע, געדענק איך, די ברונעם און לעבן ברונען איז געווען אַ בוים מיט עפּל. דאָס געדענק איך אַפילו היינט נאָך זייער גוט. און אַזוי ווי אַ טייל קינדער האָבן באַדאַרפט גיין אין חדר קיין בערעזעווקע, און מיין פאָטער האָט איינמאָל איינגעשפּאַנט דאָס פערד און וועגעלע בין איך געפאַלן אויף אַ פּלאַן, ווי אַזוי איך זאָל אויך קענען פאָרן קיין בערעזעווקע. איך בין פּשוט אַרונטער אונטערן וועגעלע און מיך אָנגעהאַנגען צווישן די רעדער. אין דער מינוט ווי מיין פאָטער וויל אַריין אין וואָגן און אַ טרייב טאָן דאָס פערד, ער טוט אַ קוק, אַז איך בין אונטן אונטער דעם וועגעלע, בין איך מסתּם ניט געפאָרן קיין בערעזעווקע.

צו דריי יאָר האָט מען מיך אָפּגעגעבן אין חדר אַריין. אַ גרויסע שטוב, אַ טיש, אַ בענקל פאַר דעם מלמד, אַ לאַנגע באַנק פאַר איינינקע אָדער מערער קינדער. אַלע אינגלעך זיינען געזעסן אויף דער נאַקע-טער ערד. דער מלמד האָט געהייסן בנימין הערש וואָלוו׳ס. דאָס חדר איז געווען ביי אַלטער קאַראַסיק אין הויז. דער קאַראַסיק, אַן אָרעמער שניידער, מיט קאַליע אויגן, מיט צווייערליי קינדער פון צוויי פרויען, פון זיין ערשטער ווייב און פון זיין צווייטער ווייב. די צווייטע פרוי, פון אַלטער קאַראַסיק, ראצע די טיקערין, אַזוי האָט מען זי גערופן. אַ טיקערן איז איינע, וואָס ווען אַ יונגע פרוי גייט אין מקוה האָבן טבילה, רייניגט זי זי, שניידט איר אָפּ די נעגל. אַזוי ווי ריידן שוין פון דער מקוה, איז אין טשערנאָוויץ געווען אַ גע-מויערטע באָד הויז, און אַראָפּצוגיין אין דער מקוה איז געווען אַראָפּצוגיין אַ 50 טרעפּ. איך קען אייך באַשרייבן דאָס ריינקייט פון דער מקוה:

ווען מיין יונגערע שוועסטער, קעניע, האָט חתונה געהאַט און מען האָט זי געפירט אין מקוה אריין, האָט זי עפּעס פאַרלוירן דאָרטן, האָט מען געהייסן אַז איך זאָל גיין דאָס געפינען. בין איך אַראָפּ אין מקוה אריין. די באָד איז אַ שוויץ באָד. יעדן פרייטיק, ווען מען שמייסט זיך מיט די בעזימלעך, איז די מקוה געווען האַלב אָנגעפילט מיט די בעזימלעך.

איך וועל אייך באַשרייבן פון דער מקוה. ווען איך בין אונטער־געוואַקסן, בין איך געווען זייער פעאיק צו אַלעס. מיין עלטערער ברודער אהרן איז געווען גמרא מלמד און איז געווען אַ שטיקל חזן אין גרויסן בית מדרש, פלעגט ער גיין אין מקוה, און אַזוי ווי איך האָב געקענט אָפּשערן מיט אַ שערל, אַזוי גוט ווי דער רופא און אים איינשפּאָרן אַ דריי קאָפּיקעס, וואָס דער שערער פלעגט נעמען — פלעג איך אים שערן, און אַז איך האָב אים געשוירן, איז צווישן די האָר געווען בעזימלעך פון דער מקוה.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך דאָ אין אַמעריקע, באַגעגנט דעם געוועזענעם, קליין־טשערנאָוויצער רב, מאָטעלע שוחט'מאַן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ביז ער איז ניט געקומען קיין טשערנאָוויץ אַלס רב, פלעגט מען טוב'לען די מתים פאַר קבורה אין דער זעלבע מקוה, און ער איז געווען דער, וואָס האָט דעם מנהג אָפּגעשטעלט.

איך געדענק אַ גליקליכן טאָג, ווען איך בין געזעסן אויף דער ערד אין חדר מיט אַלע קינדער צוזאַמען און געוואַרט מען זאָל מיך רופן לערנען, און מהאָט מיך יענעם טאָג פאַרגעסן צו רופן צום לערנען. איך בין נאָך נישט געוועזן קיין חומש אינגל, אין אַ גרויסע בלאָטע האָט מיך דער בעלפער געטראָגן אויף די פּלייצעס און מ'קען זיך פאָרשטעלן ווי זאַט דער בעלפער איז געוועזן, אַז ער פלעגט אויפעסן מיין אָרעמען וואָרעמעס. דער וואָרעמעס איז באַשטאַנען פון אַ שטיקל פּיסנע ברויט, און אַז כפלעג זען, אַז אַנדערע קינדער עסן ברויט מיט עפּעס און איך האָב נאָר געהאַט פּיסנע ברויט, אָן עפּעס צום ברויט, פלעג איך מיר אַן עצה געבן; איך פלעג אָפּברעכן אַ קליין שטיקל ברויט פון מיינעם און אָפּבייסן אַ גרעסער שטיקל פון דעם גרויסן חלק און איינבייסן אַ קלענערן פון דעם קלענערן חלק ברויט,

און איך בין געווען צופרידן. איך בין געווען גלייך מיט אנדערע קינדער, איך האָב געהאַט ברויט מיט ברויט. דאָס מיינט ברויט מיט נאָך עפּעס. דער קלײנער בעלפער, וואָס האָט מיך אין אַ בלאַטע געטראָגן אויף די פּלייצעס, איז געווען אברם ליפּע׳ס, און איך געדענק ווי מיין ברודער שאיע האָט אים פאַרגעהאַלטן, פאַר וואָס ער עסט אויף ביי מיר דעם אָרעמן וואַרעמעס? ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אפילו קיין פּיסנע ברויט נישט געהאַט, כדי זיך זאַט אָנצועסן.

מיין פאָטער׳ס אַ שוועסטער, מיין מומעביילע, איז געווען פאַר־הייראַט שוין צום צווייטן מאָן, קלמן, בערל שמואלס, אַ ברודער. בערל שמואל איז געוועזן דער נגיד פון דעם שטעטל, זי, די מומע ביילע, האָט געהאַט אַלע אויסגעגעבענע קינדער און דער פעטער קלמן, איז געווען אַ בעז־דיעטניק, אָן קינדער. און דער מומע ביילעס אַ זון, יאנקעוו, אויך אַ בעז־דיעטניק, האָבן זיי געוואוינט אין דער ירושה־שטוב פון דער באָבע מעניע. צוויי פאָר פאַלק אָן קינדער. אזוי ווי מיין חדר איז געווען ניט ווייט פון דער מומע ביילע, פלעג איך אַמאָל צוגיין אהין פאַר אַ גוטן וואַרעמעס.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער גוטער וואַרעמעס? דער פעטער קלמן פלעגט אַרומפאָרן מיט אַ פערד און אַ וועגעלע אויף די דערפער. ער האָט געהאַנדלט מיט תבואה. און אַז אַ באַקאַנטער פויער האָט געהאַט פון בינענשטאָק, ניט קיין אויסגעשלאָגענעם האָניג, פלעגט מיין פעטער ביי אים דאָס אָפּקויפן, און די מומע ביילע פלעגט פּרעגלען אין די וואַטשינעס שמאַלץ, געשניטענע בערקלעך, אזוי ווי מען שניידט פאַר אַ באָרשט. און די מומע ביילע פלעגט מיר באַשמירן אַ שטיקל ברויט מיט די זיסע בערקלעך.

ווען אַ אינגל פלעגט אָנהויבן חומש, האָט מען אים געלערנט אַ דרשה. מען פלעגט מיט אים אָנהויבן די סדרה ויקרא, דאָס דריטע ספר. די דרשה האָט זיך אזוי אָנגעהויבן:—„אינגעלע וואָס לערנסטו?״ פלעגט דאָס אינגעלע ענטפערן: „חומש״. פלעגט דער רבי פרעגן:— „וואָס איז אזוינס חומש?״ פלעגט דער אינגעלע זאָגן: „חומש מיינט פינף.״ פלעגט דער רבי ווידער פרעגן: „וואָס, פינף בייגל פאַר אַ גראָשן?״ „ניין״ — פלעגט דאָס אינגעלע ענטפערן, „פינף ספרים

זיינען דאָ אין דער הייליקער תורה.״ — „ווי הייסן זיי? — „בראשית — איז איינס. שמות — איז צוויי; ויקרא, — איז דריי, במידבר — איז פיר און דברים איז פינף״. — „און וואָס פאַרא ספר לערנסטו?״ „ויקרא״. — „וואָס מיינט ויקרא?״ — „ויקרא, און ער האָט גערופן.״ — „ווער האָט גערופן? שלמה שאַמעס האָט גערופן אין שול אַריין?״ — „ניין, גאָט האָט גערופן צו משהן, ער זאָל מיט אים לערנען דעם דין פון קרבנות.״ — און אַזוי האָט יעדער קליינער אינגל פון טשערנאָוויץ אָנגעהויבן חומש און געמוזט קענען די דרשה. אָבער מיט מיר האָט מען קיין דרשה ניט געלערנט. איך בין געווען בלויז אַ צוהערער, ווייל מיין מוטער האָט צו יענער צייט צוגעקרענקט און פלעגט זיין אין שאַרגאָראָד און זיך קורירט ביי דאָקטאָר דאָבראָ־וואָלסקין. און דערפאַר איז נישט געווען אין זין מיט מיר זיך אָפּ־צוגעבן און מיך לערנען די דרשה.

איך קען געדענקען, ווי איך בין געזעסן אין דרויסן, אויף דער ערד און האָב געמאַכט קולקעלעך פון שטיינדעלעך און פלעג אוועק־שטעלן צוויי שטיינדלעך און אַ דריט שטיינדל פלעג איך לאָזן קאַטשן אין דער מיט. — „אויב איך האָב געטראָפן, אַז דאָס קולקעלע האָט זיך אַריינגעקאַטשעט אין דער מיט, צווישןביידע שטיינדלעך, איז אַ סימן, אַז די מאַמע וועט אַהיים קומען פון שאַרגאָראָד!״

אַזוי איז די צייט געגאַנגען ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן צו ראַשן, אַז מען וועט נעמען אַלע יונגעלייט, וואָס זיינען 21 יאָר אַלט, פאַר סאָלדאַטן. מיין עלטערער ברודער, אהרן, האָט שוין געהאַט דריי קינדער: שמאי, מענדל און מיטיע, און מיין צווייטער ברודער שאַיע, איז געווען אַ בחור, אַ געזונטער יונג, אַ הויכער. האָט מען ביי מיין פאָטער געטרעבעוועט צוויי זין מיט איינמאָל, אהרן מיט שאַיען. אין שטעטל איז געווען אַ איד, וואָס האָט געהייסן משה־עלים, ער איז געווען דער סטאַראָסטע פון שטעטל. האָט מיין פאָטער באַשולדיקט משה־עלים, אַז ער איז שולדיק, וואָס מען האָט גערופן זיינע צוויי זין מיטאַמאָל צו מיליטער. איך געדענק, אַז עס איז געווען אויף דער נאַכט, איידער מען גייט מיט די הקפות, ווי מיין פאָטער האָט מיך געטראָגן אויף די הענט און איך האָב געהאַט אַ פאָן מיט אַ רויט

עפעלע און מיט א ליכטל. מען איז זיך דעמאָלט צונויף געקומען ביי קריינטשע חיים־אָבעס, און מהאָט דאָרט געטרונקן דעם שמחת תורה; אזוי־ווי דער עולם איז געווען אביסעלע באַטרונקען, און אזוי־ווי מיין פאָטער האָט דעמאָלט דערזען משה־עלים, האָט ער אים דערלאַנגט דעם ערשטן פּאַטש, און עס האָט אָנגעהויבן צו פליען פּעטש אָן א שיעור. אויף מאָרגן איז געווען פאַר אונז קליינע חדר אינגלעך א פּראַזדניק. אין פּלוש און אין שול זיינען געלעגן קנעפּלעך פון די אָפּגעריסענע מלבושים, וואָס די קינדער האָבן געקליבן און זיך גע־פרייט מיט זיי. אָבער די פּעטש האָבן ניט געהאָלפן; מהאָט אנער־קענט אהרונען, פאַר עלטער פון 21 יאָר און מהאָט אים ניט גענומען, נאָר שאַיע'ן האָט מען צוגענומען פאַר א סאָלדאַט. דעמאָלט איז געווען דער רוסיש־טערקישער קריג. אזוי ווי מען האָט שאַיען צוגע־נומען פאַר א סאָלדאַט, געדענק איך, האָט די מאַמע געטראָגן א טאָפּ מיט היסן באָרשט פון דער טרינישקע מיט דריי דרייפיסלעך, האָט זיך דער ליימענער טאָפּ צובראָכן און זי האָט זיך שטאַרק אָפּגעבריט, און זי האָט זיך געלייגט אין בעט אריין און איז שוין מער ניט אויפגעשטאַנען.

צוויי טאָג פאַר פּסח, איז מיין מוטערס ברודער'ס, דעם פעטער יאַנקעל'ס טאָכטער, פייגע, געלעגן געוואָרן. איר מאַן איז געוועזן א מלמד, ער האָט געהייסן נחמן לייב, ווי געוועגליך, אַן אָרעמאַן. האָט מען געדאַרפט דעם קינד א נאָמען געבן דעם ערשטן טאָג פּסח. מיין מוטער, ליגענדיק אין בעט, האָט זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן צי דאָס קינד איז שוין געבוירן געוואָרן. מיין טאַטע איז דעמאָלט געווען אין ברעזעוועקע, און האָט געאַרבעט פאַר'ן פּריץ אין דער גראַלנע, און איז טאַקע דעמאָלט אהיים געקומען אויף פּסח. דאָס ערשטע וואָס מיין מוטער האָט אים געזאָגט: „אַלעם האָב איך צוגעגרייט אויף פּסח, נאָר איך וועל ניט זיין."

נאָך מיין מוטערס טויט

און דעם ערשטן טאָג פּסח, גאַנץ פרי, געדענק איך, ווי אירע דריי ברידער, דודיע, יעקב און שמואל זיינען געקומען צו אונז גאַנץ פרי

און האָבן גערעדט צו דער מאַמען, און די מינוט, ווי זיי זיינען אוועק געגאַנגען איז זי אויסגעגאַנגען. און שלמה שמש איז אריין געקומען און האָט זי צוגעדעקט און אונז געהייסן קומען אין שול און זאָגן קדיש. און אַזוי ווי דעם פעטער שמואלס שטאָט אין שול איז געווען לעבן מיין פאָטערס שטאָט, האָט זיך דער פעטער שמואל דערוואוסט, אַז מיין מוטער איז שוין ניטאָ.

אין דעם קליינעם שטעטל טשערנאָוויץ איז געווען אַ מנהג, אַז איינער איז געשטאָרבן דעם ערשטן טאָג יום־טוב, איז געווען די לויה דעם זעלבן טאָג. אַזוי ווי קיין פּאַרטיקע תכריכים זיינען נישט געווען, האָבן קריסטליכע פרויען געניית די תכריכים, ווייל עס איז געווען דער ערשטער טאָג פּסח, האָבן יידן ניט געטאָרט אַרבעטן. צו גיין צום בית־עולם האָט מען געדאַרפט אַריבערגיין אַ בריק, און עס איז געווען אין די צייטן פון רעגנס, און ווען דער שניי הייבט אָן זיך צוגיין — איז דאָס וואַסער געגאַנגען איבער דעם בריק. און אַזוי האָט מען זי אַריבערגעטראָגן איבערן בריק אין וואַסער צום בית־עולם צום מקבר זיין.

אין דער צייט ווען מען האָט איר רעכט געטאָן, געדענק איך, האָב איך מיך געשפּילט מיט די קינדער, אַז איך האָב געזען ווי אַנדערע וויינען, האָב איך אויך געוויינט, ווייל איך האָב נישט פאַר־שטאַנען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך אינגאַנצן.

און דאָס קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן, דעם פעטער יאַנקעלס אייניקל, האָט מען גלייך אַ נאָמען געגעבן דעם צווייטן טאָג פּסח נאָך מיין מוטער — שיינדל. און ביי אַלעמען איז דאָס געווען אַ געוואַל־דיקער נס, וואָס דער נאָמען איז נאָך געבוירן געוואָרן ווען מיין מוטער האָט נאָך געלעבט און איצט ליגט זי נישט אָן אַ נאָמען אין קבר.

פּסח איז אַוועק. מיין פאָטער איז צוריק געפאָרן אַרבעטן אין בערעזעווקע, און דעם גרויסן „פּאַלאַץ", וואו מיר האָבן געוואוינט, האָט מען פאַרדינגען דעם אַלקער צו שלום־אייקע, זיין פרוי האָט געהייסן עטיע, און זיי האָבן ביי זיך געהאַט אַ אינגל, אַ יתום, — יעקב האָט ער געהייסן, און מיר פלעגן צוזאַמען גיין זאָגן קדיש, ווייל יעקב איז אויך געווען אַ יתום.



מיין בילד אין יאָר 1905

מיין ברודער אהרן האָט זיך אויך אַריינגעצויגן צו אונז אין שטוב אַריין, מיט זיין חדר, און אַזוי ווי עס איז געווען ספירה, האָט ער געלערנט אַ גאַנצן טאָג מיט די קינדער וועגן דער ספירה, אַז זיי זאָלן וויסן דעם „יסוד" פון יעדן טאָג. די קינדער פלעגן דאָס לערנען, אָבער איך האָב דאָס איבערגענומען בלויז פון הערן ווען ער האָט געלערנט מיט די אַנדערע קינדער. איינמאָל קום איך אין קליינעם שולעכעל זאָגן קדיש, רופט מיך צו מיין פעטער איטשי — ניט אַבי אַ פעטער — מען האָט אים גערופן איטשי ר' מרדכ'עלים. אַ איד, וואָס האָט ניט גערעדט אום שבת קיין דברי־חול, נאָר העברעאיש. רופט מיין פעטער צו אַ פּאָר שיינע אידן און פרעגט מיך, וואָס פאַרא יסוד איז היינט? און געפרעגט וועגן די יסודות פון די אַנדערע טעג אין דער וואָך. און איך וויים אַלץ. איך זאָג, און זיי פּראָבירן מיך אַראָפּפירן פון וועג, אָבער איך האַלט זיך, איך קען יעדן ענטפער גענוי. דער פעטער איטשי האָט גאָר אַנגעקוואָלן פון מיינע ענטפערס.

אַזוי איז אַריבער דער זומער און מיין פאָטער האָט באַגעגנט אַ יונגע פרוי, זי האָט אויך געהייסן שיינדל, אַזוי ווי מיין מוטער. איר מאַן האָט זי פאַרלאָזט מיט אַ צייט צוריק און זי איז געבליבן אַליין מיט אַ אינגל, יוויזיב האָט ער געהייסן, און אַזוי ווי זי האָט ניט געוואוסט וואו איר מאַן געפינט זיך — האָט זי ניט געקענט קריגן אַ גט, און דערפאַר ניט געקענט חתונה האָבן. האָט מיין פאָטער זיך געווענדעט צו אַ רב אין מאָהילאָוו־פּאָדאָל, און דער רב האָט זיך אונטערגענומען איר צו געבן התר, כדי זי זאָל קענען חתונה האָבן. דער דין איז, אַז אין אַזאַ פאַל, דאַרף מען האָבן חתימות פון הונדערט רבנים. און דער רב האָט שוין געקראָגן די הונדערט אונטערשריפטן פון רבנים, און מיין פאָטער האָט מיט איר חתונה געהאַט, אַ קאַרג יאָר נאָך מיין מוטערס טויט.

נאָך מיין רעכענונג, איז מיין פאָטער דעמאָלט אַלט געווען ביי אַ 49 יאָר. זיינען מיר דעמאָלט געווען אין הויז זעקס קינדער, און בלויז דער עלצטער איז געווען פאַרהייראַט. איינער פון די קינדער, שאַיע, איז געווען ביי מיליטער, מאיר'ן האָט מען איבערגעלאָזט אין שטאָט ביי דער מומע ביילע'ן. די עלטערע שוועסטער, פייגע, איז אויך געבליבן אין שטעטל.

ווען די מאַמע איז געווען געזונט, איידער זי איז קראַנק געוואָרן, פלעגט זי זיצן מיט אַ שטעל אין מאַרק און פאַרקויפן קליייניקייטן, — ווי סטענגעס מיט פּאַטשערקעס, מיט קעמעלעך און נאָדלען און שפּיל־קעס און אַנדערע זאַכן. נאָך מיין מוטערס אָפּשטאַרבן האָט מיין שוועסטער פייגע איבערגענומען די שטעל מיט דער קראָם, און איז געבליבן וואוינען ביי אונז אין שטוב, כאָטש מיר האָבן עס געהאַט פאַרדונגען צו איינעם — אָבער מיט אַ תנאי, אַז פייגע זאָל האָבן דאָס רעכט צו וואוינען אין אונזער הויז. און די דריי קינדער, וואָס זיינען מיטגעפאָרן מיט מיין פאָטער, ווען ער האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט, זיינען געווען: קעניע, נחמן און מיך האָט מען אויך מיט־גענומען.

ווען מיר זיינען אַרויסגעפאָרן קיין בערעזאָווקע, איז געווען אין מיטן ווינטער, און מיר זיינען געפאָרן מיט אַ שליטן און דער שניי איז געווען גרויס, און דער שליטן האָט זיך געגליטשט און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ אַנטלויפט פון מיר. מיר האָט זיך נישט געדאַכט, אַז דער שליטן לויפט — נאָר אַז די פעלדער מיט אַלץ אַרום לויפן. און ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו דער שטיפמאַמען אין דאָרף אַריין, און מען האָט מיך אַוועק געזעצט אויף דער ערד מיט אַ שיסעלע קאַשע מיט מילך, און דעם קליינעם יוזיב, דער נייער מוטערס אינגל, אויך מיט אַ שיסעלע קאַשע מיט מילך, האָב איך מיין שיסעלע קאַשע אויפגעגעסן, און גלייך אויך גענומען זיך צו יוזיב׳ס שיסעלע, און איך געדענק, אַז דער טעם פון צווייטן שיסעלע איז שוין נישט געווען אַזוי גוט ווי פון מיין טעלערל קאַשע.

אין דאָרף איז געווען אַ חדר, האָט די שטיפמוטער יוזיב׳ן מיט־געגעבן אַן איי מיט ברויט און מיר האָט זי מיטגעגעבן פּיסגע ברויט, ווען מיר זיינען געגאַנגען אין חדר־אַריין לערנען. פלעג איך צונעמען ביי יוזיב׳ן דאָס איי און האָב עס אויפגעגעסן. ער איז אַלט געווען 4 יאָר און איך זיבן. ער איז געווען גרויס געוואַקסן און איז געווען אַזוי גרויס ווי איך, און מיר האָבן אויסגעזען ביידע גלייך.

אָבער, אַז עס איז געקומען אַ יום־טוב, זיינען זיך די קינדער צונויפגעקומען אַהיים צום טאַטן אויף יום־טוב, האָט זיך די מומע,

מיין טאַטענס ווייב, זיך אָנגעברוגז'ט און פלעגט אָנקאָכן אַ סך עסן און אַליין ניט געגעסן, נאָר פלעגט זאָגן צו אונז, — עסט און וואָרגט זיך, איך עס ניט. דערווייל, אַזוי ווי מיין ברודער מאיר איז געווען אין שטאָט און שאַיע האָט געדינט, האָט ער שוין געהאַט פּריווילעגיע, אַז מען זאָל אים ניט נעמען פאַר קיין סאָלדאַט.

האָט מען אים צונויפגעפירט מיט אונזערער אַ קוזינע, איטע, דעם פעטער משה'ס אַ טאָכטער. דער פעטער איז שוין נישט געווען, נאָר די מומע חוה־עניע, אַן אַלמנה. עפּעס האָט מען אים **געגעבן אביסל** נדן האָט מ'האָט זיי ביידע חתונה געמאַכט, און דערווייל, איז ער אַלט געוואָרן 21 יאָר און ס'האָט נישט געהאָלפן וואָס ער האָט געהאַט אַ „דריטע פּריווילעגיע", וואָס האָט געמיינט, אַז ווייל דער עלטערער ברודער איז שוין געווען ביי מיליטער — האָט מען אים ערשט באַדאַרפט נעמען שפּעטער. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן, מען האָט אים צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט, און מען האָט אים אַוועקגעשיקט אויפן קאַווקאַז, האָט שוין מיין פאָטער געהאַט צוויי זין סאָלדאַטן.

און דער רוסיש־טערקישער קריג האָט זיך דעמאָלט, נאָר וואָס געענדיגט, און מען האָט שוין ניט געדאַרפט האָבן אַזויפיל מיליטער אין דער רוסישער אַרמיי — האָט מען אָנגעהויבן זוכן וועגן, ווי אַזוי מען זאָל פאַרקלענערן די אַרמיי. האָט מען אָנגעהויבן אין דער אַרמיי צו זוכן און צו זען ווער עס איז פון די שוואַכערע סאָלדאַטן, — האָט מאיר זיך אָנגעגעבן, אַז ער איז שוואַך. ס'איז אָבער נישט געגאַנגען, מען האָט אים נישט אָנגענומען פאַר קיין שוואַכן. און שפּעטער האָט מען אַהיים געשיקט אַלע פאַרהייראַטע סאָלדאַטן, און אַזוי ווי מאיר איז געווען פאַרהייראַט, האָט מען אים גלייך אַהיים געשיקט. און ווען ער איז אָנגעקומען אין יאַמפּאָלע און האָט געקראָגן דאָרט זיינע פּאַפּירן (פון יאַמפּאָלע ביז טשערנאָוויץ איז דאָ 20 וויאָרסט), האָט זיך די נייעם צוטראָגן ווי אַ וואַלד־פייער, אַז דער „צאַר" וועט נישט נעמען מער קיין פאַרהייראַטע מענער אין דער אַרמיי, און אין יענער נאַכט איז אין טשערנאָוויץ פאָרגעקומען 24 חתונות אין דער איינער נאַכט, איידער מיין ברודער איז נאָך אָנגעקומען אין שטעטל אַריין. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס געזעץ איז נאָר גילטיק ביז זונטיק, און

דערנאָך, האָט מען דערציילט, אַז מען האָט עס פאַרלענגערט נאָך אויף א וואָך, און דערנאָך אויף צוויי וואָכן, און פאַרלעך האָבן געהאַלטן אין איין חתונה האָבן. ס'איז געווען א ברכה פאַר אָרימע מיידלעך און פאַר אָרימע עלטערן.

מענטשן האָבן זיך געשפּאַסט און עס אָנגערופן א „גזירה פון דעם הימל”, אַזוי, האָט מען אַלעמאָל נאָכדערציילט ווי מען האָט חתונה געהאַט אין דער „גזירה”, מען האָט נישט באַדאַרפט קיין קליי־דער, קיין שיך, קיין נדן, נאָר פיר דרענגלעך פאַר א חופּה.

אַזוי ווי מיין פאָטער האָט געהייסן משה, און א שכן אונזערער, האָט געהייסן אהרן, מיין פאָטער האָט געהאַט א ברייטע באָרד און אהרן דיימאָנד האָט געהאַט א שמאָלע באָרד, אַז זיי פלעגן צוזאַמען גיין פון דעם דאַווענען, פלעגן מענטשן זאָגן, — דאָ גייען משה מיט אהרנ'ען.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען ביי א זיבן יאָר. איך בין געווען קליין געוואַקסן און האָב שוין געלערנט א סדרה חומש, און ביי אהרן דיימאָנד איז געווען א אינגל אביסל עלטער פון מיר, ליפּע, און ער איז געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי איך, זיינען מיר געווען ביידע אין דער זעלבער כיתה. מאַכט זיך אַמאָל אין א מיטן ווינטער, האָט אביסל נאָכגעלאָזט דער פראָסט און ליפּע'ס פאָטער האָט געהאַט א פערד, און האָט עס געהאַלטן אין א שטאַל, און מען האָט געדאַרפט רייניקן די שטאַל. ליפּע האָט געהאַט א שליטעלע, געמאַכט פון צוויי ברעטלאַך מיט צוויי רונדע, צונויפגעשלאָגענע שטעקעלאַך, מיט א שטריקל. — אַזאַ שליטעלע איז עס געווען. זאָגט ער צו מיר, אַז אויב איך וועל אים אויסרייניקן די שטאַל וועט ער מיר געבן דערפאַר דאָס שליטעלע. נעם איך מיך צו דער אַרבעט און רייניק אויס דעם שטאַל און שמיר מיך גוט אויס, און ער האַלט וואָרט און גיט מיר דאָס שליטעלע א מתנה, און איך גיי אַהיים און בין גליקלעך.

ווי איך קום נאָר צו צום הויז און טו א קוק — מיין ברודער מאיר שטייט ביי אונזער הויז און קוקט מיך פאַרוואונדערט אָן, ווי איך בין אויסגעשמירט. איר ווייסט דאָך, ווי מען זאָגט ביי אידן, אַז ביי יעדער שמחה מוז זיין געמישט מיט טרויער, איז מיר שוין די

גאַנצע מתנה ניט איינגעגאַנגען, און עס איז פאַרשטערט געוואָרן די שמחה.

איין מאָל אַ נאָכמיטאָג, קומט מיין פּאָטער צולויפן אהיים פון דער אַרבעט מיט אַ בשורה, און זאָגט, ער האָט געהערט, אַז מיין ברודער שאַיע, איז שוין באַפרייט געוואָרן פון סלוזשבע און איז שוין דאָ אין טשערנאָוויץ, אָבער ער האָט אים נאָך נישט געזען. שאַיע איז אַהיים געקומען, אַ שיינער סאָלדאַט, פיין אָפּגעגאָלט דאָס פּנים. אַ הויכער איז ער געווען, און אויסגעזען ווי אַ קאָמאַנדיר אין זיין מילי-טערישן אָנצוג; אָבער באַלד אין עטליכע טעג אַרום האָט ער זיך געמוזט פאַרלאָזן אַ בערדל, און ער פלעגט עס אביסל צושערן בגנבה. ניט ווייט פון אונז איז געווען אַ דערפל סאַינקע, און דאָרטן איז געווען אַ איד מיטן נאָמען בנמין, און ער האָט געהאַט אַ מיידל, און איר נאָמען איז געווען מלכה, דוקא נישט קיין שיינע, אָבער דערפאַר נישט קיין נאַר. איז מיין ברודער שאַיע פאַר איר אַ חתן געוואָרן און האָט מיט איר חתונה געהאַט. האָט מיין פּאָטער געהאַט איצט דריי פאַר-הייראַטע זין: אהרן, מאיר און שאַיע.

אַזוי ווי מיר האָבן געוואוינט אין דאָרף, זיינען געווען אַ פּאָר הינער ביי דער שטוב. פאַרגלוסט זיך מיר אַמאָל, איך וויל זען צי די הון האָט אַן איי. נעם איך אַ הון און גיב איר אַ טאַפּ און וויס, אַז זי וועט באַלד האָבן אַן איי. נעם איך די הון און לייג זי אַרונטער אונטער אַזאַ גרויסער שיסל און זי איז צוגעדעקט, און גיי אַלעמאָל אַכטונג געבן, צי זי האָט שוין געלייגט דאָס איי. אַזוי ווי די הון האָט נישט געהאַט אונטער דער שיסל קיין לופט, — איז געוואָרן אויס הון.

מיר האָבן געהאַט אַ קאַץ, בינד איך אָן דער קאַץ אַ שטריקל אויפן האַלז און די קאַץ אַנטלויפט מיט דעם שטריקל אויפן האַלז. אַ דאגה מיר, די קאַץ איז נישטאָ. מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער, איך גיי אין גאָרטן צווישן די וויינשלבביימער, איך גיב אַ קוק, אונזער קאַץ שטייט פאַרפּרוירן צווישן די וויינשלבביימער אויף טויט, ווייל זי האָט זיך פאַרטשעפּעט דורכן שטריק און ניט געקענט גיין. האָב איך גענומען די קאַץ, זי אָוועק געטראָגן ערגעץ און קיינעם נישט אויס-געזאָגט און געמאַכט אַ שוויג.

ביי אונזער שכן, אהרן דיימאַנד, איז געווען אַ מיידל, איטע, האָט מען זי חתונה געמאַכט. צוליב דער חתונה האָט מען אויפגעשטעלט אַ גרויסן לייוונטענעם טענט אויף דער פּאַדווערע. אין יענער צייט, אַז מען האָט געמאַכט אַ חתונה, איז געווען שבת דאָס פאַרשפּיל, מאַנטיק, אַ חתן־מאָל, מיטוואָך, די חופּה, ביז דעם צווייטן שבת, האָט מען אַלע טאָג געמאַכט אַ פּאַראַד. געוויינליך, די טישן, די בענק, זיינען געווען פון רויע ברעטער, ניט קיין געהובלעוועטע. איז אויף דער חתונה געווען אַ אינגל אין מיינע יאָרן, נאָר אַ גרעסערער „חברה־מאַן" פון מיר, און מיר זיינען ביידע געזעסן אויף אַ טיש מיט ביידע פיס אויף דער באַנק. איך גיב אים אַ שטוך און ער גיט מיך צוריק אַ שטוך, ביז ער וואַרפט מיך אַראָפּ און האַקט מיר אויף די ברעמען פון אַן אויג, און עס איז געוואָרן אַזוי פאַרשוואָלן, אַז עס האָט צוגע־דעקט איינגאַנצן דאָס אויג.

דער חתן איז געווען אַ רויטער, ער האָט געהייסן חיים נעסטער. מיין שטיפמוטער האָט געהאַט אַ שוועסטער, אַ מיידל, פעסיע האָט זי געהייסן, און מיין שוועסטער פייגע האָבן ביידע געלאַכט פונם חתן, וואָס ער איז אַ רויטער. מיינט איר, וואָס איז געווען דער סוף? דער סוף איז געווען, אַז ביידע מיידלעך האָבן שפּעטער חתונה געהאַט און געקראָגן רויטע מענער . . .

איין מאָל, אין מיטן ווינטער, קומט אריין אַ גוי, אַ שיכור, וויל מיין שטיפמוטער אים ארויספירן, — גייט דער גוי אַרוים אין פעדער־הויז, גלוסט זיך מיר צו וויסן, וואָס עס הערט זיך דאָרטן. עפן איך אויף די טיר און לייג אריין מיין רעכטע האַנט צווישן דער טיר און דער וואַנט. — טוט זיך דער גוי אַ לייג אַוועק אויף דער טיר און מאַכט פון מיין האַנט אַ „למד".

צו קיין דאָקטאָר איז מען ניט געגאַנגען. מען האָט גענומען צוויי ברעטלעך און מען האָט אַריינגעלייגט די האַנט צווישן, און איך האָב אַזוי זיך אַרומגעטראָגן מיט די ברעטלעך אַ שטיק צייט, ביז עס האָט זיך פאַרהיילט.

אין דאָרף ביי אונז איז געלעגן טעלעגראַפן סלופּעס אויסגעלעגט, איז צווישן צוויי פון די סלופּעס געווען געננג אָרט, אַז איך זאָל זיך

קענען דורכשטופן, אָבער ווען עס איז געקומען צו דער באָרד, האָב איך זיך ניט געקענט דורכשטופן, ביז איך האָב אָפּגעריסן אַ שטיק פון דער געמבע, און איך האָב זיך דורכגעשטופּט. שפּעטער בין איך ארומגעגאַנגען אַ שטיק צייט מיט אַ וואונד אויף מיין באָרד.

איין מאָל שפּיל איך זיך מיט די יינגלעך. גייען פאַרביי צוויי פּריצטעס און פרעגן די יינגלעך, ווער איך בין. זאָגן זיי, דאָס איז משה'ס מיזינעק, און די פּריצים פרעגן מיך גלייך, וואָס טוט דיין מאַמע? זאָג איך, מיין מאַמע איז טויט. אַז די פריצטעס צעוויינען זיך אויפן קול, און איך אויף זיי קוקנדיק, האָב איך זיך אויך צעוויינט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב ריכטיג באוויינט מיין מאַמען; איך בין דעמאָלט 7 יאָר אַלט געווען.

די וואָך וואָס מען האָט געלערנט „משפּטים" האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר מיר, ווייל אין דער וואָך האָט מען שוין אָנגעפאַנגען צו קלערן פון אויסקליידן אויף פּסח. אין וואָס איז באַשטאַנען די קליידונג? אַ פּאָר מאַטקעס פון שטאַרקע פאַריסינע (קהאַפי), עס האָט געמוזט אויסהאַלטן ביז נעקסטן פּסח. קען מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי די מאַטקעס האָבן אויסגעזען אין אַ יאָר אַרום!

אין דאָרף איז געווען דער נגיד, נחום סאַדיג, האָט ער געהאַט אַ יידישע פרוי פאַר אַ דינסט, נאָר צום קאָכן, און זי האָט געהאַט אַ יינגל מיט זיך אין מיינע יאָרן. געהייסן האָט ער, חיים. שבת נאָכן טשאָלענט, פלעג איך צוגיין אהין צו זיי און מיר האָבן זיך געשפּילט אַזוי לאַנג ביז מיר האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אין טאַפּשאַן, וואו דאָס געשיר איז געלעגן פון דעם שבתדיקן אָנבייסן, און מיר האָבן צובראָכן געגנוג טעלער. איך בין פאַר ווייטאָג ארויף אויף דעם אייז און זיך געגאַנגען גליטשן. אפשר פאַר צען יאָר צייט, ווען נחום סאַדיק פלעגט מיך טרעפן ביים דאַווענען שבת, פלעגט ער מיך סטראַשען, אַז ער וועט מיך אָנקלאָגן אין געריכט פאַר די טעלער, וואָס איך האָב צעבראָכן.

אין יענע צייטן פלעגט ברענען אין שטוב אַ קאַרניצל, אַ לעמפּל אָן אַ גלעזל, בלויז אויבן דער קנויט האָט געברענט פון נאַפט. פאַר איין מאָל איז מיין פאָטער געפאָרן קיין שאַרגאָראָד אויפן יאַריד און ברענגט אַ קאַרניץ שוין מיט אַ גלעזל, און עס ווערט אין שטוב אַזוי ליכטיג.

מיין שטיפמוטער האָט צוגעהאָלפן אין דער פרנסה, זי פלעגט פאַרבן וואָל פאַר די גויאישע פרויען פון דאָרף. איז איין מאָל געקומען א גויע פון צווייטן זייט דאָרף און פרעגט, — וואָס איז דאָס פאַר א ליכטיקייט, וואָס מיר באַמערקן ביי אייך יעדע נאַכט?

מיין שוועסטער פייגע, וואָס איז געבליבן אין שטאָט מיט דעם קעסטל, פון וועלכן זי האָט פאַרקויפט אַלערליי סטענגעס און אַנדערע זאכן, איז שוין געוואָרן א גרויסע מויד פון 17 יאָר, און מען דאַרף שוין טראַכטן פון חתונה מאַכן. דאַרף מען נדן. האָט מיין פאָטער פאַרקויפט די אונטערשטע דירה פון אונזער הויז און מען האָט איר געגעבן נדן. מען האָט זי חתונה געמאַכט פאַר א בעל־מלאכה, א טאָקער, מיט דעם נאָמען, שלמה בראָמבערג. אָבער קיינער האָט אים ניט געקענט ביי דעם נאָמען בראָמבערג, נאָר שלמה טאָקער. ווען ער איז ביי אונז געוועזן דאָס ערשטע מאָל, געדענק איך אים ווי ער האָט אויסגעזען, — שיין, יונג, ניט באַוואָקסן. שפּעטער האָב איך געהערט, אַז ער האָט געמאַכט א בילמע אויף דעם רעכטן אויג, כדי מען זאָל אים נישט נעמען פאַר קיין סאָלדאַט. מאַכט זיך, אַז ווען עס האָט שוין געזאָלט פאָרקומען די חתונה, אַז די חתונה קען ניט זיין, ביז מען וועט דעם חתן געבן געלט אויף חתונה־קליידער. ואגב, מען האָט געהערט, אַז עפּעס א חברה שווינדלערס, האָבן אים פאַרקויפט א מאַשינקע, וואָס מאַכט פּערציקערס, — די 20 קאָפּיקעס. אין שטעטל איז געווען א ייד מיטן נאָמען שאַנטל, ער פלעגט פאַרקויפן אָפּענעם טוטין אָן באַנדעראָלערס. האָבן זיי דעם שאַנטלען געגעבן די „פּערציקערס”, אַז ער זאָל זיי אויסטוישן, ווען ער פאָרט אויף יאַרידן. וואָס טוט דער שאַנטל? ער קומט צולויפן צו זיי און דער־ציילט א מעשה, אַז מ'האָט אים געכאַפּט מיט די פאַלשע געלט און ער מוז באַצאָלן כדי זיך אויסצוקויפן פון די פּאָליצייאישע הענט. ואגב, דערפאַר, האָט מיין שוועסטער'ס חתן פאַרלוירן אַלץ, און איצט, צו דער חתונה, האָט ער ניט פאַר וואָס זיך צו לאָזן מאַכן די חתונה־קליידער. מסתם האָט ער שוין באַקומען געלט פון מיין פאָטער און האָט זיך אויסגעקליידט. אין יענער צייט פלעגט זיך א חתן אָדער א כלה געדאַרפט אויסקליידן, אַז עס זאָל סטאַיען אויף דעם גאַנצן לעבן.

די חתונה איז געווען אַרום פּורים צייט. אין דאָרף איז געוועזן אַ געמויערטע קרעטשמע, די פּאַנסקע קרעטשמע, האָט מען זי גערופן, ווייל זי איז געווען דאָס אייגנטום פון פּריץ. דאָרט האָט געוואוינט אַ ייד מיט'ן נאָמען, שלמה בלימעס. די צווייטע פרוי זיינע האָט געהייסן בלימע. — דערפאַר האָט מען אים גערופן, — שלמה בלימעס. זיין פאַמיליען־נאָמען איז גאָר געווען גרינשפּאַן, ער האָט געהאַט אַ שטעלע אין מיהל, וואו מען האָט געמאָלן מעהל און ווייץ, קאָרן, פּאַפּשויעס. די גוים פלעגן ברענגען אין מיהל אריין צום מאָלן — און אזוי ווי די גוים פלעגן ניט צאָלן מיט קיין געלט, נאָר מיט אַ „מערטשוק", אַזאַ מאָס. אזוי ווי דעמאָלט האָט שלמה בלימעס געוואוינט אין דער קרעטשמע, און האָט בלויז פאַרנומען אַ ווינקל פאַר זיין וואוינונג אין דער קרעטשמע, וואו מען האָט אַמאָל פאַרקויפט בראָנפן — און איצט איז זי געשטאַנען ליידיק — האָט מען דאָרט אין דער גרויסער קרעטשמע געמאַכט מיין שוועסטער'ס חתונה. אין די צייטן, ווען מען פלעגט דאָרט פאַרקויפן בראָנפן, איז געווען אַ גרויסע שטוב, און אין אַ ווינקל איז געווען אָפּגעצאַמט מיט גאַנץ גרויסע שטאַכעטן, און אַז די גוים פלעגן וועלן אַ קוויטירל בראָנפן, האָט מען עס אים דערלאַנגט דורך אַ טירל, וואָס פלעגט זיך עפענען דורך די שטאַכעטן. אין יענעם יאָר האָבן די גוים זיך געמאַכט אַן אייגענע קרעטשמע, זיי האָבן ניט געוואָלט דעם פּריץ'עם קרעטשמע. האָט מען דאָרט געקענט מאַכן די חתונה פון מיין שוועסטער. אזוי ווי מיין פאָטער האָט שוין געהאַט דריי פאַרהייראַטע קינדער, האָט מען באַשטעלט פאַר די דריי פאָר פאָלק, ביי די אַרומיקע גוים, אַ פּלאַץ איינצושטיין איבער דער חתונה וואָך.

איך געדענק, אַז עס זיינען געווען צוויי סאַרוואַרענס פון שטעטל, און מען האָט געהאַלטן אין איין באַקן און איין קאָכן, און אַז ס'איז געקומען דער טאָג פון דער חופה, איז געקומען די משפחה צו דער חתונה. ס'איז אויך געקומען דער פעטער הערש, און די מומע פון אירעע. דער פעטער הערש איז געווען דער איינגסטער ברודער פון מיין פאָטער. ער איז געווען אַ איד אַ גביר, און די מומע האָט געטראָגן אַ דימענטן הערצל. נאָך דער וועטשערע איז דאָס פּאָרל — די חתן־כלה, אנטרינען געוואָרן.

אויף מאָרגן איז געווען דער אָביאַד, און עקסטרע מאָלצייט, איידער די מחותנים זיינען זיך צופאָרן. אויף דעם צווייטן שבת זיינען ביי מיין פאָטער אין הויז שוין געווען פיר פאָר־פאָלק. אזוי ווי יענעם ערב שבת, איז געווען שיין אין דרויסן, האָבן די יונגע מענער געוואָלט צייגן ווער עס קען ברענגען וואסער אויף די קראָמיסלעס, אָנגעטאָן אויף די אַקסל, און די אינגערע האָבן זיך געסטאַרעט צו ווייזן ווער עס קען בעסער, און אזוי האָבן זיי דערווייל אָנגעטראָגן אַ גאַנץ פאַס וואסער.

אויף יענעם פסח האָט מען מיר געמאַכט אַ גאַרניטער, און אָנצוג פון קהאַקי, ביי אַ שניידער, שמחה שניידער, האָט מען אים גערופן, און מיין ברודער נחמן, אויך פון דעם זעלבן שטאָף. אזווי מיין ברודער נחמן איז געווען צוויי מאָל אזוי גרויס ווי איך, איך קען נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט פארשטיין, ווי דער שניידער האָט געקענט מאַכן אַזאַ טעות: — אַז ער האָט מיינע קליינע אַרבל אריינגענייט אין מיין ברודער נחמנ׳ס דזשאַקעט, און נחמנ׳ס גרויסע אַרבל האָט ער איינ־גענייט אין מיין דזשאַקעט. איר דאַרפט פארשטיין, אַז מיר האָבן געוואוינט אין דאָרף, און דער שניידער אין שטאָט. און דעמאָלט האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהאַט די זכיה אָנצוטאָן אַן אָנצוג. איך געדענק, אַז ערב פסח, ווען מען האָט מיר אָנגעטאָן דעם גאַרניטור, און מען האָט מיך געשיקט ברענגען די חרוסות, און איך האָב געפילט ווי דאָס גאַנצע דאָרף וואָלט געווען מיינס. ווען עס איז געקומען שבועות, האָט מיין ברודער נחמן ערגעץ פארטשעפעט די הויזן און געמאַכט אין זיי אַ ריס. וואָס טוט מען? אין דאָרף איז נישטאָ קיין שניידער, אין דער היים טאָר מען וועגן דעם ניט ווויסן. איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן: אזויווי ס׳איז געווען אַ שוסטער אין דאָרף, איז מען אוועק צום שוסטער, און ער האָט פארנייט דעם ריס.

זומער איז מען געגאַנגען באָרועס, ביז עס איז געוואָרן קאַלט, און די פיס פלעגן ווערן דעמאָלט ווי קאָרע פון אַ דאָמב. שטיוועלעך פלעגט מען מאַכן פון אַ קעלבערנע פעל, וואָס מיין פאָטער פלעגט אַ מאָל שעכטן אַ קעלבעל און די פעל אוועקגעבן צו אַ גאַרבער אויס־צואַרבעטן אויף לעדער, יעבט, פלעגט מען עס רופן, און אַז מען האָט

דאָס געגעבן צום שוסטער, און ביז מען האָט דערלעבט, אַז ער זאָל עס מאַכן, און אַז ער האָט שוין פאַרטיק געמאַכט די שטיוול, האָבן זיי ערשט געקוועטשט און עס איז שוין בעסער געווען צו גיין באָרוועס, ווי צו גיין אין די שטיוועלעך.

איין מאָל איז געווען אין דאָרף אַ קראַנקהייט אויף הינער. מיר האָבן ניט געוואוסט, אַז עס גייט אַרום אַזאַ קראַנקהייט אין דאָרף. קומט צוגיין אַ גוי פון דעם אַנדערן זייט דאָרף מיט עטליכע הינער. מיר קויפן זיי ביי אים, און ווי דער גוי גייט אַוועק, הייבן זיי אָן צו פאַלן טויט. נעמט מען די הינער און מען זאָגט צו מיר: „שמאי, נעם די הינער און טראָג זיי אָפּ צום גוי, און נעם אָפּ דאָס געלט." איך קום צום גוי און ברענג אים די טויטע הינער. ער טוט גאָר ניט, נאָר גיט מיר אַ זעץ אין קאָפּ, און עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגן און די שטוב הייבט זיך אָן צו דרייען מיט מיר. איך בין געפאַלן צו דער ערד, און ווען איך בין געקומען צו זיך, בין איך אַהיים געגאַנגען.

מיינע חדרים

אין די פיר יאָר, ווען איך בין אַלט געווען פון 7 ביז 11, בין איך אַביסל געגאַנגען אין חדר, ניט כסדר, ווייל די קינדער מיט וועמען איך האָב צוזאַמען געלערנט, זיינען געווען אָרעמע קינדער, און מען האָט ניט געקענט צאָלן דעם מלמד, האָט מען דערפאַר אין דאָרף ניט געהאַלטן, אַ שטיק צייט, קיין מלמד, און דערפאַר האָט מען ניט כסדר געקענט לערנען. איין מאָל, האָט מען צוגענומען אַ נייעם מלמד, אַ קליינער, בלינד אויף אָן אויג און אַ האָרב אויף די פּלייצעס, נאָר אַ גרויסן קאַנטשיק האָט ער געהאַט. וואָס טו איך? איך נעם דעם קאַנטשיק און באַהאַלט אים אונטער אַ פּלויט ביז דער „זמן" איז איבערגעגאַנגען, און נאָך דעם „זמן", ווען דער מלמד איז אַוועק, האָב איך דעם קאַנטשיק אַרויס גענומען פון אונטער דעם פּלויט, און איך האָב זיך געפילט ווי אַ זיגער.

מיין פאָטער׳ס פּרנסות. אין דער יוגנט האָט ער געפּרובירט פאַרשידענע מסחורים. אין יענער צייט האָט מען ניט געוואוסט פון

קיין וואָג, נאָר מען פלעגט קויפן אַלץ ביים גוי אויפן מעסטל. מיין פאָטער האָט נאָך דעמאָלט געוואוינט אין קליין טשערנאָוויץ. האָט מיין פאָטער, צוזאַמען מיט די אַנדערע יונגעלייט, איינגעפירט אַזאַ מעסטל צום מעסטן, און אַלע זאָלן האָבן דאָס זעלבע מעסטל, דערמיט ניט צו קאָנקורירן ביים קויפן, אַז איינער זאָל ניט געבן מער און ניט קיין קלענערע מאָס ביים קויפן אָדער פאַרקויפן.

איין מאָל איז מיין פאָטער געפאָרן קיין אָדעס. ס׳איז דעמאָלט נאָך ניט געווען קיין אייזנבאַן, און ס׳האָט גענומען פון אונז פיר וואָכן מיט דער אַקס, און ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער גאַנצער משפחה. מיין פאָטער פלעגט זאָגן, אַז אַ מענטש דאַרף ביז 40 יאָר זוכן אַליין צו האָבן אַ געשעפט, און אויב עס גייט ניט, זאָל ער אויפגעבן דאָס זוכן און גיין אַרבעטן פאַר יענעם. די שטעלע, וואָס מיין פאָטער האָט געהאַט, איז געווען אין אַ ברויערײַ, וואו מען מאַכט בראָנפן, און פון דעם אָפּפאַל האָדעוועט מען די בהמות, און דאָס האָט מען אָנגערופן „בראַ״. און מיין פאָטער׳ס אַרבעט איז געווען אויפצופאַסן ווי מען האָדעוועט די בהמות. אין דעם דאָרף בערעזעוויקע איז געווען אַ גראַלניע, און פון דעם אָפּפאַל פון בראָנפן פלעגט מען האָדעווען די בהמות.

אין דער גראַלניע האָט מיין פאָטער געאַרבעט זעקס חדשים אַ יאָר. דריי חדשים אין אָנפאַנג ווינטער, און דריי חדשים אין אָנפאַנג זומער. אַמאָל האָט מיין פאָטער געאַרבעט דירעקט ביים פריץ פון הויף, און אַמאָל ביי אַ פריוואַטן מענטש, וואָס פלעגט אָפּדינגען די „בראַ״, און ער פלעגט קויפן אָקסן און זיי האָדעווען מיט דער „בראַ״, און זיי שפּעטער פאַרקויפן אין די גרויסע שטעט אויף פלייש. געקראָגן פאַר דער אַרבעט האָט מיין פאָטער צען רובל אַ חודש, אַ מאָל האָט ער באַקומען 12 רובל. איין מאָל מאַכט זיך, אַז מיין פאָטער קריגט נישט די שטעלע, ניט ביים פריץ און ניט ביי דעם, וואָס דינגט עס אָפּ. און עס איז געווען שלעכט אָן אַ שיעור.

זומער, ווען מען האָט אין פעלד געשניטן דעם ווייץ, פלעגן די גוים שניידן מיט דעם סערפּ און דערנאָך מיט דער האַנט מאַכן פון זיי סנאָפּעס און איינגעטיילט זיי אין שאָקס. דאָס מיינט, 60 די צאָל,

און דער פּריץ פלעגט די גוים באַצאָלן אַ געווויסע סומע געלט פאַר דער אַרבעט, און דערצו האָט ער זיי נאָך געגעבן צו יעדן שאָק אַ טרונק בראָנפן. איז מיין פאָטער געווען דער פּאַרטיילער פון בראָנפן פאַר די אַרבעטער, און שפּעטער האָט מען אויסגערעכנט, וויפיל שאָק מען האָט געבונדן. פאַר אַזוי פיל קוויטירלעך בראָנפן האָט מיין פאָטער געקראָגן באַצאָלט פונם פּריץ, און עס איז געווען פאַר מיין פאָטער אַ גוטע פּרנסה די פאַר וואָכן.

איין מאָל געפין איך אַ סערפּ און גיי אַוועק אין פעלד, וואו מען שניידט דעם ווייץ, און נעם אויך שניידן דעם ווייץ; איך בין דעמאָלט אַ צען אָדער עלף יאָר אַלט געווען, און די גוים באַפאַלן מיך מיט פראַגן: — „וואו קום איך, אַזאַ קליינער אינגל, צו שניידן ווייץ?" זיי הויבן אָן שרייען, „מאָשקאַ"! און זיי רופן מיין פאָטער און שרייען: — „דיין קליינער זון שניידט סנאָפּעס".

יעדן שבת און יעדן יום־טוב פלעגט מען מאַכן מנין ביים בוכ־האַלטער פון דער גראַלנע, חנא האָט ער געהייסן, און ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער. ער האָט יאָ געהאַט צוויי מיידלעך, זיינען זיי געשטאָרבן פון דיפטעריע. איין מאָל אין אַ יום־טוב סכות, האָב איך געטראָגן אַן אתרוג און אַ לולב צום בענטשן, איידער מען שטעלט זיך דאַווענען. איז געווען אַ יונגע ווייבל, וואָס האָט געשוועגערט — נעמט זי ביי מיר דעם אתרוג און בענטשט, און איך גיי און ברענג דעם אתרוג צוריק צום מנין. — דערזעט מען, אַז דער פּיטום איז געווען אָפּגעריסן און איז געווען צוגעשפּילעט מיט אַ שפּילקע. אַזוי איז גאַנץ קהל געבליבן אָן אַן אתרוג, ווייל מען האָט שוין נישט געטאָרט בענטשן מיט דעם קאַליע געוואָרענעם אתרוג. פאַרוואָס האָט די שווענגערדיקע פרוי אָפּגעביסן דעם שפּיץ פון אתרוג? ווייל עס איז געווען אַן אַבערגלויבן, אַז דאָס איז אַ סגולה צו האָבן דאָס קינד.

פאַר פּסח, איז געווען אין אוקראַינע די שוואַרצע ערד צעווייקט אין בלאָטעס, אַזוי, אַז מיט קיין פערד און וואָגן האָט מען נישט געקענט פאָרן. אין טשערנאָוויץ איז נאָך נישט געווען איינגעשטעלט קיין פּאָסט־אַמט. די בריוו פון דער וועלט פלעגן קומען קיין בער־זעווקע, ווייל אין בערזעווקע איז געווען אַ „פּאָסט־וועג", פלעגן אַלע

בריוו אָנקומען אין דער גראָלנע אריין, און פון דער גראָלנע האָט מען די בריוו איבערגעשיקט קיין טשערנאָוויץ. אָבער, אַז עס איז געווען אַ שלעכטער וועג, און מען האָט נישט געקענט פאָרן, — זאָגט מען צו מיר: — „שמאילע, נעם זיך אונטער צו גיין קיין טשערנאָוויץ פון בערעזאָווקע און דעליווערן די בריוו״. זאָג איך: „יאָ״, און נעם דאָס פעקל בריוו און גיי באָרוועס, ווייל די שטיוועלעך טראָג איך אויפ׳ן פּלייצע, און גיי קיין טשערנאָוויץ צופוס און דעליווער די בריוו. פאַר אַ פּשוטן בריוו, האָב איך זיך געהייסן באַצאָלן צוויי קאָפּיקעס, און פאַר אַ רעגיסטרירטן בריוו — פינף קאָפּיקעס. בין איך שוין געוואָרן אַ בריוו-טרעגער אויך.

מיין שוואָגער, שלמה טאָקער, האָט זיך איצט באַזעצט אין דער שטוב פון מיין פאָטער׳ס הויז אין קליין טשערנאָוויץ. ער האָט געהאַט דריי פּרנסות: — טאָקעריי, פּאַרקויפט בראָנפן אָן אַ פּאַטענט, און די שוועסטער מיט׳ן קעסטל איז זיך אָנגעגאַנגען מיט איר קראָם ווי מיידעלוויז. האָט ער זיך גענויטיגט אין אַן ארויסהעלפער צו זיינע געשעפטן, און צו ניאַנטשען דאָס קינד, און צו טרייבן די ציג אין טשערעדע, און אויך אַכטונג געבן ביים פּאַרקויפן בראָנפן. האָט מען מיך צו אים אריינגעגעבן צו לערנען טאָקעריי אויף דריי יאָר, און דערפאַר דאַרף ער מיר געבן בלויז דאָס שטיקל ברויט, און פאַר דעם פערטן יאָר — 50 רובל צוצאָלן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 12 יאָר. די טאָקארניע האָט מען באַדאַרפט דרייען מיט׳ן פוס. עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט, האָט ער אַוועקגעשטעלט פאַר מיר אַן עקסטרא וואַרשטאַט צו אַרבעטן. אַז ס׳איז מיר אָבער געווען נישט גוט ביי אים, ווייל ער איז געווען אַ שלעכטער, פלעג איך יעדעס מאָל אַנטלויפן אַהיים, קיין בערעזאָווקע. ער האָט מיך געדאַרפט, פלעגט ער גיין צו דער שטיפמוטער, און איך האָב געמוזט גיין צוריק. הכּלל, ס׳איז מיר געווען שלעכט, ס׳איז אויסגעקומען אַמאָל, אַז איך האָב מיך אַוועקגעשטעלט און געוויינט ביי אַ וואַנט אַ גאַנצן טאָג, און קיינער האָט מיך נישט געפרעגט פאַר וואָס איך וויין. אַזוי איז דאָס געווען.

דערווייל האָט מען גערעדט דער אינגערער שוועסטער, קעניע׳ן, אַ שידוך פון בעסאַראַביע, פון דעם שטעטל בריטשעוו, און מיין

פּאַטער איז געפּאָרן אָנקוקן, און געשלאָסן דעם שידוך. די חתן־כּלה האָבן זיך נישט געזען. שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן, נאָך די תּנאים, זיינען געקומען דער חתן און זיין פּאַטער און מוטער, און מען האָט געמאַכט אַ „רעכט", ווען עס זאָל זיין די חתונה, און זיי האָבן חתונה געהאַט, און מען האָט מיין שוועסטער קעניג גענומען קיין בריטשעוו וואוינען.

און מיין ברודער נחמנ'ען האָט מיין ברודער מאיר באַזאָרגט מיט אַ שטעלע אין דעם שטעטל „אירע", וואו דער פעטער הערש האָט געוואוינט — ביי אַ מלמד אַלס אַ באַהעלפער, צו לערנען מיט די קינדער. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען צו גיין אהיים צו די קינדער יעדן אינדערפרי צו זאָגן מיט זיי „מודה־אני", און ווען עס איז געווען אַ בלאָטע, צו טראָגן די קינדער אין חדר אַריין. און דערפאַר האָט ער דעמאָלט געקראָגן 25 רובל אַ זמן! דאָס איז געווען 6 חדשים צייט. מיין ברודער נחמן האָט געהאַט אַ גאָלדענעם קאָפּ, האָט ער געקענט גוט העברעאיש. ווען ער איז אַליין געווען אַ חדר־אינגל, זיינען געווען אַנדערע קינדער, פון רייכע עלטערן, און זיי האָבן געקראָגן די בעסטע מלמדים פאַר זיי צו לערנען — און דאָס איז געווען די הצלחה, וואָס אויך נחמן האָט געהאַט די געלעגנהייט צו לערנען ביי אַ גוטן מלמד. איצט, ווען ער איז געווען אַ באַהעלפער, איז אים זיין לערנען זייער צונוץ געקומען.

איצט איז די „מומע" שוין פּטור געוואָרן פון אַלע, אונזער טאַטענ'ס קינדער, פון שטוב.

מיין פּאַטער האָט מיט דער מומען געהאַט אויך פיר קינדער, אַריינגערעכנט אַ אינגעלע און אַ מיידעלע, וואָס זיינען ביים געבורט געשטאָרבן. מען האָט געזאָגט, אַז די מומע האָט געפּאַרבט די וואָל פאַר די פּויערים, פלעגט זי ביים קאָכן די פאַרב הויבן די שווערע טעפּ, דערפאַר זיינען די צוויי געבוירן געוואָרן טויט. ווען זי האָט באַדאַרפט האָבן די טויטע קינדער, איז זי געזעסן לעבן איר מוטער און האָט געהאַלטן אין איין בעטן גאָט, אָבער עס האָט גאָר נישט געהאָלפן. ווען זי האָט באַדאַרפט האָבן דאָס דריטע קינד, איז געווען אַ שבת אינדערפרי, און מיר זיינען אַלע אַוועק צום מנין, און דער

פאָטער רופט אריין אַ שכנה צו מעלקן די קוה. אינמיטן די קוה מעלקן גיט מיין פאָטער אַ געשריי צו דער מעלקערין, אַז זי זאָל אָפּ־לאָזן דאָס מעלקן און גלייך אריינקומען אין שטוב, און עס איז גע־בוירן געוואָרן אַ לעבעדיק מיידעלע, און דער פאָטער איז גלייך געקומען צום מנין און האָט איר אַ נאָמען געגעבן, עטיע־רבקה, נאָך מיין פאָטער'ס צוויי שוועסטער. און שפּעטער האָט די מומע געהאַט נאָך אַ מיידעלע — האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן נאָך דער סדרה: חייה־שרה. האָט די מומע שוין געהאַט אירע דריי קינדער. יוזיב איז געווען דער עלטסטער, וועמען זי האָט מיטגעבראַכט, ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט מיין פאָטער, און איצטער די צוויי מיידלעך, עטיע און שרה. געוויינליך, אויף אַ יום־טוב פלעג איך מיט מיין ברודער נחמן קומען אהיים. די צייט גייט, און איך ווער 13 יאָר אַלט, און הייב שוין אָן תפילין צו לייגן. האָט מיין עלטערער ברודער, אהרון, געקויפט אַ פּאָר תפילין פון אַן אָרעמען אידן, און מען האָט זיי איבער־געזען ביי אַ סופר מיט נייע רצאות, און אַ מאָנטיק האָט מיך מיין ברודער, אהרון, גענומען צו זיך אין קליינעם שולכעל, און איך בין געוואָרן אַ גרויסער בחור, און האָב שוין באַדאַרפט אַליין זיין פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר מיינע אייגענע זינד.

איר מעגט מיך גלויבן, אַז איך פלעג דאַווענען, און איך האָב קיין איין וואָרט נישט פאַרפעלט, און שבת פלעג איך, איידער מען גייט אין שול דאַווענען — אָפּזאָגן גאַנץ תהילים מיטאמאָל, און צוויי מאָל מעביר זיין די סדרה און איין מאָל זאָגן תרגום.

איך האָב געבעטן גאָט, אַז דער באַלעבאָס מיינער זאָל ווערן בעסער, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. איך פלעג מוזן אַנטלויפן אהיים. איין מאָל, אין אַ פסח, קומט אויף יום־טוב אהיים צו שלמה בלומעס אַ זון, מיט'ן נאָמען קלמן, אַ בלעכער, ער האָט געאַרבעט אין מאָהילאָוו — און זאָגט צו מיר, אַז ער ווייסט אין מאָהילאָוו אויף דער „סטאַוויסקע" איז דאָ אַ סטאָליער, וואָס האָט אויך אַ טאָקערייַ, און ער דענקט, אַז איך קען דאָרטן קריגן אַרבעט. נעם איך און פאָר אַוועק קיין מאָהילאָוו, און פאַרפאָר צו דער חנאַ'כעס אַ שוועסטער, און ניט ווייט פון איר איז געווען דעם סטאָליער'ס וואַרשטאַט. איך קום אהין

און בין געפעלן געוואָרן, און מען נעמט מיך צו צו דער ארבעט. איך ארבעט די ערשטע וואָך, און ווען עס קומט שבת, קומט קלמן אינדער־פרי מיר ווייזן די שטאָט מאָהילאָוו. שבת זיינען די קלייטן צוגעמאכט, און ווי גרויס דער מארק איז — איז קיינער ניט געווען. נאָר אזויווי די שטיינער פון דער גאס האָט מען ניט געוואַשן, און עס איז געווען א הייסער טאָג, איז פאר די פליגן געווען זייער א גוטער טאָג.

אָבער איך האָב מיך פארבענקט אהיים, און האָב איבערגעלאָזט די שטעלע און זיך געלאָזט גיין אהיים צופוס א 30 וויאָרסט. און אז איך בין געקומען אהיים, איז באלד געקומען שלמה טאָקער — און איך בין ווידער ביי אים.

4 אין דער פרי וועקט מען מיך, איך מעלק די ציג און טרייב זי אין טשערעדע. ביי 9 אזייגער שטעל איך מיך דאוונען. א גליק פאר דעם ארבעטער איז געווען דאָס דאוונען, דעמאָלט האָט ער זיך אויסגערוט. פארנאכט ווידער מנחה, און דערנאָך ווידער ארבעטן, ביז 10 אזייגער אָדער ביז 11 אין דער נאכט, און אמאָל א גאנצע נאכט. אזוי האָט זיך אמאָל געמאכט, אז מען האָט געארבעט א גאנצע נאכט, און איך בין געווען פארשלאָפן, און צו פאליטורן מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיג, ניט ארויפצוליפן אביסל צופיל. איך האָב געטריבן די דרייבאנק און דער פאָליטור האָט זיך אָפגעוואַשן. דעם אנדערן אינדערפרי בין איך געווען אזוי מיד, אז איך האָב מיך צוגעלייגט שלאָפן ביי דער הייסער הריבע און האָב מיך אָפגעבריט, אז עס האָט גענומען א לאנגע צייט ביז עס האָט זיך פארהיילט. עס פלעגט זיך יאטערן, פלעג איך ארויפגיסן לאַקיר, פאָליטור צו מאכן א הויט אויף דער וואונד. און ביז היינטיקן טאָג האָב איך א סימן אויף דער לינקער האנט ביי דער דלאָניע פון דעם אָפבריען זיך.

עס איז ווידער אוועק א שטיקל צייט און איך בין ווידער אוועק פון מיין ארבעטס פלאַץ. איך פאָר קיין סאָראָקע, יאַקאָש האָב איך זיך דערשלאָגן קיין סאָראָקע, בעסאראביע. אביסל בין איך געפאָרן און אביסל צופוס געגאנגען, ביז איך בין אָנגעקומען אהין. מיין פאָטער האָט אין סאָראָקע געהאט א קאָזין, שמחה, האָט ער געהייסן. א שיינער פרומער איד, מיט א סך נחלאות. נאָר איך בין ניט געגאנגען צו אים, נאָר צו א טאָכטער פון ליפע סטאָליער. איר מאַן איז געווען א

שניידער, זיי זיינען געווען זייער פיינע מענטשן. איך האָב אויפגע־זוכט איינעם א יאָסל טאָקער, א גוטער באַלמעלאָכע, נאָר א גרויסער אָרימאַן, מיט צוויי מיידן, און אזוי ווי איך בין געווען קליין געוואַקסן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט און מיך ניט געוואָלט אָנשטעלן צו דער ארבעט. איך האָב דאָרט בלויז איבערגענעכטיגט, און די וואַנצן האָבן געביסן.

איך פאָר ווידער אהיים, און ווידער צו שלמה טאָקער, אזויווי די אמאָליקע שקלאַוון אין דער סאַוט.

נאָך זומער קומט ווינטער, און ווינטער איז קאַלט, און מען מוז זיך אָנטאָן, אז ס'זאָל זיין ווארים. מיין שוועסטער פייגע איז געווען א גרויסע, מיט גרויסע בריסטן — האָט זי געהאַט א רויט געפּאַסט לייבעלע, וואָס זי האָט עס שוין מער ניט גענדארפט. האָט מען מיר דאָס אָנגעטאָן, ס'זאָל מיר זיין ווארים. אָבער אז עס איז געוואָרן ווידער זומער, האָב איך אויסגעטאָן דאָס לייבעלע און עס ארויסגע־וואָרפן אויף דעם בוידים. איינמאָל האָב איך עפּעס באַדאַרפט אויף דעם בוידים, איך דערקען מיין רויט לייבעלע, איז באַקראָכן מיט כנים.

מיין שוועסטער פייגע האָט געבוירן דאָס ערשטע קינד, יאָסל, האָט ער געהייסן. צו זעקס וואָכן האָט זי עס „פארשלאָפן" ; עס מיינט, אז זי האָט דאָס קינד צוגעדריקט ביים זייגן צו די בריסטן, ביז דאָס קינד איז דערשטיקט געוואָרן — ווען זי איז איינגעשלאָפן. און דערנאָכדעם, א יאָר שפּעטער, האָט זי ווידער געבוירן א מיידעלע, שיינדל, און דאָס קינד איז אויך אזוי „פארשלאָפן", דערשטיקט גע־וואָרן פון אירע גרויסע בריסטן אין בעט. און דערנאָך האָט זי געבוירן א אינגל, דוד, האָט ער געהייסן. איז דאָס געווען מיין ארבעט אים צו ניאַנטשען, ווייל מיין שוועסטער פייגע האָט געהאַנדלט אין מארק מיט איר קעסטל, און שלמה, איר מאַן, פלעגט ארומלויפן זוכן מציאות, האָב איך געמוזט אכטונג געבן אויף דעם שענק ; איז מיר איין מאָל איינגעשלאָפן דאָס קינד, האָב איך מיך דערשראָקן. איך האָב געמיינט, אז דאָס קינד איז טויט, און איך טאָרע דאָס קינד צו זען צי ער לעבט.

איין מאָל, ווי איך שטיי און ארבעט אויף דער צווייטער טאָ־קערניע, כאַפּט מיין באַלעבאָס, שלמה, א שארפשטיין און גיט עס א

וואָרף, און, חלילה, ווען ער טרעפט עם מיר — דערהרג'עט ער מיך. איך פאַרלאָז אים ווידער, און פאַר קיין שאַרגאָראָד. דאָרטן איז אויך געווען אַ טאָקער, יאַנקל טאָקער. אָבער עם האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָר ניט, ער האָט מיר נישט געוואָלט געבן קיין אַרבעט.

די דריי יאָר פון מיין לער ביי שלמה טאָקער האָבן זיך געהאַט געענדיגט, און איך דאַרף שוין קריגן אַ רובל אַ וואָך פון שלמה טאָקער, איך קען שוין גוט אַרבעטן. אונזער שכן, אהרן דיימאָנד, איז געווען פון דעם שטעטל דראַזשנע, איז ער דאָרטן געווען צו גאַסט, און דאָרטן איז געווען אַ טאָקער, זאָגט אהרן דיימאָנד צו מיר: — „ווילסטו פאָרן קיין דראָזשנע?" דערציייל איך מיין פאָטער, אַז יאָ, אַז איך וויל פאָרן קיין דראָזשנע. איך פּאַק איין דאָס נייטיקע, אַ סידור מיט תפילין, און איך געדענק, ווי דער פאָטער האָט אויפגע־עפנט די קאַנאַפּע און צווישן די קליידער געפינט ער אַ קניפּל, און נעמט פון דאָרט אַרויס אַ רובל מיט 50 קאָפּיקעס און גיט מיר אויף הוצאות. איך גיי און שטעל מיך אויפ'ן פּאָסט־וועג, וואו די פּאָסט וועגן גייען פאַרביי קיין זשערין און פון דאָרט קיין ראַכנע. דאָרטן דאַרף איך נעמען די אייזנבאַן קיין זשמערינקע, קיין קאַזאַטין, און פון דאָרטן קיין דראַזשנע, און ווי איך שטיי אַזוי אין דעם איינפאָר אין ראַכנע, און איך זע צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אַ אידישן יונגנמאַן אָפּגעגאָלט די באָרד. איך הער ער רעדט אידיש. דאָס איז נישט קיין קריסט, עס איז אַ איד אָן אַ באָרד. איך זע, ער עפנט אַ רענצל מיט אַ סך שניפּסן און געפּרעסטע העמדער, וואָס איך האָב אויף מיין לעבן נישט געזען.

עס קומט די צייט ווען די באַהן דאַרף אָפּגיין, איך וואַרט מיט אומגעדולד, איך וויל זען די באַהן. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי מען פלעגט דערציילן, אַז די באַהן פליט, און עס האָט מיך גאָר נישט איבערראַשט, מיר האָט אויסגעזען, אַז די באַהן פאָרט גאַנץ פּאַוואָליע. איך קויף אַ בילעט און בין שוין אין באַהן. איך זע מענטשן, פאַר־שידענע. אייניקע פּרויען, וואָס האָבן מיטגעהאַט אַ האַנט־שפּינדל און האָבן כסדר געשפּינט וואָל און פלאַקס אויף דעם שפּינדל. ראַכנע איז געווען אויפ'ן וועג פון קיעוו קיין אָדעס. איך קום אין זשמערינקע, און דאָרטן דאַרף מען בייטן די באַהן. מערקווירדיג, איך באַגעגן אַ

פרוי פון טשערנאָוויץ, די צווייטע פרוי פון חיים אזיק. זי איז ערגעץ געפאָרן. איך וויל עסן, איך און נאָך מענטשן גייען ערגעץ און קויפן א גרויסע בולקע מיט מילך. איך עס און די באַהן קומט אָן קיין קאַזאַטין.

דאָרטן איז א אָרט, וואו די באַנען צובייטן זיך. איך שטיי און באוואונדער די לאָקאָמאָטיוון, ווי אזוי זיי מאַרשירן אהין און אהער, ביז איך זעץ מיך אויף קיין דראַזשנע. איך קום אָן קיין דראַזשנע ביינאַכט, ערגעץ אונטערגענעכטיגט, גאַנץ פרי האָט מען מיר געוויזן וואו דער טאָקער וואוינט.

איך נעם זיך צו דער ארבעט, עס איז געווען גלייך נאָך פסח. ער מאַכט מיט מיר דעם פּרייז, 50 רובל פּאַר א יאָר.

דאָס שטעטל דראַזשנע איז געבויט גענוי ווי אונזער שטעטל טשערנאָוויץ. דער ראָטהויז, די קאַזשיאָנע קלייטן און דער פּירעקיקער רינג, און דאָס הויז, וואו דער טאָקער האָט געוואוינט, האָט אויסגעזען ווי מיין מומע ביילעס הויז אין טשערנאָוויץ. דאָס הויז איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק, אזוי ווי דער מומע ביילעס ירושה־שטוב, אקוראַט.

דער טאָקער, א יונגער־מאַן מיט א שוואַרץ בערדל, א שפּיציקס, און די פרוי, א יונגע, קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט. קיין באַשטעלונגען זיינען נישט געווען אויף נייער געמאַכטער ארבעט, נאָר ער האָט געאַרבעט אויף טאַנדעט. מען פלעגט אָנאַרבעטן פון ליפּינע האָלץ, בעטלעך פאַר קליינע קינדער און פושקעלעך פאַר פעפער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי עפּל, באַרן, און אז מען האָט אָנגעאַרבעט א סקלאַד מיט סחורה — איז ער, דער טאָקער, ערגעץ אוועקגעפאָרן, נישט ווייט אין א שטעטל, וואו עס איז קיין טאָקער נישט געווען און האָט דאָרט אַלץ פאַרקויפט. מיר פלעגן אויך מאַכן קליינע שפּילכלעך פאַר קינ־דער, וואָס האָט זיך גערופן „טעליגעלעך", וואָס האָט אויסגעזען ווי פעסלעך מיט וואַסער אויף רעדלעך, און פייפלעך און אנדערע קינדער שפּילעכלעך, און אויך פלעגט מען ביי אונז אין ווערקשטוב צורעכט מאַכן שירעמס (אמברעלערס). שלמה טאָקער, וואו איך האָב פריער געאַרבעט, פלעגט אויך פאַרריכטן אמברעלאַס, אָבער נישט איך און נישט שלמה טאָקער, האָבן געקענט מאַכן א נייע דעק אויף אַן אמ־

ברעלער. נאָך דער דראַזשנער טאָקער האָט יאָ געקענט, אָבער ער פלעגט זיך היטן פאַר מיר, ווען ער האָט עס צוגעשניטן, איך זאָל נישט כאַפּן דעם שניט. איך האָב פון אים געלערנט ווי אַזוי צו מאַכן פּושקעלעך.

איין מאָל, אין אַ שבת, איך גיי אַרום אויסקוקן די שוהלן אין דראַזשנע, בעת מען דאַוונט, אינדערפרי. איך קום אַריין אין אַ שול און טו אַ קוק, שטייט אַ יונגער־מאַן אין אַ טלית און זעט אויס ווי שואל נחום סאַדיק׳ס, אַ זון פון בערעזעווקע, און איך בין נישט זיכער צי עס איז ער, צי ניט. שטיי איך און קוק אויף אים. און אַזוי טוט ער אַ קוק אויף מיר, און זאָגט צו מיר: — „שמאַי, ווי קומסטו אַהער?“ דערציילט איך אים אַלץ, און נאָכן דאַוונען גיי איך צו אים אויף דער סטאַנציע, און איך בין מיך גאָר מחיה, וואָס איך האָב געטראָפן אַ היימישן מענטשן.

אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט ביי דעם טאָקער ביז שבועות. נאָך שבועות זאָגט צו מיר מיין באַלעבאָס, אַז פון יעצט וועט זיך ערשט אָנפאַנגען דאָס יאָר — ביז איבער אַ יאָר שבועות, און די זעקס וואָכן, וואָס איך האָב ביז איצט אָפּגעאַרבעט וועלן פאַררעכנט ווערן פאַר די יום־טובים, וואָס מען וועט נישט אַרבעטן.

און ווי איך האָב דאָס דערהערט, איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. איך אַרבעט שוין נישט, ווייל ער זאָגט היינט שוין אַנדערש און האַלט נישט קיין וואָרט, און וואָס וועט ער נאָך זאָגן שפּעטער? איך גיי אַרום און זוך אַן עצה ביי מענטשן. מען הערט מיך אויס, און קיין הילף פון קיינעם קריג איך נישט.

איך האָב קוים אויסגעבעטן ביי דעם טאָקער אַ רובל מיט 50 קאָפּיקעס פאַר די זעקס וואָכן אַרבעט, איך זאָל האָבן מיט וואָס אַהיים צו פאָרן.

איך פאָר צוריק אַהיים דורך קאַזאַטין קיין זשמערינקע, און פון זשמערינקע קיין שאַרגאָראָד מיט אַ באַלעגאָלע, און פון שאַרגאָראָד קיין בערעזעווקע, און אויפ׳ן וועג פון שאַרגאָראָד קיין בערעזעווקע, האָט מיט מיר פּאַסירט אַן אומגליק: דער ווינט האָט אַראָפּגעיאָגט מיין קאַשקעט פון קאָפּ, און איך קום אַהיים אין בלויזן קאָפּ אָן אַ

היטל. און דער טאַטע דערזעט מיך אָן אַ היטל צוריק. „נו,“ זאָגט ער, „פון דיר וועט שוין קיין לייט נישט זיין, קענסט זיך נישט האַלטן אויף קיין פּלאַץ“.

אַזוי־ווי מיין שוואָגער, שלמה טאָקער, איז געוואָר געוואָרן, אַז איך בין דאָ צוריק פון דראזשנע, האָט ער זיך נישט געפוילט און איז געקומען צעפאָרן קיין בערעזעווקע, צו מיין פאָטער, און מיך גערופן צוריק צו אים אַרבעטן.

פון די 25 וואָכן, וואָס עס האָט זיך גערעכנט פון פּסח ביז סוכות, האָט שוין געפעלט 15 וואָכן, און עס איז געבליבן בלויז 10 אַרבעטס־וואָכן. און מיין שוואָגער, שלמה, האָט זיך מיט מיר באַדונגען, ער זאָל מיר צאָלן 10 רובל פאַר די 10 וואָכן אַרבעט. איך בין שוין געווען אַ גאַנצער בעל־מלאכה.

אין שטעטל איז געווען אַ יונגער סטאָליער, מאיר דעם לייכטער־מאַכערס אַ זון, אַ גוטער בעל־מלאכה. ער האָט געמאַכט אַ נייעם אָרון קודש פאַר דער גרויסער שול, און האָט דעמאָלט באַדאַרפט האָבן האַלב רונדע אויסגעשניטן פון אַ שטיקל האָלץ צו באַפּוצן דעם אָרון קודש, און דאָס מוז געמאַכט ווערן אויף דער טאָקערניע. איז גראָד, דער באַלעבאָס, שלמה טאָקער, נישט געווען אין שטאָט, האָב איך דאָס געדאַרפט מאַכן, און האָב עס געמאַכט גוט, און מען האָט גערעדט וועגן מיר ווי וועגן אַ גוטן בעל־מלאכה.

איין מאָל, אין אַ שבת, גיי איך מיט עטליכע אינגלעך אויפן דאָרף צו איינעם אַ סטאָליער, אַ גוי, וואָס האָט אויך געהאַט אַ טאָקערניע, און ער האָט געהאַט אַ סאַד מיט פאַרשידענע פרוכטן, ווי עפּל, באַרן און פלוימען, און צוליב מיר האָבן אויך מיינע חברים מיט מיר געהאַט אַ גוטן טאָג. דער זומער איז אַוועק. איין מאָל, אין אַ שבת, זע איך, משה טיפּקעס גייט אַנגעטאָן אַ ווייס העמד, וואָס ער האָט אַליין אויפ־גענייט. ער האָט זיך געלערנט פאַר אַ שניידער, און איך האָב אים מקנא געווען.

עס איז שוין אַריבער די 10 וואָכן, און עס איז שוין ראש־השנה. איך בעט מיינע 10 רובל פון מיין באַלעבאָס, און ער וויל נישט געבן, און ער האָט באַשוווירן מיין שוועסטער, זיין ווייב, „אַז אויב זי

וועט מיר געבן די 10 רובל — זאָל איר די הענט אָפּגעדאַרט ווערן". דערוויילי, וואָס טוט מען? איך בין קליין געוואַקסן, און אַז עמיצער נעמט צו אַן אַרבעטער, ווייל מען, אַז ער זאָל זיין אַ יונג מיט ביינער. די סטאָליאַרעס פון טשערנאָוויץ און אַרום דער געגנט, וואָס שלמה טאָקער פלעגט פאַר זיין מאַכן די טאָקעריי אַרבעט, האָבן געוואוסט, אַז שלמה גייט כסדר אַרום אין מאַרק און זוכט מציאות, און איך אַליין מאַך די גאַנצע אַרבעט. זאָגן די סטאָליאַרעס צו מיר, און גיבן מיר אַן עצה: — „מאַך דיר אַליין אַ טאָקאַרניע, און מיר וועלן דיר געבן די אַרבעט". אין דעם דאָרף בערעזעווקע, איז געווען ביים פּריץ אַ מאַשיניסט, אַ קריסט, אַ גילדערנער בעל־מלאכה, ער האָט געהאַט צוויי אינגלעך אין מיינע יאָרן, און ווען איך בין געווען אין בערע־זעווקע, פלעג איך מיך חבר'ן מיט די אינגלעך, און דער פאָטער זייערער, האָט מיך גוט געקאָנט און מיך שטענדיק באַוואונדערט, וואָס איך קען און פאַרשטיי אַזוי גוט מיין אַרבעט. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 16 יאָר. האָב איך אים אויסגעפּלאַנעוועט וואָס פאַראַ טאָ־קאַרניע איך וויל, און ער נעמט זיך אונטער מיר צו מאַכן דאָס אייזנ־ווארק, וואָס מען האָט באַדאַרפט צו אַ טאָקאַרניע. דאָס האָלץ פאַר דער טאָקאַרניע האָב איך געלאָזט מאַכן ביי מאיר סטאָליער. איך האָב אויסגערעכנט, אַז איך דאַרף אויף צו עפענען דאָס געשעפט אַ 35 רובל. אין אַ זונטיק, אַ מאַרקטאָג, אַ יעריד, ווען מיין שוועסטער פייגע איז געשטאַנען מיט איר קראָם — בין איך צו איר צוגעגאַנגן און בעט די 10 רובל, האָט זי אָוועקגעלייגט די 10 רובל און זאָגט צו מיר: — „נעם זיי", ווייל זי האָט מורא געהאַט זיי אָנצורירן, ווייל איר מאַן האָט דאָך זי געהאַט באַשוואוירן, אַז זי טאָר מיר נישט געבן דאָס געלט — דערפאַר האָט זי עס אָוועקגעלייגט.

איך האָב גענומען די 10 רובל און באַצאָלט דעם מאיר סטאָליער פאַר דעם גאַנצן געשטעל מיט דעם הילצערנעם ראָד. און וואָס טוט מען ווייטער? איך דאַרף דאָך נאָך האָבן 25 רובל צו באַצאָלן פאַר די אייזן און צו קויפן אביסל האָלץ צו דער אַרבעט.

מיין ברודער שאַיע איז דעמאָלט געווען „גוט־אָפּ", ער איז גע־וועזן אַ שענקער אין בערעזעווקע. ווען ער זאָל געווען וועלן, וואָלט

ער מיר געקענט העלפן מיט די 25 רובל. אָבער ער האָט נישט גע־האָלפן, און נישט געוואָלט.

שאַיע איז צו מיר געקומען אַ זונטיק. ס'איז געווען טשערנאָ־וויצער יאַריד, ער וויל זיין אויפן יאַריד, מיין ברודער שאַיע, זאָל איך שטיין אין שענק און פאַרקויפן בראָנפן צו די גוים. בין איך גע־שטאַנען זונטיק און פאַרקויפט בראָנפן. פאַרנאַכט איז מיין שאַיע געקומען און האָט מיר געגעבן אַ גאַנצן רובל פאַר דעם טאָג.

מיין ברודער נחמן, אַן עלטערער פון מיר, איז דעמאָלט געווען אין שטעטל אירע, ביים פעטער הערש פון סוביעטיוווקע. ס'האָט באַדאַרפט זיין אַ יאַריד אין אירע, דאַרף איך פאָרן זען נחמנ'ען וועגן קריגן די 25 רובל, וואָס איך נויטיג זיך פאַר דעם געשעפט צו עפענען. די צייט איז שוין דעמאָלט געווען נאָך די יום־טובים, אין דרויסן איז שוין קאַלט און בלאָטיג און עס רעגנט אונטער צוביסלעך, און איך בין נאַקעט און האָב נישט וואָס אָנצוטאָן אויף זיך, אין וואָס צו פאָרן צו מיין ברודער נחמן. מיין ברודער אהרן, דער עלצטער, האָט געהאַט אַ זון, שמאַי. האָט מען אים געשענקט אַן אַלטן אויבערראָק, האָט ער מיר אים געבאָרגט, און איך האָב געמאַכט די רייזע קיין אירע צו מיין ברודער, און נחמן האָט אפילו איין וואָרט נישט גערעדט, נאָר האָט מיר געגעבן צוויי צעטעלעך, אַזעלכע אָנווייזונגן, איינעם פאַר 15 רובל צו יאָנטעל מינקיוועצקי, אונזערער אַ קאָזין, און דאָס צווייטע, פאַר 10 רובל, צו מרדכי לעזער קאַרוויסאַרסקי. זיי ביידע האָבן זיך אויך מיט אונז אָנגעקערט געשוועסטערקינדער, איינער פון מיין פאָטער'ס צד און דער צווייטער, פון דער מאַמע'ס צד.

מיין ברודער נחמן האָט געהאַט געלט ביי זיי אויף פּראָצענט, און דאָס געלט, וואָס איך האָב באַקומען, איז געווען אַ טייל פון דעם.

דער מאַשיניסט האָט געמאַכט די טאָקאַרניע אַן אַנטיק, אַ מאָ־דערנע. מען האָט זי געקענט שטעלן וואו מען האָט געוואָלט, ווייל די אַנדערע אַלטמאָדישע טאָקאַרניעס האָט מען געמוזט אונטערשפּאַרן ביז צום באַלקן, אַנדערש האָט מען מיט זיי נישט געקענט אַרבעטן. האָב איך שוין אַ טאָקאַרניע.

וואו שטעלט מען זי? אין מיין פאָטער'ס הויז אין דאָרף, איז

קיין פּלאַן נישט. דער פעטער שמואל, מיין מוטער׳ס ברודער, וועלכער איז געוועזן אַ ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט פאַר 25 יאָר, האָט געוואוינט ביי שמואלקע קצב אין דער הינטערשטער דירה. די שטוב איז געוועזן אַ נייע, האָט ער באַשטאַנען, אַז פאַר די שפּענער און סטרוזשקעס פון האָלץ, וואָס וועלן אָפּפאַלן פון מיין אַרבעט ביי דער טאָקאַרניע, זאָל איך קומען און איינשטעלן מיין וואַרשטאַט אין קיך, און איך האָב מיט מזל זיך אַהין אַריינגעצויגן מיט דער טאָקאַרניע.

איצט דאַרף מען פאָרן אין וואַלד אַריין קויפן מאַטעריאַל — האָלץ צום אַרבעטן. לעבן זשערין איז געוועזן אַ גוטער וואַלד מיט גוטער יאָסין האָלץ. — „עס איז קאַלט, איך קען נאָך פאַרפרוירן ווערן". — האָט דער גוי, וואָס איך בין מיט אים געפאָרן, מיר גע־באָרגט אַ פּעלץ, און איך בין אַזוי געפאָרן אין וואַלד אַריין. אין וואַלד איז געוועזן אַ נאַמן, מיינער אַ קאַזין, שלמה האָפּמאַן, דעם פעטער איטשי׳ס אַן איידעם. איך קום אין וואַלד און קויף דאָס האָלץ און דער קאַזין שלמה, לאַכט פון מיר, וואָס איך גיי אין אַ גויאישן פּעלץ. מיך האָט עס פאַרדראָסן, אָבער איך האָב זיך נישט וויסנדיק געמאַכט.

איך ברענג דאָס האָלץ אַהיים און שטעל מיך אַרבייטן, און ביז פּסח האָב איך געהאַט אָפּגעצאָלט נחמנ׳ן די 25 רובל־חוב. בין איך שוין אַ ריינער אָרימאַן, איך בין קיינעם נישט שולדיק. אַ פּאָר טעג פאַר פּסח קומט צו מיר מיין עלצטער ברודער, אהרן, איך זאָל אים אַרויסהעלפן מיט אַ פּאָר רובל אויף פּסח, און איך האָב אים געגעבן וויפיל ער האָט פאַרלאַנגט, קיין געוואַלדיק גרויסע סומע איז דאָס נישט געווען, אָבער די פּאָר רובל איז געווען אין יענע צייטן „אַ גרודע מיט גאָלד". און פאַר מיר האָב איך איצט געמאַכט אַ פּאָר פּאָריסיניע הויזן אויף פּסח, ווייל ביז איך האָב נישט אָפּגעצאָלט מיין חוב צו מיין ברודער נחמן, האָב איך קיין איין קאָפּיקע נישט אויסגעגעבן אויף זיך.

אויף שבועות האָב איך זיך שוין אַביסל צוגעקליידט, און אַז איך בין געקומען אויף שבת קיין בערעזעווקע צו מיין פאָטער — האָט מען מיך שוין מכבד געווען מיט מפטר.

אזוי ווי דער פעטער שמואל האָט זיך ארויסגעצויגן פון שמואלקע קצב, האָב איך זיך אַריבערגעצויגן צו אברעמעל קצב אין אבאשקע, וואו ער האָט אַמאָל באדארפט האַלטן אַ בהמה ביז ער האָט זי באַ־דארפט קוילען אויף פלייש.

יענעם זומער איז מיין שוועסטער, קעניע, געקומען צו גאַסט צו מיין פאָטער און אויף קבר־אָבות צו דער מאַמען, מיט אַ קינד, אַ אינגעלע, יעקב, האָט עס געהייסן. און איך האָב געמאַכט פאַר׳ן קינד אַ בעטעלע צום שלאָפן, און אַ שטולעכל צום זיצן, און דאָס בעטעלע איז נאָך איצט דאָ, האָט מען מיר איבערגעגעבן, אין דעם שטעטל בריטשעוו, בעסאַראַביע, מען וויגט מיין שוועסטער׳ס אור אייניקלעך אין דעם, אזוי גוט און שטאַרק האָב איך עס אויסגעאַרבעט, און אַז אויך דאָס שטולעכעל, וואָס איך האָב געמאַכט, איז נאָך אויך דאָרטן דאָ, היינט נאָך 63 יאָר.

עפּעס איז געקומען אַ רעוויזאָר קיין טשערנאָוויץ און איז אַרומ־געגאַנגען זוכן, צי מען האָט „פּאַטענטן". איז געווען אַ ייד, עליע שענדעריוויקע׳ס, איז ער געגאַנגען פון הויז צו הויז מיט דעם רעוויזאָר און האָט „געמאַכט אַקטן", דאָס מיינט, אַז ער האָט פאַרמאַכט דעם וואַרשטאַט, מען זאָל נישט טאָרן אַרבעטן ביז מען וועט באַצאָלן פאַר׳ן פּאַטענט, אַז מען האָט אַן דערלויבניש צו אַרבעטן. ווען ער איז געקומען צו מיר מיט דעם רעוויזאָר, האָט ער מיר אויך געמאַכט אַן „אַקט", און איך האָב געמוזט באַצאָלן 10 רובל פאַר׳ן פּאַטענט, כאָטש לויט געזעץ האָב איך געמעגט אַרבעטן אָן אַ פּאַטענט, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין אַרבעטער אָנגעשטעלט, נאָר געאַרבעט איינער אַליין.

אויף ראש־השנה האָב איך מיך שוין אויסגעקליידט מיט אַ גוטן אָנצוג און אָן אויבעררְאָק אַ שיינעם, מיט גוטע שיך מיט קאַלאָשן. נישט ווייט פון דער באַשקע, וואו איך האָב געאַרבעט, האָט געוואוינט אַ פיינע פאַמיליע, נפתלי זעליקס. זיי האָבן געהאַט 4 קינדער: רייזע, די עלטערע טאָכטער, און אַ אינגל, עליע, אין מיינע יאָרן, און אַ קליין אינגעלע, אהרן, און אַ קליין מיידעלע, דבורה. זיי האָבן געהאַט אַ

שטוב און אַ פערד שעטשקאַרניע, און איך האָב זיך צו זיי אַריינגעצויגן אין קיך פאַר דעם האַלץ אָפּפאַל.

די באַלעבאָסטע פון הויז, שיינדל, איז געווען אַ פיינע פרוי, און איך בין ביי זיי געווען ווי אַן אייגן קינד. דאָס מיידל, רייזע, איז געווען אַזוי ליבליך, אַז מיר, דריי אינגלעך, איך און מיין פּלימעניק שמאי, און מיין ברודער נחמן, האָבן זי אַלע געוואָלט. נאָר אַזוי ווי נחמן איז געווען דער עלטערער צווישן אונז, האָבן מיר אים צוגעלאָזט דאָס מיידל.

און אַזוי ווי מיין ברודער נחמן איז געוואָרן 21 יאָר, און האָט זיך באַדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו אין מאָהילעוו, פּאָדאָלסק, בין איך מיט אים מיטגעפאָרן קיין מאָהילעוו, און מען האָט איהם „צוגענומען" פאַר אַ סאָלדאַט, און אין עטליכע טעג אַרום האָט ער זיך באַדאַרפט שטעלן קיין מאָסקווע אין דעם פּאָלק פון די גראַנאַדירן.

ער איז געווען אַ הויכער, געזונטער יונג, און אַז ער איז פאַרביי געגאַנגען מיט זיין קאָמפּאַני קיין ראַכנע צום וואָקזאַל דורך בערעזאָווקע, האָט ער גענעכטיגט ביי מיין פאָטער אין הויז מיט צוויי אידישע אינגלעך, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט אים געפאָרן דינען ביי מיליטער. איינער פון די אינגלעך איז געווען פון אָזאַרעניץ, אַ קליין שטעטעלע נעבן מאָהילעוו, פּאָדאָל. אינדערפרי האָבן זיי אָוועקמאַרשירט ווייטער קיין ראַכנע צום וואָקזאַל. ווען ער איז שוין אָנגעקומען קיין מאָסקווע, זיינען געקומען בריוו פון אים, און איך האָב אים גלייך געענטפערט צו דער מינוט. איינמאָל קומט אָן אַ בריוו, אַז מען האָט אויסגעפונען, אַז ער האָט אַ נידריקע ריאה. און איך גיי אויף דעם בית־עולם צו דער מאַמען און בעט, אַז זי זאָל העלפן, און זיך מיען, אַז מען זאָל מיין ברודער, נחמן, אויסבראַקירן פון מיליטער און אים אַהיימשיקן.

אין שטעטל איז דעמאָלט געווען עפּעס אַ גוטער איד, אַ רבי, און אייניקע מענטשן האָבן מיך געראַטן צו גיין צום רבי'ן, און איך בין שוין דעמאָלט געווען אַביסעלע „אָנגעשטעקט", און וויל ניט גיין. הכלל, עס איז אַוועק אַ פּאָר וואָכן, און מען האָט מיין ברודער נחמן טאַקע אויסבראַקירט און אַהיים געלאָזט. און מיין פאָטער האָט געגעבן לעקאַך און בראָנפן, און דער פעטער איטשי, ר' מרדכה'לעס איז

געקומען צו מיין פֿאָטער אויף שבת. איך האָב אָנגעמערקט זיך צוריק מיט'ן פֿעטער איטשע'ס אַ זון, שאַיע איטשי - ר' מרדכה'לעס, און האָב אים דערציילט, אַז דעמאָלט איז זיין פֿאָטער איטשי געווען ביי אונז אויף שבת, האָט ער זיך גאָר ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז זיין פֿאָטער זאָל פֿאַרלאָזן זיין הויז און גיין אַפֿילו צו גאַסט צו עמיצן אויף אַ שבת.

און דאָ, ביי נפֿתלי זעליקס, ראַשט מען זיך און מען וויל נחמנ'ען פֿאַר זייער טאָכטער, רעיזי, און איך ווייס, אַז מען טאָר ניט לאָזן אויף צו לאַנג, ווייל מיין פֿאָטער וויל נדן, און נפֿתלי זעליקס וויל נעבעך געבן, נאָר ער האָט נישט.

נפֿתלי זעליקס האָט געהאַט אַ ברודער אין רומעניע, איז ער גע־פֿאָרן צום ברודער קיין יאַסי. דער ברודער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים שיקן געלט אויף נדן, נאָר ער האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן זיין צוזאָג. פֿאַל איך אויף אַ פּלאַן און גיי צו צום עלטערן ברודער, אהרן, און זאָג צו אים: — „לאָמיר ביידע אַריבערפֿאָרן צו אונזער פֿאָטער קיין בערעזאָווקע און זען, אַז דער פֿאָטער זאָל אַריבערקומען קיין קליין טשערנאָוויץ און מאַכן תנאים". איך דינג אַ פֿערד און וועגעלע, און מיר ביידע פֿאָרן קיין בערעזאָווקע. ווי דער פֿאָטער גיט אַ קוק, אַז ביידע זין, דער עלטערער און דער אינגערער זיינען פּלוצלונג דאָ אויסגעוואַקסן. — „וואָס האָט פּאַסירט?" פֿרעגט ער. זאָג איך — „גאָרניט! נאָר טו זיך אָן און פֿאָר מיט אונז". מיין פֿאָטער האָט זיך צום ערשטן אָפּגעשטעלט, וואָס הייסט, — אָבער ער איז מיטגעפֿאָרן.

מיר קומען קיין טשערנאָוויץ און איך ווער באַשעפֿטיגט, לויף אַהין און אַהער. דווקא נחמן איז גאָר ניט געווען אין שטעטל דעמאָלט. איז ער צוריק געקומען, און מען האָט צונויפֿגערופֿן די משפּחה און מ'האָט געשריבן תנאים די זעלבע נאַכט. די געסט האָבן גוט פֿאַר־בראַכט און זיך משמח געווען. נאָך אַלעמען האָט זיך דעם עולם פֿאַרגלוסט האַרטע געקאָכטע אייער. האָט מען יעדן געגעבן בלויז איין געקאָכטע איי. אונזער אַ ווייטער קאָזין, משה איגע לאה'ס, רופֿט זיך אָן: — „מצא חן — ב'איין איי" — וואָס דאָס איז דער טייטש

אויף לשון קודש — געפונען חן דורך איין איי. און אלע האבן געלאכט פון דעם געלונגענעם וויץ.

יענעם ווינטער האב איך געוואוינט ביי מיין פעטער שמואל, דעם ניקאלאיעווסקי סאלדאט. נאכדעם האב איך און דער פעטער שמואל געבארגט הונדערט רובל צו אנטשעל דראל, און האבן דערפאר געוואוינט ביי אים אין הויז אן דירה־געלט. איך האב געהאט מיין פלאץ צו דער ארבעט ווינטער אין קיך, און זומער, אין פעדערהויז איז געווען מיין ווארשטאט. עס איז מיר דעמאלט גאר נישט שלעכט געווען. דער פעטער שמואל האט געהאט א מיידל, בתיה, א צולאזענע, א נארישע, און האב זי נישט געגליכן. און אום זומער פלעג איך קויפן אויפ'ן יאריד קליינע הינדעלעך. דער פעטער שמואל, דערפאר וואס ער איז געווען א ניקאלאיעווסקי סאלדאט, האט ער נישט באדארפט צאלן קיין שחיטה־געלט. פלעג איך גיין אין זיין נאמען יעדע צוויי טעג און קוילען א הענדעלע, און די מומע טובע האט מיר געקאכט יאכלעך, און איך פלעג מיך יעדן אינדערפרי שיין אנטאן און גיין אין מאטעסעס קלויז דאווענען. די מומע מיט דעם פעטער האבן באמערקט, אז איך גיי גיכער צו נפתלי זעליקס, איידער צו פארברענגען מיט זייער טאכטער, בתיה. זיי האבן געטראכט, אז איך וויל אפשר בעסער רייזע נפתלי'ס. און אין מיטן דארינען, קום איך גאר צוגיין און דערצייל זיי, אז מיין ברודער נחמן איז א חתן געווארן פאר רייזען, און איך האב בלויז ארויסגעהאלפן מאכן דעם שידוך.

נפתלי זעליקס האט געהאט א פערד־שעטשקארניע. ווילט זיך מיר מאכן עפעס נייעס, איך וויל צוטשעפן די טאקארניע צו דעם ראד פון דער שעטשקארניע, אז ווען מען וועט שניידן די שעטשקע — זאל זיך אזוי ארום מיין טאקארניע זיך דרייען, און איך זאל נישט דארפן דרייען די דריי־באנק מיט מיין פוס. אבער וואס טוט מען, און ווי אזוי מאכט מען עס? איך קען דאך נישט אפשטעלן דאס פערד, ווען איך דארף אפשטעלן די טאקארניע ביי דער ארבעט יעדן מאל? איך ליג ביינאכט און טראכט, און איך פאל אויף דעם זעלבן פלאן, וואס דער ערשטער מענטש האט געטראכט, ווען מען האט באדארפט אפשטעלן א מאשין אין פאבריק אויף אזא אופן.

מען דאַרף האָבן אַ לויז רעדעלע נעבן דעם רעדל, וואָס טרייבט די מאַשין. עס האָט געהייסן, אַ „לויזע־פּולע", און איך זע זיך מיט מיין מאַשיניסט אין בערעזאָווקע, וועלכער האָט מיר געמאַכט מיין טאָקאַרניע, און ער מאַכט מיר אַ לויזע פּוליע, און איך קען שוין אָפּשטעלן די טאָקאַרניע און דאַרף נישט אָפּשטעלן דאָס פערד אין מיטן דער אַרבעט.

דער מאַשיניסט האָט אין יענער צייט אַליין געמאַכט אַ מאַשין צום מאָלויצן תבואה, און ער האָט דעמאָלט געדאַרפט אַ סך מאָדעלן צו גיסן מעטאַל — האָט ער געשיקט זיין זון מיט אַ בריטשקעלע נאָך מיר, און איך האָב די מאָדעלן פאַר אים געמאַכט, און עס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער כבוד צו מאַכן פאַר אים די מאָדעלן.

אין שטעטל האָט מען מיך גערופן שמאי, דער קליינער טאָקער. יענעם זומער, וואָס די טאָקערניע איז געגאַנגען מיט'ן פערד, האָב איך אָנגעפאַנגען צו מאַכן פּושקעלעך צו פאַרקויפן אויפ'ן מאַרק, אָבער עס זיינען נישט געווען קיין קונים פאַר זיי.

איך האָב געהערט, אַז יאָסל טאָקער פון סאָראָקע, איז געשטאָרבן, און אין סאָראָקע איז נישטאָ קיין לייטישער טאָקער. נעם איך און פאָר אַריבער קיין סאָראָקע אַ קוק טאָן.

איך קום אַריין צום טאָקער, וואָס האָט איבערגענומען יאָסעל טאָקער'ס ווארשטאַט, אַ שיינער ייד, אָבער אַ קליינער בעל־מלאכה. ער האָט אַ באַשטעלונג פאַר אַ פּאָר עץ־חיים'ס פאַר אַ ספר תורה, און ווייסט נישט ווי אַזוי צו מאַכן די רעדלעך. פרעגט ער מיך, צי איך קען מאַכן די רעדלעך. — „אַ פראַגע צי איך קען, אוודאי קען איך".

„נו, נעם זיך און מאַך". זאָג איך צו אים: — „איך וועל מאַכן, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז איך זאָל עס מאַכן, און איר זאָלט זיך ניט צוקוקן ווי איך מאַך עס, און ער זאָל ניט צונעמען ביי מיר דעם סוד ווי צו מאַכן די רעדלעך." ער איז באַשטאַנען, און איז אַריין אין אַנדערן חדר. און איך האָב פאַרשלאָסן די טיר און געמאַכט די עץ־חיים'ס.

ער האָט מיר באַצאָלט, און איך קום אין אַ צווייטן פּלאַץ. דאָרטן אַרבעט אַ טאָקער, אַ גוי אַ שיכור — און מען דאַרף אויך מאַכן עץ־

חיים׳ס, וואָס מען האָט באַשטעלט צו מאַכן. איך מאַך עס פאַרטיק, און עס גייט אַ גאַנג.

איך גיי מיט מיין געשיכטע אַביסל אויף צוריק; אַזוי ווי מיין פאָטער איז געווען אין הויף אַן אויפזעער אין דער וואָלאָוניע, אויף דער בראַי, איז ביי אונז תמיד געוועזן אַ קוה. איינמאָל האָט אונזער פאָטער געקויפט אַ קוה, און זי האָט געגעבן אַ סך מילך, און גוטע מילך אויך. די קוה פלעגט האָבן אַ טבע צו אַנטלויפן אינמיטן טאָג פון דער טשערעדע, וואו זי פלעגט זיך פאַשען מיט די אַנדערע קיה אין פעלד. זאָגט צו מיר מיין פאָטער, דו וועסט מוזן מיטגיין מיט דער קוה אין פעלד אַריין און זען, אַז די קוה זאָל נישט אַנטלויפן פון דער טשערעדע. איך בין מיטגעגאַנגן מיט דער קוה אין פעלד אַריין. אויף איין מאָל הייבט אָן צו רעגענען און דונערן און בליצן, און די פאַסטוכער הויבן אָן זיך צו צלמ׳ען, און איך מאַך אויך אַ ברכה. אָבער די פאַסטוכער זיינען ניט צופרידן מיט דער ברכה, זיי שרייען צו מיר: — „צלם זיך! אַז ניט, וועלן מיר אומקומען איבער דיר.״

אַזוי ווי איך האַלט שוין אין דערציילן וועגן דער קוה מיט מילך, וועל איך שוין איבערדערציילן, ווי איינמאָל, ביינאַכט איז ביי מיין שוועסטער פייגע, אַ קינד קראַנק געוואָרן, און מען האָט באַדאַרפט פרישע מילך פאַר דעם קראַנקן קינד. בין איך אַרוים פון הויז און זוך מילך. אויף אַ ליידיקן פלאַץ איז געלעגן אַ קוה, האָב איך די קוה אויפגעוועקט און אָנגעמאָלקן מילך פאַר דעם קראַנקן קינד.

פון אונזער אייגענער קוה איז געווען פוטער. האָט מען געדאַרפט פאַרקויפן די פוטער — האָב איך שוין געוואוסט וואו עס געפינט זיך אַ קימפעטאָרין, אָדער אַזוי אַ קראַנקע, און צו זיי פלעג איך פאַרקויפן די פוטער.

ווען איך האָב זיך געשטעלט אַרבעטן פאַר זיך אַליין, האָב איך געמאַכט אַ שטעמפל צו שטאַמפן מצה מעהל און פאַרפל פון די פסח׳דיקע מצות. איך האָב עס געמאַכט אין דער פאָרם ווי אַ קעלישעק־אויבן, דער אָנהויב איז געווען שמעלער, און וואָס ווייטער אינווייניק ברייטער, כדי די מצות זאָלן זיך ניט אַרויסשפריצן בעת דעם שטאַמפן. פאַר יאָרן לאַנג ווי איך בין אין אַמעריקע, און ווער עס

פלעגט קומען אהער פון דער אלטער היים, פלעגט איבערגעבן, אז דער שטאמפל געפינט זיך נאך דארט אין שטעטל.

איך האב געמאכט שראגעס אויף צו הענגען קליידער.

איין מאל רופט מען מיך צו מיין קאזין, מרדכי־לייזער, אז איך זאל מאכן פאר אים 4 טישעלעך, דריי עקיקע, כדי זיי זאלן זיך אריינפאסן אין אלע 4 ווינקלען פון דעם זאל, וואס ער האט געהאט פאר זיין מעבל־שטוב. איך מאך די טישעלעך און ברענג זיי אין א פרייטיק נאכמיטאג. די עקן פון די ווענט האבן ניט אזוי אריינגעפאסט צו די טישלעך — האט מען געמוזט אפשניידן שטיקער האלץ פון די טישלעך און זיי מאכן, אז זיי זאלן אריינפאסן אין די ווינקלען, און איך האב געהאט דערפון אביסל עגמת־נפש.

ווי איך האב פארשטאנען, איז עס אים נישט געגאנגען אין דעם, אז די טישלעך זאלן זיך אריינפאסן אין די ווינקלען, נאר ער האט געוואלט מיך „קוילען", און אין מיר זיך נוקם זיין, פאר וואס איך פארמיאוס אים די משפחה, וואס א פראסטער בעל־מלאכה, איז זיין איינגענער, לייבלעכער קאזין.

אז עס פלעגט זיך מאכן, אז איך האב נישט געקענט פארן אהיים אין דארף אריין צו מיין פאטער, פלעג איך שוין זיין א גאסט ביי מיין ברודער מאיר און שוועגערין ייטע. ווי שיין און ריין עס איז דארטן געוועזן ביי זיי אין שטוב, און ווי גוט איך האב מיך דארטן געפילט — כאטש ער איז געווען א גרויסער ארימאן.

עלי־נפתלי זעליקס, האט געהאט א גוטע סאפראנא שטימע און פלעגט זינגען ביים חזן אין דער גרויסער שול. ווי געוויינליך, פלעג איך אויך מיטגיין, און האב אויך געקענט אביסעלע זינגען, און א שמחת־תורה פלעג איך זיך פארשטעלן פאר א חסיד, מיט א לאנגע קאפאטע, און פלעג אונטערהאלטן דעם עולם.

איין מאל האב איך איבערגעכאפט די מאס און האב געטרונקן אביסל צופיל, און האב געזאגט וואס מען דארף ניט, און גדליה דער שלמה'כעס האט מיך גענומען אויף א זייט, וואו קיינער זעט ניט — און האט מיך גוט אנגעהרג'עט, און איך בין נאכדעם געווען א פאר טאג קראנק, פוןביידע זאכן — אי פון דעם בראנפן און אי פון די קלעפ.

דערפאַר האָב איך זיך שוין אָפּגעהיט מיין גאַנצן לעבן — פון דעמאָלט אָן, וואָס איך בין אַלט געווען אַ צוועלף, אָדער דרייצען יאָר, און ביז דעם היינטיקן טאָג, בין איך אין מיין לעבן, קיין מאָל ניט געווען שיכור, און טאַקע ניט געטרונקען אויך — אָן אַ מאָס, בלויז עטוואָס, די צונג צו באַנעצן.

עס איז געווען אַ קרומע מידעלע ביי דאָבע־מאַטיסעס, און מען האָט פאַר איר געדאַרפט מאַכן אַ קוליע, האָב איך מיך אונטערגענומען צו מאַכן די קוליע, און ביים סוף פון דער קוליע געמאַכט דאָס האָלץ אַזוי, אַז עס האָט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקער פוס, און טאַקע געמיינט, אַז זי וועט קענען אויף דעם פוס אָנטאָן אַ שוך. אָבער איך בין געווען אַנטוישט. די קוליע מיט דעם פוס האָט זי ניט געקענט נוצן. איך האָב געמוזט נעמען אַן אַנדער שטיק האָלץ און מאַכן אַ גאַנץ געוויינטליכע קוליע.

הערשל מאַיאַנסקי, דער גביר פון שטאָט, דער טשערנאָוויצער ראָקעפעלער, האָט געבראַכט אַ שירעם פון אויסלאַנד. אויף איין מאָל רופט מען מיך, איך זאָל צורעכט מאַכן דעם שירעם, וואָס איז קאַליע געוואָרן. דער שירעם האָט געהאַט אַזאַ געשטעל, וואָס מען האָט אָנגערופן „אָטאָמאַט". ער האָט געקענט זיך אויפמאַכן אָן שפּראַנזשינעס. איך נעם מיך צו דעם שירעם און ניי צו זיינע שפּיצן, און ווער דערשטוינט, וואָס דער שירעם איז געבליבן שטיין אויפגעעפנט.

אַ צווייטן מאָל — אין דער גרויסער מיל, וואָס האָט אויך געהערט צו הערשל מאַיאַנסקי'ן, האָט זיך אויסגעריבן דער טוירבין, דאָס שפּינדל, וואָס דער טוירבין שטייט אויף אים, און מען האָט באַדאַרפט מאַכן אַ ניי שפּינדל פון קאָקאַ־באַלע האָלץ, אַז דער טוירבין זאָל זיך קענען דרייען אויף אים. עס האָט מיר גענומען צוויי טעג עס צו מאַכן. די פאָרם איז געווען ווי אַ קאָפּ פון אַ מענטשן. צוויי מענער האָבן כסדר געמוזט גיין אהין און צוריק צו מיין טאָקאַרניע צו מעסטן און צו זעהן, אַז דער טוירבין זאָל אריינפּאַסן זיך אַקוראַט. ווען עס איז געקומען צום באַצאָלן, היים איך מיר געבן 10 רובל פאַר דער אַרבעט. הערשל מאַיאַנסקי לאַכט זיך אויס. די מיל גייט, און איך טענה און שריי, און דער סוף איז געווען, אַז איך האָב

געמוזט נעמען די דריי רובל, וואָס ער האָט געוואָלט באַצאָלן, און ניט אַנדערש. צו וועמען האָב איך געזאָלט טענה'ן, אַז ער איז דער גביר און איך בין אַן אָרימער בעל־מלאכה?

אינטערעסאַנט, אַז צום סאַמע סוף, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז הערשל מאַיאַנסקי'ס אַן אייניקל געווען אין ראָמעניען, און האָט געשריבן אַ בריוו צום האיאַס, און געפרעגט זיך אויף די טשערנאָוויצער לאַנדסלייט, מען זאָל אים שיקן פון אַמעריקע הונדערט רובל. און ווען ביי מיר אין שטוב זענען געווען אַ קאָמיטע פון די לאַנדסלייט וועגן אַ גאַנץ אַנדער ענין, און האָבן דערציילט וועגן דעם בריוו פון מאַיאַנסקי'ס אייניקל, האָב איך צו זיי געזאָגט: — „מיר זיינען זיבן לאַנדסלייט דאָ אין שטוב, לאָמיר אַרויסנעמען יעדער אַ דאָלער, וועט שוין זיין זיבן דאָלער." און ווען זיי האָבן געפרעגט, ווער וועט געבן דאָס איבעריקע? האָב איך זיי געענטפערט, אַז איך וועל שוין פאַר דעם זאָרגן, אַז עס זאָל זיין גאַנצע הונדערט.

איך האָב ניט גענומען קיין נקמה אין דעם גביר'ס אייניקל, כאָטש זיין זיידע האָט מיר ניט געוואָלט באַצאָלן, וואָס מיר איז גע־קומען פאַר מיין אַרבעט.

דעם ערשטן זומער, ווי איך האָב שוין געאַרבעט פאַר מיר, האָב איך מיר געמאַכט אַ רובאַשקע, אַזאַ העמד, ווי מען טראָגט אין טיף רוסלאַנד.

ווידער איינמאָל, אין מיטן ווינטער, פאָר איך מיט אַ שליטן אין זשערינער וואַלד נאָך האָלץ צום טאָקן, און איך קויף דאָס האָלץ. עס איז געווען אין אַ פרייטאָג, און מען נעמט זיך פאָרן אַהיים, און אוורעימל, דעם פעטער איטשי'ס, איז אויך געווען אין וואַלד. פאָרט ער מיט מיר, און ווען מיר קומען קיין לאַדעוועץ איז שוין געווען גוט פינסטער, ווייל איך נישט ווייטער פאָרן, ווייל עס איז שוין שבת און בלייב איבער אין לאַדאָוועץ אויף שבת. אָבער אוורעימל איז יאָ אַהיים געפאָרן קיין טשערנאָוויץ.

אין לאַדאָוועץ איז געווען אַ געריכט־הויז, און ס'איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען דאָרט אַ גרויסער משפט. די גוים פון דער אַרום געגנט האָבן גע'גנב'עט אַ סך האָלץ אין וואַלד, און דער געריכט האָט זיי

דעמאָלט גע'משפּט. איין גוי איז פאָרגערופן געוואָרן פאַר דעם ריכטער:
— „דו ביזט באַשולדיגט אין גנב'ענען צען קלעצער האָלץ."

— „ניין", ענטפערט דער גוי — „נאָר צען צווייגן, און ניט קלעצער." — „דו ביסט שולדיק" — זאָגט דער ריכטער צוריק צום פויער. אַזוי האָב איך פאַרבראַכט אין דעם דאָרף לאָדאָוויץ, און בין געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אין אַ געריכטס-הויז.

אויף מאָרגן, זונטיק, נעם איך זיך גיין קיין טשערנאָוויץ צופוס. אַ גרויסער שניי אויפ'ן וועג, און איך שפּאַן אין שניי. אַביסל אונ־טערגעפאָרן און זיך טיילמאָל ארויפגעכאַפּט אויף אַ דורכפאָרענדן שליטן, און וויטער געגאַנגען, ביז איך בין אָנגעקומען אהיים קיין טשערנאָוויץ.

הערש דער בעדער, האָט געבראַכט אַ לעדערנעם פּעלצל, גאָר אַ גוטס, מיט גוטע ווייסע פוטער אונטערגעשלאָגן, פון די בעסטע. האָב איך עס פון אים אָפּגעקויפט און האָב מיר אויך געלאָזט מאַכן אַ קאַראַקולענע היטעלע און אַ פּאָר שטיוול מיט קנייטשן. די שטיוול האָבן געהאַט לאַנגע, ווייכע כאָליעוועס, און אַז מען האָט זיי אַראָפּגע־רוקט, האָט זיך געמאַכט אַזעלכע קנייטשן אונטן איבער די קנעכלעך, אַזוי ווי בייגל, און אַז איך בין מיר ווינטער געגאַנגען איבערן מאַרק, האָב איך אויסגעזען ווי אַן אמת'ער פּריץ, אַ פּאַניטש . . .

איך האָב געהאַט אַ בלעכענעם סאַמאָוואַר, און איך פלעג אויפ־קאָכן און מאַכן טיי, און מיין ברודער נחמן פלעגט קומען צו מיר און מיר פלעגן טרינקען טיי.

איך האָב מיר געמאַכט אַזאַ מין דאָמינאָ, פון האָלץ צו שפּילן, און איך פלעג שפּילן בלאַנטש. און אויף איינמאָל ווערט דער בלאַנטש פאַרלוירן. מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער, מען האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אין דעם גאַנצן בלאַנטש־שפּיל, מאַכט זיך, אַז איך דערזע אַ אינגל פון דעם דאָרף סאָקאָל, און ער האָט אַ שטיקל האָלץ, און איך האָב דערקענט, אַז ער איז פון מיין בלאַנטש, וואָס איך האָב אַליין געמאַכט. דורך אים האָב איך אויסגעפונען ווער עס האָט דעם בלאַנטש צוגענומען.

איך האָב אויסגעפונען, אַז מיינער אַ יונגער פריינט, חיים, חיה־מאַטעלס, פלעגט קומען צו נפתלי זעליקס קויפן שעטשקע, און ער האָט

דעם בלאַנטש געזען, איז ער אים געפעלן געוואָרן, און שטילערהייט מיט זיך מיטגענומען און שאַ־שטיל. נאָר מיט אַ צייט שפּעטער איז דער בלאַנטש איבערגעגאַנגען צו דעם דאָרפסאינגל פון סאָקאָל. איך וויל אָנמערקן, אַז איך בין געווען פריינט, דאָ אין אַמעריקע, מיט חיים חיה־מאַטעלס, וועמען מען האָט דאָ גערופן, חיים גראָסמאַן, און ביז זיין אָפּשטאַרבן, האָב איך אים קיינמאָל נישט דערמאָנט וועגן דעם „פאַרשווינדן" פון דעם בלאַנטש.

דער ריוועזור פון דער גראַלנע ברענגט מיר אַ צייכנונג פאַר אַ וויגעלע מיט אַ שטולעכעל, איך האָב באַדאַרפט נאָכמאַכן געננוי ווי ער האָט עס אויפגעריסעוועט, און ער וויל נאָך, אַז עס זאָל זיין ווייס געפּאָליטורט. איך האָב דאָס געמאַכט, און עס איז אים זייער געפעלן.

איינער אַ איד אַ גביר, ברענגט צו מיר אַ שאַך, וואָס מען שפּילט, און איך זאָל עס געננוי נאָכמאַכן. און איך האָב עס געמאַכט געננוי, אַקוראַט ווי יענער שאַך איז געווען. און ווען איך טראַכט וועגן דעם היינט, גלויב איך, אַז עס איז געווען גאָר אַן אַנטיק, ווי איך האָב עס אויסגעאַרבעט מיט אַלע איינצעלהייטן.

אַזוי ווי איך און דער פעטער שמואל האָבן אויסגעבאָרגט אַנטשעל דראָל הונדערט רובל, און מיר האָבן געוואוינט אין דער באַשקע, און עס איז געקומען אָפּצונעמען די הונדערט רובל — האָט דער פעטער שמואל געהאַט אַ טענה, און מיר זיינען געגאַנגען צו יאַנטלען, צו מיינעם אַ קאָזין, וועלכער איז אויך געווען דעם פעטער שמואל'ס אַ פּלימעניק, זיך אויסצוגלייכן — און יאַנטל האָט מיר געגעבן גערעכט און מיר צוגעפּסקנ'ט.

עס איז געווען ווינטער, זייער קאַלט. ווער איך געוואויר, אַז ביי משה חיים, חיה שרה'ס, פרירן זיי. זיי האָבן ניט קיין האָלץ צום הייצן. נעם איך אַ קלעצל האָלץ אויף מיין אַקסל און טראָג עס אַוועק ביינאַכט, און עפּן אויף דאָס טירל פון דעם פעדערהויז און לייג עס אַוועק און אַנטלויף, זיי זאָלן מיך ניט זען. זיי זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פרי, געטראָפן האָלץ און אונטערגעהייצט דעם אויוון און נישט געוואוסט ווער עס האָט דאָס פאַר זיי צוגעגרייט, און גאָר מסתמא געמיינט, אַז אַ מלאך פון הימל האָט עס זיי אַראָפּגעוואָרפן.

אויף איינמאָל וויל מען מיר ריידן א שידוך פון שאַרגאָראָד. איך פאָר קיין שאַרגאָראָד און קוק אָן דאָס מיידל מיט די מחותנים. איך קום צוריק און זאָג, אַז איך קען ניט, ווייל נחמן וועט מיינען, ווייל אַז עס וועט קומען דער טאָג, ווען ער וועט זיך דאַרפן שטעלן, און מען וועט אים צונעמען, וועט ער אוודאי זיין זיכער, אַז איך האָב געבויעט מיין גליק אויף זיין אומגליק, און מיך וועט מען ניט נעמען צוליב דעם, וואָס ער איז אַוועק דינען אין דער אַרמיי.

רייזע, מיין צוקונפטיגע שוועגערין, האָט געהאַט חברטעס, מיידלעך, און מיר פלעגן אַלע גוט פאַרברענגען.

איך ווער געוואָר, אַז מיין ברודער שאַיע האָט פאַרזעצט ביי איינעם די זילבערנע לעפל און גאָפל פון זיין חתונה־מתנות, און יענער וויל זיי פאַרקויפן. נעם איך און גיב יענעם דאָס געלט, מיט דעם פּראָצענט און גיב אָפּ די לעפל און גאָפל צו מיין ברודער שאַיע. איך האָב קיין מאָל ניט דערוואַרט אָפּצונעמען ביי אים דאָס געלט — און פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב עס טאַקע קיינמאָל נישט צוריק געקראָגן.

גדליה דעם פעטער שמואל'ס, איז געווען א חתן פון מוירפּקע, איז ער געפאָרן צו דער כלה אויף א וויזיט, בין איך מיטגעפאָרן מיט אים און מיר האָבן דאָרטן געגעסן א גוטן אָנבייסן, גוטע בייגעלעך, מילכיקע מיט קעז.

די חתונה איז געווען אין זומער. ס'איז געווען א שיינע נאַכט. די לבנה האָט געשיינט, די שטערן האָבן געבלישטשעט, און נחמן, מיין ברודער, און זיין כלה רייזע און איך, האָבן אַרומגעשפּאַצירט אין מוירפּקע. מיר קומען צו צו א פּלומפּ און מיר ווילן אָנפּאָמפּן וואַסער צו טרינקען. מיר פּאָמפּן, אָבער עס קומט ניט קיין וואַסער. רופט זיך אָן א פאַרבייגייער און זאָגט אַזוי: — „אויב איר ווילט וואַסער, מוזט איר פריער אַריינגיסן אַביסל וואַסער דורך דעם עפענונג פון דער פּלומפּ, און דערנאָך, ווען איר וועט פּאָמפּן, וועט זיין וואַסער." האָבן מיר גענומען ביי א שכן אַביסל וואַסער, עס אַריינגעגאָסן, און מיר האָבן אָנגעהויבן פּאָמפּן, און עס איז אָנגערונען גענוג וואַסער, און מיר אַלע האָבן זיך אָנגעטרונקען. דערפון איז געדרונגען, אַז אין יעדער אונטערנעמונג מוזט איר אַריינגיסן עפּעס אייער אייגנס, כדי אַרויסצוקריגן וואָס דאָרט געפינט זיך פאַר אייערטוועגן.

דעם לעצטן זומער, ווען איך האָב פאַרלאָזט טשערנאָוויץ, האָט זיך מיר פאַרוואָלט צו פאָרן קיין בריטשעוו צו מיין שוועסטער **קעניע.** איך בין צוגעפאָרן קיין מאָהעלעוו און אַריבער דעם דניעסטער קיין אָטיק. איך האָב געפונען אַ בעל־עגלה, וואָס איז געפאָרן קיין בריטשעוו, און איך בין אַהין אָנגעקומען אין אַ דאָנערשטיק. איך בין געווען אַ גרויסער גאַסט, אָבער שוין פריייטיק, האָב איך אַ קוק געטאָן, אַז דאָס בעטעלע און דאָס שטולעכעל, וואָס איך האָב מיט צוויי יאָר צוריק געמאַכט זיי אַ פּרעזענט, איז שוין אָפּגעריבן און מען דאַרף עס איבערפּאָליטורן. בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די קליטן און געזוכט פּאָליטור, און אַז מען זוכט — געפינט מען. איך האָב די צוויי מעבל־שטיק געמאַכט אויסזען ווי ניי.

שבת, בין איך געווען ביים דאַווענען אין שול מיט מיין שוואָגער, יחיאל אַלטער דוד׳ס און זיין פאָטער, אַלטער דוד׳ס. ווי איך האָב געהערט, איז דאָס שטעטל בריטשעוו געבויט געוואָרן נאָך דעם טערקיש־רוסישן קריג, ווען רוסלאַנד האָט איבערגענומען בעסאַראַביע פון טערק, האָט רוסלאַנד דעמאָלט פאָרגעשלאָגן צו יידישע יונגעלייט, וועלכע ווילן זיך באַזעצן אין דער געגנט, וואו בריטשעוו איז היינט, אַז זיי וועלן קריגן אומזיסט לאַנד פאַר וואוינונגען און פעלד צו באַאַרבעטן. איז אַלטער דוד געווען איינער פון די ערשטע אידן, וועלכע האָבן געקראָגן דאָס לאַנד דאָ און געבויט דאָס שטעטל. די ערשטע צייט, ווען זיי האָבן נאָך ניט געהאַט קיין הייזער, האָבן זיי געוואוינט אין לייווענטע צעלטן, און ווען איך האָב זיך באַקענט מיט דעם שטעטל, זיינען שוין געווען צוויי רייע הייזער, מיט אַ 550 אידישע איינוואוינער, און אַ חוץ די צוויי גאַסן, האָבן זיי געהאַט הינטער די שטיבער יעדער זיין פעלד, צו 50 און 75 און צו 100 און נאָך מער אַקער צו באַאַרבעטן. דאָס שטעטל איז באַשטאַנען פון דורכאויס אידישע פעלד אַרבעטער, און עטלעכע געשעפטן, וואָס מען האָט באַ־דאַרפט איינקויפן פאַר אייגענעם געברויך.

אונזער מחותן, האָט געהאַט אַ שול ביי דעם הויז, וואו ער האָט געוואוינט, און אַהין זיינען מיר געגאַנגען שבת דאַווענען. מען האָט מיך מכבד געווען מיט מפטיר, און עס איז געווען פריילעך. שבת אַ גאַנצן טאָג זיינען געקומען אַ סך געסט צו מיין שוועסטער אין הויז

אַריין זיך צו טרעפן מיט דעם גאַסט און באַקענען. האָט מען זייער גוט פאַרבראַכט און זיך אונטערגעלענט דאָס האַרץ מיט גוטע זאַכן, אַז דער איינדרוק איז געבליבן ביי מיר ביז היינט אַזוי פריש, ווי עס וואָלט היינט געשען.

איך בין אַלט געוואָרן 18 יאָר, האָב איך געדאַרפט האָבן אַ דאָקומענט, וואָס זאָל אָנווייזן אין וועלכן יאָר איך דאַרף זיך שטעלן צום פּריזיוו. איך האָב דעם דאָקומענט נויטיק געהאַט צו קענען אַרויספאָרן פון שטעטל טשערנאָוויץ, צו קענען זיך לעגיטימירן, אַז איך בין ניט עלטער ווי 21. האָב איך געמוזט אַריבערפאָרן קיין אזארעניץ, ווייל מיר זיינען געווען איינגעשריבן אין דער מעטריקע אין אזארעניץ, ווייל כאָטש איך און מיינע ברידער און שוועסטער זיינען געבוירן געוואָרן אין טשערנאָוויץ, אָבער דערפאַר, וואָס אונזער זיידע האָט געשטאַמט פון אזארעניץ, האָט מען אונז געמוזט פאַרשרייבן אין אזארעניץ. מיין ברודער אהרן האָט געדאַרפט אויך האָבן אַזאַ פּאַפּיר פאַר זיין זון שמאי, וועלכער איז געווען אין מיין עלטער, זיינען מיר אין אַ פאַרנאַכט צוגעגאַנגען אויף דער מערעשקע און דאָרטן אונטער־גענעכטיגט און, אַז מיר זיינען שוין געווען אויף דער מערעשקע, און עס איז געוואָרן שטאָק־פינסטער, וויל אונז אַ גוי איבערשרעקן און נעמט און קערט איבער דעם פעלץ אויף זיך און ליגט זיך פאַר אונזערע פיס, מיר זאָלן מיינען, אַז עס איז אַ בער.

אָבער מיר האָבן זיך פון דעם נישט דערשראָקן און גלייך אַרי־בערגעטראָטן איבער אים, ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען, ווייל מיר זיינען ניט געווען קיין איבערגעשראָקענע קינדער. האָבן מיר איבער־גענעכטיגט און צו מאָרגנס האָבן מיר זיך געלאָזט גיין. אַביסל געפאָרן און אַביסל געגאַנגען, און מיר זיינען אָנגעקומען קיין אזארעניץ. דאָרט האָבן מיר ביים סטאַראָסטע גענומען די געבורט צייגניש.

איך גיי מיר אַזוי אין מאַרק, אין טשערנאָוויץ, הער איך ווי צוויי פרויען ריידן צווישן זיך: — „אַ גאַנץ פיינער יינגל, אָבער ער וועט מוזן אַרונטער קוקן, און נעמען אַ דינסט־מיידל, ווייל ער איז אַ בעל־מלאכה.״ האָב איך זיך צוגעהערט און האָב זיך דאָס אַריינגענומען אין קאָפּ: „אַז איך טאָר דאָ אויף דער ערד און לאַנד ניט בלייבן, וואו

מען דערנידריקט א מענטשן, נאָר דערפאַר, ווייל ער איז א בעל־מלאכה.״

אזוי ווי איך פלעג יעדן שבת פאָרן צו מיין פאָטער קיין בערע־זאָווקע אויף שבת, און אין דער גראַלניע דאָרט איז תמיד געווען א פערד, פלעגט זיך פירן, אז אין דער גראַלנע זיינען געווען טשערנאָ־וויצער יידן, וועלכע פלעגן קומען אהיים פרייטיק אויף שבת, אויף דעם פערד רייטנדיק, און איך פלעג אויף דעם זעלבן פערד פאָרן רייטנדיק צוריק קיין בערעזאָווקע אויף שבת. די יידן פון דעם דאָרף האָבן נישט געקענט פאָרן אויף די הייליקע טעג אין שטאָט אריין.

איך האָב דערמאָנט, אז די אידן פון דאָרף האָבן דעמאָלט נישט געקענט פאָרן אין שטאָט אריין אויף יום־טוב, ווייל מען האָט ארויס־געגעבן א געזעץ, אז די אידן, וועלכע וועלן פארלאָזן דאָס דאָרף אפילו נאָר אויף עטליכע טעג, צו פאָרן צום מנין, וועט זיי נישט זיין ערלויבט מער צוריק צו קומען אין דאָרף אריין.

אזוי ווי מיין פאָטער איז געווען דער, וועלכער האָט זיך באַ־שעפטיגט מיט פארזאָרגן דעם מנין אין דאָרף פאַר ראש־השנה און יום־כפור, און עס איז שווער געווען צו קריגן אזא גרויסע שטוב דער־פאַר, האָט מען באין ברירה, געמוזט מאכן דעם מנין ביי מיין פאָטער אין שטוב. מען האָט געבראַכט א בעל־תפילה פון טשערנאָוויץ און מ׳האָט געדאווענט. אינמיטן דאווענען קומט אָן דער אוריאַדניק פון טשערנאָוויץ, און טרעפט אונז דאווענען, און געפינט אויס, אז מען האָט א ספר־תורה אין א שאַפקעלע באהאַלטן, האָט ער געמאַכט א קלאַגע און גלייך פארחתמ׳ט דאָס טירל פון שאַפקעלע מיט טריפּאַקס. די ספר תורה אינווייניק. ער האָט דאָן מיט זיך מיטגענומען דאָס ספר תורה מיט דעם שאַפקעלע און עס דערווייל אוועקגעשטעלט ביי א גוי אין בערעזעווקע.

אין דער צייט, ווען דער אוריאַדניק איז אריין געקומען איז גע־וואָרן א טומל, איינער א איד, מיט׳ן נאָמען שלמה גרינשפאַן, האָט גע׳חלש׳ט פאַר שרעק, און דער בעל־תפילה פון טשערנאָוויץ האָט זיך איבערגעדעקט מיט׳ן טלית איבערן קאָפּ, ווייל לויט׳ן געזעץ האָט ער נישט געטאָרט דאָ זיין און דאווענען, ווען מען האָט נישט קיין דער־לויבניש, און מען וואָלט אים געקענט ארעסטירן און מיט׳ן עטאַפּ

אַפּשיקן אַהיים. און אַלעס האָט זיך אַזוי באַרואיקט, און מען האָט דעם גע׳חלש׳ט אויפגעמינטערט. און וואָס טוט מען ווייטער? מען דאַרף דאָך דאַווענען, און מען דאַרף אַ ספר. איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן: האָט מען אויסגעקליבן מיך און ישראל, משה דעם פּאַטשטאַרט, אַז מיר ביידע בחורים, זאָלן גיין צום גוי, וואו דער ספר איז באַהאַלטן. מיר זיינען געקומען צום גוי און מיר בעטן אים, אַז מיר מוזן דאַווענען און ער קאָן אונז העלפן. דער גוי איז געווען אַ גוטער, און ער האָט רחמנות געקראָגן אויף אונז ביידע און דערלויבט, אַז מיר זאָלן אַרויסנעמען די שרויפן פון יענער שאַפּקעלע. מיר האָבן אַזוי אַרום אַרויסגענומען די ספר-תורה און אַריינגעשטעלט אַ מגילה. און ווען מיר האָבן געבראַכט דאָס ספר צוריק צום מנין, האָבן מיר ביידע אויסגעזען ווי צוויי גרויסע העלדן, וועלכע האָבן געראַטעוועט אונזערע אידן פון אַ גרויסער צרה.

נאָך יום-טוב, ווען עס איז פאָרגעקומען די קלאַגע אין געריכט אין טשערנאָוויץ, און ווען מען האָט געעפנט אין געריכט דאָס טירל פון שאַפּקעלע, און ווען דער ריכטער האָט דערזען, אַז עס איז גאָר אַ מגילה אַנשטאָט אַ ספר, פרעגט ער דעם אוריאַדניק: — „וואָס האָסטו מיר געבראַכט אַ מגילה?" — און ער האָט גע׳פסקנ׳ט, אַזוי ווי מען האָט נישט געטראָפן קיין ספר תורה, איז מען נישט שולדיק, און ער האָט אַלעמען באַפרייט און אַרויסגעוואָרפן די קלאַגע.

צוריק צו מיין געשיכטע פון סאָראָקע: — איך האָב זיך גע־דונגען אַ ווינקל צו אַרבעטן ביי שלמה ליטוואַק, וועלכער איז געווען אַ סטאָליאַר, און ער האָט געהאַט אַ מעבל-געשעפט מיט אַ וואַרשטאַט צום אַרבעטן, האָב איך ביי אים אָפּגעדונגען אַ ווינקל, וואו איך זאָל קענען אַרבעטן פאַר זיך. איך בין געקומען קיין טשערנאָוויץ און זיך איינגעפּאַקט מיין טאָקאַרניע און צוריק מיט אַלע געצייגן אַוועק קיין סאָראָקע. איך האָב מיר איינגעריכטעט און אַרויסגעהאָנגען אַ שילד אויף אידיש און אויף רוסיש מיט מיין נאָמען: „שמאי טאָקער", ווייל דאָ אין סאָראָקע, וואָס איז שוין געווען אַ גרויסע שטאָט, האָט מען שוין געמוזט אַרויסהענגען אַ שילד, ווייל אַניט וואָלט קיינער נישט געוואוסט, אַז אַ נייער טאָקער האָט זיך דאָ באַזעצט.

געשלאָפן בין איך אין דער ווערקשטוב און געגעסן האָב איך ביי מיין שוועגערין, מלכה'ס א שוועסטער, שרה האָט זי געהייסן.

עס זיינען געווען קליינע גליקן. ס'איז געווען אין סאָראָקע יענעםווינטער זייער שלעכט, איך האָב געמוזט אויפגעבן די מאָלצייטן ביי שרה'ן. דערווייל האָט זיך די צייט אונטערגערוקט, און עס האָט באַדאַרפט זיין די חתונה ביי מיין ברודער נחמן. דאַרף זיך גראדע מאכן, אז ביי מיר אויף א פוס אונטער דער פיאַטע, האָט זיך אָנגעצויגן, און איך גיי צו א דאָקטאָר, און ער הייסט מיר ליגן הייסע ליאַנען־זאָמען, און דערנאָך, ווען איך וועל קומען צום צווייטן מאָל, וועט ער עס עפענען.

איך בין עטליכע טעג און נעכט געזעסן און געהאַלטן אין איין צוליגן די הייסע ליאַנען־זאָמען, ביז עס איז געוואָרן ווייך. בין איך אריבער געגאַנגען צום דאָקטאָר, און ער האָט עס געעפנט, און עס איז מיר געוואָרן בעסער.

עטליכע טעג פאַר דער חתונה איז געווען א גרויסער שניי שטורם, האָב איך געדונגען א מאַן מיט א שליטעלע, און מיר האָבן זיך געלאָזט פאָרן קיין טשערנאָוויץ אויף דער חתונה. אָבער דער שניי שטורעם איז געווען אַזוי גרויס, אז עס איז אוממעגליך געווען זיך ארויסצולאָזן אין וועג אריין, און מיר זיינען קוים אריינגעפאָרן אין דעם שטעטל זיגיוווקע. דער פורמאַן האָט נישט געוואָלט ווייטער פאָרן. האָב איך געמוזט דינגען א צווייטן פורמאַן מיט א פערד און שליטן, און מיר זיינען אָנגעקומען נאָך אין צייט צו זיין אויף דער חתונה.

איך בין אריין און דערזען די כלה, און ווען מיר האָבן זיך ארומגעכאַפּט און זיך אָנגעהויבן צו קושן, רופט זיך אָן די מומע חוה־עני: — „אז ער האָט אויסגעכאַפּט דעם ערשטן קוש". און עס האָט געקלונגען ווי איך בין באַגאַנגען אן עבירה אויסצוכאַפּן דעם ערשטן קוש ביי דער כלה אין חופּה־טאָג.

עס איז געווען א פריילעכע חתונה. מיר, די גאַנצע משפּחה, מיין פאָטער און אַלע אייניקלעך, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין א ווינשענק, — צווישן דער חופּה און דער וועטשערע — און דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב פאַרבראַכט צוזאַמען מיט

אונזער פאָטער אויף דער שמחה, ווייל אין עטליכע וואָכן שפּעטער בין איך אַוועק געפאָרן קיין אַמעריקע.

איך בין געווען אָנגעטאָן אין אַ קאַשקעט מיט אַ לאַקירטן דאַשיק, וואָס דאָס האָט זיך קיין טשערנאָוויצער אינגל ניט ערלויבט אין יענע צייטן. אין מאָסקווע אָדער אין די אַנדערע גרויסע שטעט, זיינען די רוסן געגאַנגען מיט לאַקירטע דאַשעקעס, אָבער ביי אונז אין שטעטל, האָט דאָס קיינער זיך נישט ערלויבט אָנצוטאָן. נאָר אַזוי ווי איך בין שוין געקומען פון דער גרויסער „וועלט" אַהיים, האָב איך זיך ערלויבט און זיך אָנגעטאָן אַ דאַשיק. אַלע האָבן געקוקט אויף מיר און געזען, אַז איך בין שוין נישט קיין קליין שטעטלדיקער אינגל.

אברהם מעכעל, דער בעסטער סטאָליער פון טשערנאָוויץ, האָט מיר געבעטן, אַז אין דער צייט וואָס איך בין געווען אין טשערנאָוויץ, אַז איך זאָל פאַר אים צומאַכן פיר פיס צו אַ טיש. האָב איך געפונען אַ טאָקערניע ביי מרדכי לייב דעם סטאָליער, און האָב דאָרט געמאַכט די פיר פיס.

עס איז געווען אין שטעטל אַ באַלעבאַטיש אינטעליגענט אינגל, משה בערל-חיימ׳ס, האָט ער זיך געוואָלט לערנען טאָקעריי, און ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אים לערנען דאָס פאַך. שבת זיינען געקומען צו מיר משה בערל חיימ׳ס און בעני לייזער פּאָסעסאָרס, צוויי אינ־טעליגענטע אינגלעך, וואָס אין יענער צייט איז אַ בעל-מלאכה שוין געווען אין זייערע אויגן אויף אַ העכערן שטאַפּל. צווישן די אינ־טעליגענטן האָט מען זיך שוין גע׳חבר׳ט מיט ארבייטער און אָנגע־הויבן זיך מער ניט צו שעמען מיט זיי. צו יענער צייט האָב איך געמאַכט פאַר בעני לייזער פּאָסעסאָרס דעם שאַך, איז ער און משה בערל חיימ׳ס זיינען געקומען צו מיר שבת מיך וויזיטן, און איך בין מיט זיי געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס און איך האָב באַשלאָסן מיטצונעמען משה בערל חיימ׳ס קיין סאָראָקע. זונטיק האָבן מיר געדונגען אַ שליטן צו פאָרן קיין סאָראָקאָ. מיט אונז זיינען דעמאָלט מיטגעפאָרן צוויי טשערנאָוויצער אידן, און די אויסגאַבן, וואָס עס האָט געקאָסט דאָס דינגען דעם שליטן, האָבן מיר צווישן זיך איינגעטיילט אויף 4 חלקים. מאַכט

זיך, אז אין יאַמפּאָלע, האָבן די צוויי אידן חרטה און ווילן ניט געבן זייער חלק. זאָגט משה בערעל חיים׳ס צו מיר: — „זייער באַגאַזש איז מיט אונז אין שליטן, און אויב זיי ווילן נישט פאָרן — קענען זיי בלייבן דאָ, מיר וועלן מיטנעמען זייער באַגאַזש.״ און אַזוי זיינען מיר ביידע אַוועק געפאָרן קיין סאָראָקאָ. ערשט אויף מאָרגן זיינען זיי אויך אָנגעקומען קיין סאָראָקאָ, און מיר האָבן זיי אָן דינגעניש אָפּגעגעבן זייער באַגאַזש.

משה בערעל חיים׳ס האָט געהאַט אַ פעטער אין סאָראָקאָ, און ער פלעגט יעדן טאָג קומען צו מיר אין ווערקשטוב זיך לערנען זיין אַ טאָקער. דאָס איז געווען אין מיטן ווינטער, איז אָנגעקומען גדליה ליפּעס, אונזערע אַ קרוב, און האָט זיך געשטעלט אַרבעטן ביי שלמה ליטוואַק, און מיר זיינען ביידע געשלאָפן צווישן דער הריבע, און מיר האָבן זיך ביידע צוגעדעקט מיט דעם איינעם „קילום״, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, אַ גוטן וואָלענעם, וואָס אונזער מחותן נפתלי זעליקס האָט עס מיר געקויפט אויף דעם יאַרמאָליצינער יאַריד.

גראַדע איצט, דערמאָן איך זיך אין אַ טשעקאַווער געשיכטע, וואָס האָט געטראָפן מיט גדליה ליפּע סטאָליער׳ס. ניט ווייט פון טשער־נאָוויץ איז געווען אַ קליין שטעטל, מיט׳ן נאָמען זשערין, און דאָרטן איז געווען אַ שטומער סטאָליער מיט אַ גאַנץ פיינער פאַמיליע, און האָט אָנגעפירט אַ גרויסע אָנגעזעענע מייסטערסקאַיאַ. מאַכט זיך, אַז דער גדליה ליפּע׳ס קומט אָן דאָרטן צו דעם שטומען סטאָלער און שטעלט זיך דאָרט אַרבעטן. ער אַרבעט אָפּ אַ פּאָר וואָכן, און וויל מער ניט אַרבעטן, און פאַרלאָזט דעם אַרבעטס פּלאַץ אין איין שיינעם טאָג און לאָזט זיך גיין צופוס צוריק קיין טשערנאָוויץ אַהיים. זיין באַגאַזש איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר תפילין און סידורל. ווען דער שטומער סטאָליער אין זשירין, האָט אויסגעפונען וועגן דעם, אַז גדליה איז אַנטלאָפן פון דער אַרבעט, האָט ער אויפגעזעצט זיין זון, הערש, אויף אַ פערד רייטנדיק, און ער האָט זיך אין גאַלאָפּ נאָכגעיאָגט נאָך גדליה׳ן און אים מסתם אָנגעיאָגט. וואָס האָט ער אים געקענט טאָן, אַז ער זאָל גיין צוריק צו דער אַרבעט? נעמט דער הערש ביי גדליה׳ן צו זיין „באַגאַזש״, זיינע פּאָר תפילין און דאָס סידורל, אים צו צווינגן

צוריק צו גיין צו דער ארבעט. גדליה האָט ניט געפאָלגט. ער האָט דער בחור הערש איבערגעלאָזט זיינע תפילין און סידור און איז געגאַנגען ווייטער זיין וועג אהיים קיין טשערנאָוויץ.

איך געדענק נישט פאַר וואָס און ווי אַזוי איך בין אַוועק פון שלמה ליטוואַק'ס ארבעטס פּלאַץ, און האָב זיך אריינגעצויגן צו לייב קוה. דאָס איז געווען אין דער זעלבער גאַס, וואו איך האָב געהאַט געאַרבעט. דער לייב קוה איז געווען אַן עלטערער מענטש, וואָס האָט זיך געלאָזט פאָרן קיין ארץ ישראל מיט זיין פרוי און אַ טאָכטער. לייב קוה האָט געהאַט נאָך אַ טאָכטער, גיטעל, אַ פאַרהייראַטע, און איר מאַן איז געווען אין אַמעריקע. האָט זי געזאָלט פאָרן צום מאַן קיין אַמעריקע. דאָרטן, ווען איך האָב געוואוינט ביי זיי, איז מיר געווען ניט גוט. איך האָב ניט פאַרדינט קיין פּרנסה. נעם איך און מאַך קליינע בעטעלאַך און וויגלעך פאַר קינדער, און האָב זיך מיט זיי אַוועקגעשטעלט אין מאַרק פאַרקויפן, אָבער קיין קונים זיינען ניט געווען. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע פון סאָראָקאָ. אין סאָראָקאָ דעמאָלט איז שוין געווען פּאָפּולער דער געדאַנק צו פאָרן קיין אַמעריקע, און אַ סך מענטשן זיינען דעמאָלט אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. מיין פאָטער האָט געהאַט אַ קאָזין אין סאָראָקאָ, און מען האָט אים גערופן, שמחה קירזשנער. האָט דער שמחה געהאַט אַ טאָכטער אין אַמעריקע, האָב איך גענומען איר אַדרעס: „52 עלען סטריט, ניו יאָרק".

איך האָב אויספאַרקויפט מיין טאָקאַרניע פאַר 10 רובל. פאַר די 10 רובל האָב איך אַוועקגעגעבן אַלע געצייגן מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס איז דעמאָלט ווערט געווען זיכער אַ 50 ביז הונדערט רובל. די בעטעלעך האָב איך פאַרקויפט צו פישעל סטאָלער פון יאַמפּאָלע, און בין אָנגעקומען קיין טשערנאָוויץ אַ וואָך פאַר פּסח. „איך פאָר קיין אַמעריקע", זאָג איך. — „וואַרט איבער פּסח", זאָגט מיר יעדער איינער. — „נאָך פּסח עפנט זיך די וועלט". איך ווייס, אַז איך וועל וואַרטן איבער פּסח, וועל איך ניט האָבן דאָס געלט אויף הצאות, ווייל ווען עס וואָלט מיר נאָר פאַרלוירן געגאַנגען איין צענערל, האָב איך שוין ניט מיט וואָס צו פאָרן, און צו באָרגן איז ניטאָ ביי וועמען.

איך הער ניט וואָס אַנדערע זאָגן. איך פּאַק איין דאָס פּעקל און פאָר באַלד. אין יענער צייט פלעגן איינגלעך אין מיינע יאָרן אַוועק קיין אַמעריקע אָן אַ זיי־געזונט. איז מיין פאָטער געוועזן זייער צופרידן, וואָס איך בין זיך געקומען פריער געזעגענען, און ער זאָגט צו מיר, אפשר וועט דאָס עפענען אַ וועג פאַר די אַנדערע קינדער, אַז אויך זיי זאָלן קענען פאָרן קיין אַמעריקע. איך האָב מיך האַרציג געזעגנט, און בין אַוועק געפאָרן קיין מאַהעליעוו, און האָב געזאָלט נעכטיגן אין מאַהעליעוו. מיין שטיפמוטער האָט געהאַט אַ שוואָגער אין מאַהעליעוו, שאַיע שטוקלער. דאָרטן פלעג איך האָבן אַ סטאַנציע, און ווי ער האָט דערהערט, אַז איך פאָר קיין אַמעריקע, הייבט ער אָן לאַכן פון מיר און זאָגט: — „וואָס האָסטו דיר איינגערעדט אַמעריקע, פאָר ניט.״ האָב איך דערפאַר דאָרט ניט געוואָלט נעכטיגן. נעם איך מיר מיין קלומעקל און גיי צו צום דניעסטער און פאָר אַריבער קיין אָטיק און נעכטיג דאָרט אין אָטיק. איך ווייס מיין מאַרשרוט! איך דאַרף פאָרן קיין נאָוואָסעליץ, בעסאַראַביע, צו דער גרעניץ. בלאָטעס זיינען געווען גרויסע, און אַ פּרייטיק, איך בין אין נאָוועסעליץ. איך דאַרף גנב׳ענען די גרעניץ, און נאָך צוויי איינגלעך מיט מיר. פרייטיק צו־נאַכט האָט אַ שמוגלער אונז דריי אַריבער געפירט די גרעניץ. שבת בייטאָג זיינען ביידע פאָטערס פון די אַנדערע איינגלעך געקומען זיך געזעגענען מיט זייערע קינדער, און שבת ביינאַכט זיינען מיר אַריין געפאָרן קיין ביאָן, אין עסטרייך, און פון דאָרטן צו דער גרויסער שטאָט טשערנאָוויץ אין בוקאָווינע, און אַזוי זיינען מיר אַריינגעפאָרן צו דער דייטשער גרעניץ קיין מיסלאָוויץ.

ווערט איינער פון די איינגלעך געוואָר, אַז ער האָט ניט גענוג געלט צו צייגן ביי דער גרעניץ, גיב איך אים 50 מאַרק, און זיי ביידע פאָרן אַוועק איבער דער גרעניץ אין מיסלאָוויץ נאָך פריער פון מיר. אין אַ צוויי טאָג אַרום, האָט ער מיר צוריק געשיקט אָנשטאָט די 50, נאָר 40 מאַרק. האָט עס מיר אויסגעפעלט, און איך האָב שוין ניט געהאַט גענוג געלט. פונדעסטוועגן, איך פאָר ווייטער קיין האַמבורג און איך גיי קויפן אַ שיפסקאַרטע, און עס פעלט מיר אויס בלויז איין מאַרק. גיבן מיר אידן אָן „עצה״, אַז אָנשטאָט קיין אַמעריקע, זאָל איך פאָרן קיין לאָנדאָן, און איבער לאָנדאָן פאָרן קיין אַמעריקע, ווייל אויף דעם

ווען האָט געקאָסט בילינער. פאָר איך טאַקע קיין לאָנדאָן. אויף דער שיף דערמאָן איך זיך: — „וואָס טו איך אָן מצות־פּסח״? גיי איך פון שיף צוריק קיין האַמבורג אין שטאָט אַריין און קויף זיך מצות, און גיי צוריק צום שיף זיך אויפזעצן.

דעמאָלט האָב איך געמיינט, אַז עס איז אַ שיף, אָבער היינט פאַרשטיי איך, אַז דאָס איז געווען אַ „פּערי־באָוט״, ווי מען פאָרט צו דער סטעטשו אָוו ליבערטי. די שיף איז געבליבן שטיין ווייט פון ברעג אין לאָנדאָן, און מען האָט מיך גענומען אויף אַ קליין שיפעלע און צוגעפירט צום ברעג. איך האָב זיך באַלד אָנגעפרעגט וואו צו קויפן אַ שיפסקאַרט קיין ניו יאָרק. בין איך געגאַנגען צום שיפסקאַרט אַגענט, איינער סטוירן, און איך בין ביי אים איינגעשטאַנען 5 טעג, ווייל דער טיקעט איז געווען פאַר אַ שיף, וואָס איז אָפּגעגאַנגען פון ראָטערדאַם און ניט פון לאָנדאָן, און די 5 טעג פון מיין זיין אין לאָנדאָן האָב איך געלעבט מיט טרוקענע מצה מיט הערינג. מען האָט מיך געראַטן איך זאָל גיין אין „הכנסת אורחים״, און איך האָב ניט גע־וואָלט גיין.

די פינף טעג זיינען אַריבער, האָב איך זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיינער שיף קיין ראָטערדאַם, און דאָרטן, איידער מען האָט זיך געזעצט אויף דער שיף, האָט מען אונז געגעבן עסן אין אַ אימיגראַנטן הויז. אויף דער קליינער שיף זיינען מיר געפאָרן בלויז עטליכע שטונדן און זיך פון דאָרט אויפגעזעצט אויף דער גרויסער שיף, וואָס האָט געהייסן, „ראָטערדאַם״. אויף דער שיף „ראָטערדאַם״ זיינען מיר געפאָרן 13 טעג ביז קיין ניו יאָרק. אַ סך זיינען געווען קראַנק אויף דער רייזע, נאָר מיך האָט גאָר נישט געאַרט. ווען איך בין אָנגעקומען אין קעסל־גאַרדן, ניו יאָרק, האָט דער באַאַמטער מיך געפרעגט, צי איך האָב געלט? האָב איך מיך גענומען צו מיינע סעקרעטנע קעשענעס, וועלכע זיינען געווען איינגענייט אונטער ביידע אָרימס פון די העמד. ווען איך האָב זיך גענומען זוכן אונטער דער האַנט, האָבן זיי געמיינט, אַז ווער ווייסט וויפיל געלט איך האָב באַהאַלטן, און פונדעסטוועגן האָבן זיי אַפילו ניט געוואָרט איך זאָל זיי ציינן וואָס איך פאַרמאָג, נאָר מען האָט מיך געלאָזט גיין. סך הכל, האָב איך פאַרמאָגט 3 זילבערנע דאָלער.

איך זע א „בעל־עגלה", אזא מין עקספּרעס וואָגן, און איך גיב אים דעם אַדרעס פון יענעם חבר, וועלכער האָט ביי מיר געבאָרגט אין אושוועצין די 10 מארק. דאָס איז געווען אין 50 אַטוירני סטריט. דער נאָמען פון דער פאַמיליע איז געווען, קויפמאַן. זיי זיינען געווען אַדעסער לאַנדסלייט, זייער פיינע מענטשן, און דער חבר מיינער, א פּלימעניק צו דער פאַמיליע קויפמאַן, איז שוין דעמאָלט געווען א קאָנ־דוקטאָר אויף א סטריט־קאר, געשלעפּט פון צוויי פערד.

די פאַמיליע קויפמאַן האָט מיר געדונגען א לאָזשי נעקסט־דאָר צו זיי. צו דער זעלבער פאַמיליע קויפמאַן איז אריינגעקומען אונזער א לאַנדסמאַן, וועלכער האָט געקענט מיין פאָטער, און ער האָט מיך אוועק געפירט אין דער אכטער סטריט, אזא מין סאָסייעטי, וואָס האָט פארשאַפט דזשאָבס פאר גרינע. זיי פרעגן מיך, וואָס איך קען, און איך זאָג זיי, אז איך בין א טאָקער, און זיי גיבן מיר א דזשאָב אין א פעקטאָרי, וואו מען מאַכט ליולקעס פון קוקורוזע.

אויף מאָרגן, איך גיי צו דער ארבעט אין דער פעקטאָרי, און זיי הייסן מיר קויפן אייגענע געציינ. איך גיי און קויף 3 שטיקלעך געצייג און שטעל מיך ארבעטן. איך ארבעט אָפּ די ערשטע וואָך און זיי דערלאַנגן מיר 6 דאָלער פאר דער ערשטער וואָך. בין איך געווען זייער צופרידן. די פעקטאָרי איז דעמאָלט געווען אין וואוסטער סטריט.

איך שרייב א בריוו צו מיין פאָטער קיין טשערנאָוויץ, און מיין ברודער נחמן דערהאַלט דעם בריוו, ווייל ער דאַרף דעם בריוו איבער־שיקן צו מיין פאָטער קיין בערעזאָווקע. נעמט ער און לויפט צו מיין פאָטער מיט דעם בריוו מיט א גדולה, אז שמאי האָט שוין גוט אָנגע־טראָפן אין אמעריקע. ער פארדינט שוין 12 רובל א וואָך.

ווי איך האָב געקראָגן די ערשטע פּעי, בין איך אוועק אויף העסטער סטריט אין א סעקאָנד־הענד סטאָר און זיך אויסגעקליידט, כדי איך זאָל שוין אויסזען ווי אן אמעריקאנער און ניט ווי א גרינער. דעמאָלט האָט מען געטראָגן אזא פראַק, וועלכער האָט זיך גערופן: א „קאָט־אָוועי", און אויך זיך געקויפט א נידריקע דוירבי.

דעמאָלט בין איך געגאַנגען זוכן מיין קאָזין יעקב הערשקאָוויטש,



מיין בילד אין יאָר 1911



אונזער אמברעלער פעקטאָרי אין יאָר 1906
אין 530 איסט 147טע סטריט, בראָנקס, נ. י.

וועלכער האָט געוואוינט אויף 52 עלען סטריט. איך שטעל מיך פאָר, אַז איך בין אַ קאָזין פון טשערנאָוויץ, און ברענג אים אַ גרוס פון זיין שוועסטער פון סאָראָקע. דער קאָזין האָט געהאַט אַן אָמברעלאַ סטאָר און געשפּילט אַ חסידישע ראָלע. איך בין געווען שיין אָפּגעראַזירט, און ער זאָגט צו מיר מיט אַ קרעכץ: — „שוין, שוין! אָראָפּגענומען די באָרד?" זאָג איך אים, אַז איך בין שוין געקומען געראַזירט נאָך פון דער היים. ווען איך האָב געזען, אַז זיי זיינען פאַנאַטישע מענטשן, האָב איך זיך מיט זיי מער נישט געבאַדערט.

אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט אין דער ליולקע פעקטאָרי אַ 6 וואָכן, ביז עס איז געוואָרן סלעק. זוך איך אין די צייטונגען אַן אַנדער דזשאַב. דאָס איז געווען די דייטשע שטאַטצייטונג. דאָרט פלעגט זיין „אַדווערטייזט" דזשאַבס. האָב איך געזען אַן אַנאָנס, אַז מען זוכט אַ טאָקער. איך קום אַהין, אויף טשעמבערס סטריט, און עס וואַרטן עטליכע מענער, נאָר קיינער האָט ניט געוואָלט אָננעמען דעם דזשאַב. ווען מען פרעגט מיך, צי איך וויל פאָרן אויסער ניו יאָרק אַרבעטן, און זיי וועלן מיר צאָלן 9 דאָלער אַ וואָך, באַשטיי איך דערויף, און גיי צוריק צו מיין לאַנזשי און נעם מיין פּעקל, און גיי צוריק צו טשעמבערס סטריט. דער באָס קויפט פאַר מיר אַ טיקעט, און מיר פאָרן מיט דער באַהן. די באַהן שטעלט זיך אָפּ ביי אַ בריק, און איך מיט מיין יונגן באַלעבאָס גייען אַרונטער.

עס איז געווען זייער שיין, אין אַ יוני פאַרנאַכט, און איך האָב זייער הנאה געהאַט פון דער פרישער לופט. רעדן האָב איך מיט אים ניט געקענט, ווייל איך האָב נאָך ניט פאַרשטאַנען קיין ענגליש. ער ציינט מיר וואו זיך אַרומצווואַשן, און מען גיט מיר מיט אים עסן. מען ציינט מיר אָן אַ צימער צום שלאָפן.

צו מאָרגן, גיט מען מיר פרישטיק, און איך גיי אין דער פעקטאָרי, און מען ציינט מיר די אַרבעט, און דעם אומגאַנג, און איך אַרבעט, און ווי עס ווייזט אויס, איז מיין אַרבעט געפעלן. דאָס איז געווען אין ברעמען, פענסילווייניע, און דער יונגער באָס, נאָך אַ בחור, האָט געהייסן, נאָרמאַן ברעמען. געהאַלט פלעגט מען צאָלן איינמאָל אין 4 וואָכן, און צוויי וואָכן זיינען תמיד געבליבן ביים באָס. עס איז

אזוי געווען, אז מען האָט אָפּגעאַרבעט 6 וואָכן, האָט מען געקראָגן פאַר 4 וואָכן געצאָלט, און 2 וואָכן זיינען אַלעמאָל געבליבן שטיין. פאַר עסן און לאָזשי האָב איך געצאָלט 13 דאָלער א מאָנאַט צו דעם באָסעס מוטער, מרס. ברעמען.

איז מיר נאָך דעם מאָנאַט איבערגעבליבן ארום א 20 דאָלער אין קעשענע. האָט דער אַלטער מר. ברעמען פאַר מיר אויסגעשריבן א קאַרטל צו מאַכן א דעפּאָזיט, און עס אַוועקגעשיקט קיין אונסדעיל, פּענסילוועניא. די באַנק עקזיסטירט נאָך, און זי הייסט: „וועין־קאַונטי סייווינגס־בענק".

מיינע באַלעבאַטים האָבן ניט געקענט אויסגעפינען מיין נאָמען, ווייל איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס זיי רעדן און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס איך ענטפער. איינמאָל קומט אהין א פּעדלער פון סיראַקיוז, א איד, און ער פרעגט מיך אויף אידיש מיין נאָמען. האָב איך געזאָגט, אז סאַלאָמאָן. און אזוי איז שוין געוואָרן מיין נאָמען באַוואוסט אין דער גאַנצער געגנט. און היינט, אז איך קום אהין צו מיין זומער וואוינונג, קענען מיך אַלע ביי מיין נאָמען סאַלאָמאָן.

דער זומער האָט זיך גערוקט, און איך האָב געמוזט כאַפּן די שפּראַך, ווייל קיין אַנדערע ברירה האָב איך ניט געהאַט, ווייל קיינער האָט ניט גערעדט קיין אידיש.

עס קומט פאַר ראש־השנה. לאָז איך זיך גיין קיין אונסדעיל, וואו עס געפינען זיך אידן מיט א שול. 24 מייל בין איך געגאַנגען צופוס. איך קום קיין אונסדעיל, און פרעג וואו עס וואוינען אידן, און מען ציינט מיר. איך בין איבערגעשטאַנען די צוויי טעג ראש השנה און דעם צווייטן טאָג, 5 אזייגער פאַרנאַכט, לאָז איך זיך צוריק גיין קיין ברעמען. עס ווערט שפּעט, ווייל איך איבערנעכטיגן, קלאַפּ איך אָן ביי א פאַרמער, זיי האָבן מורא צו עפענען די טיר. געפין איך א פּלאַץ אין פעלד און לייג זיך שלאָפן, און פאַרטאָג שטיי איך אויף און גיי ווייטער, און בין אָנגעקומען קיין ברעמען אינדערפרי. דער אַלטער לאַכט פון מיר. ער האָט פאַרשטאַנען, אז איך בין געשלאָפן אויפ'ן פעלד. ער זאָגט צו מיר, אז איך בין געשלאָפן ביי מרס. באַרן, דאָס מיינט, איך בין געשלאָפן אין א באַרן (שטאַל) אויפ'ן וועג פון אונס־דעיל. אויף יום־כיפור, ווידער צופוס קיין אונסדעיל. אין אונסדעיל

זיינען דעמאָלט געווען צוויי שולן, איינע אַ רעפאָרם, און איינע, אַן אָרטהאָדאָקסישע. איך האָב אין אונסדעיל געקראָגן צו קויפן אַ אידי־שע צייטונג, דעם „פאָלקס־אדוואָקאט", וואָס פלעגט ערשיינען אין ניו יאָרק איין מאָל אַ וואָך. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין דעם יאָר 1891.

איז מיר די צייטונג געפעלן, און איך האָב דורך אַ בריוו מיר אבאָנירט די צייטונג. די ערשטע צייט איז מיר אויסגעקומען שווער צו לעזן דאָס אַמעריקאַנער יידיש, נאָר איך האָב געהאַט גענוג צייט אַ גאַנצע וואָך, האָב איך פּאַוואָליע געלערנט פאַרדייען די אַמעריקאַנער אויסדרוקן אין אידיש.

די פעקטאָרי אין ברעמען איז געגאַנגן אויף וואַסער קראַפט, אַזאַ טוירבין. די געביידע פון דער פעקטאָרי איז געווען צונויפגעשלאָגן פון ברעטער, און אין ווינקל איז געשטאַנען אַ קליין אייזערנער אויווע־לע. אין ברעמען, אין די געבערג, דאָרט, אַז עס איז ווינטער — איז ווינטער. מען פלעגט זיך גוט אָנפעלצן צו דער ארבעט אין דער פרי, אַזוי, אַז אין דער פרי פלעגן זיך די הענט צוקלעפּן צום געצייג פון קעלט. אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט דעם ווינטער.

עס קומט די צייט פון פסח, גיי איך ווידער צופוס קיין אונסדעיל אויף די ערשטע צוויי טעג. און אויף די איבעריגע זעקס טעג האָב איך דורך אַן אדווערטייזמענט פון דער צייטונג מיר באַשטעלט מצות פון ניו יאָרק, און איך האָב נישט געגעסן קיין חמץ. אויך האָב איך זיך באַצויגן „פּאַסטראַמי", און מיט די צוויי מאכלים, האָב איך אי־בערגעלעבט דעם פסח. איך האָב זיך געקויפט אַ ניי בעקעלע מיט אַ טעפּל, און אייער האָט אויך ניט געפעלט.

ניט ווייט פון ברעמען איז געווען נאָך אַ פעקטאָרי פון טאָקעריי, ווי די, וואָס איך האָב געאַרבעט. דאָס פּלאַץ האָט געהייסן: „ליטל איקענאַק". דער באַלעבאָס איז געווען אַ איד פון בעהמען. זיין נאָמען איז געווען, גאָטליב. אין אַ זונטיק פרי, קומען צוגיין צו מיר אין הויז צוויי אידישע יונגעלייט, אויך טאָקערס, וועלכע גאָטליעב האָט געבראַכט פון ניו יאָרק. זיינען מיר שוין געווען 3 אידן, וואָס, ווען מען האָט ניט געאַרבעט, האָט מען צוזאַמען פאַר־

בראכט. פארגלוסט זיך מיר צו פרעגן מיין באַלעבאָס פאַר אַ „רעיז" — אַ דאָלער. זאָגט ער מיר גאָר נישט. נאָר אַז עס איז אַוועק עטליכע וואָכן, דערקלערט ער מיר פּלוצים, אַז ער האָט שוין אַן אַנדערן אויף מיין פּלאַץ. איך גיי איבער צו גאָטליעבן אַרבעטן, און מיר אַרבעטן שוין אַלע דריי צוזאַמען. אויף לאַזשי בין איך געווען ביי לואי ראַנעס, אַ קריסט, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער פּעקטאָרי. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין מאַכן הענטלעך פאַר פּעדער־דאַסטערס, וואָס פלעגן זיך פאַרקויפן איבער גאַנץ אַמעריקע.

אין ברעמען איז געווען דער פּאָסט־אָפּיס. און איין פאַרנאַכט, איך גיי אין ברעמען צו זען, צי איך האָב עפּעס בריוו פון דער היים, מען דערלאַנגט מיר אַ בריוו פון דער היים, און איך עפן אים אויף, און עס ווערט מר פינסטער אין די אויגן. דער פאָטער מיינער איז טויט, שרייבט מען מיר. איך צעוויין זיך, און געפין ווייטער אויס פון בריוו, אַז מיין ברודער נחמן׳ס ווייב איז אויך געשטאָרבן, און ביי מיין ברודער אהרון איז אויך געשטאָרבן זיין איינגל, מיטקע. ווער איך אומרואיק אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב זיך ניט ראַזירט פאַר פיר וואָכן.

איך לאָז איבער גאָטליעב׳ס פּעקטאָרי און גיי איבער אַרבעטן אין דעם שטעטל „לאָנג־עדי", און אַרבעט דאָרטן אויך ביי דער זעלבער אַרבעט פון מאַכן די הענטלעך פאַר די פּעדער־דאַסטערס. דער באַלע־באָס האָט געהייסן, היימאַן. דאָרטן האָב איך שוין געוואוינט אין אַ האָטעל, און בלויז עטליכע וואָכן האָב איך געאַרבעט אין לאָנג־עדי, און דערנאָך בין איך צוריק געקומען קיין ניו יאָרק, שוין ניט קיין גרינער. איך רעד שוין ענגליש און האָב אַביסל געלט. איך גיי אַרי־בער צו מיין קאָזין הערשקאָוויץ, 52 עלען סטריט, און בין ביי אים אַ געהויבענער גאַסט, און זיי זאָגן מיר, אַז איבער זיי, „אַפּסטעירס", וואוינט ליב קוה׳ס אַ טאָכטער, פון סאָראָקאָ, זיי זיינען דיזעלבע מענטשן ביי וועמען איך האָב געוואוינט, ווען איך בין געווען אין סאָראָקאָ. זי איז דאָ מיט איר מאַן און ברידער. איך בין אַרויף צו זיי, זיי האָבן זיך מיט מיר דערפרייט צו טרעפן אַ היימישן מענטשן, און איך ציי זיך אַריין צו זיי אַלס באָרדער.

איך גיי אַרויס אין סטריט, באַגעגן איך אַ לאַנדסמאַן פֿון קליין טשערנאָוויץ, לאָזער הורוויץ, און זיין פֿרוי שרה, פֿון בערעזאָווקע, און איר טאָכטער זלאַטע און איר מאַן, יחיאל וויינטרויב. איך זאָג זיי, אַז איך זוך אַרבעט.

איך געפֿין ווידער אַ לאַנדסמאַן, חיים נעסטער, זיין פֿרוי, איטע, אויך פֿון בערעזאָווקע. ער איז אַ פּרעסער ביי הויזן. זאָגט ער צו מיר: — „לערן זיך אויס שטעפּן הויזן". איך רעד מיט דעם באָס, הייסט ער מיר ברענגען אַ ניי־מאַשין, און הייסט זיך געבן 10 דאָלער פֿאַר לערנען, און אַרבעטן 4 וואָכן אומזיסט, וועט ער מיך לערנען נייען הויזן. איך גיי און דינג זיך אַ ניי־מאַשין און ברענג זי טראָגנדיק אויף די פּלייצעס, און גיב אים די 10 דאָלער, און אַרבעט אָפּ די פֿיר וואָכן, און קען שוין מאַכן אַ פּאָר הויזן מיט פֿיר קעשענעס. פֿאַר אַפּרייטן אַ פּאָר הויזן, האָט ער דעמאָלט געצאָלט 10 סענט. מען אַרבעט פֿון 6 אינדערפֿרי ביז זיבן אויף דער נאַכט. מער ווי 10 פּאָר הויזן קען איך ניט מאַכן. איך לאָז איבער די אַרבעט, אָפּאַרבעטנדיק דאָרט עטליכע וואָכן.

ווען עס רעגנט, גיי איך פּעדלען מיט אַמברעלערס. איך האָב געהאַט דאָ מיין מוטער׳ס אַ קוזינע, חנה שמוליעוויטש, פֿון רומעניע, און איך פֿלעג אַהין קומען. זיי האָבן געהאַט אַ באָרדער, אַן אינשור־רינג־אַגענט. נאַראַיעט ער מיר איינעם, אַ פּעדלער, וואָס קויפֿט דריי־גודס אויף אָקשען. מיר ריידן אָפּ און איך גיי מיט אים, און מיר קויפֿן פֿאַר אַ קאַרגע 200 דאָלער סחורה, און מיר לייגן עס אַרויף אויף אַ פּושקאַרט און מיר גייען פּעדלען. מען לייזט, און איך זע, אַז מען פֿאַרדינט. מיר קויפֿן צו צוביסלעך סחורה, און אַ זונטיק, מען נעמט רעכנען, געפֿין איך אויס, אַז עס פֿעלט צום קרן. וואָס טוט מען? די סחורה איז ביי מיין פּאַרטנער אין שטוב. ער ברענגט קונים און גיט אויף אויסצאָלן. ברענג איך אויך קונים, און זיי נעמען אויך אויף אויסצוצאָלן. און אַז איך זע, אַז מיינע קונים האָבן שוין אַרויסגענומען אַזוי פֿיל, וויפֿיל מיין חלק איז באַשטאַנען, קום איך ניט מער צו אים. קומט דער פּאַרטנער צולויפֿן צו מיר. צייג איך אים, אַז איך האָב אַרויסגענומען מיין חלק פֿאַר מיינע קונים און וויל מער ניט זיין קיין פּאַרטנער.

איך געפין א דזשאב ביי א טאָקער, אויף סאָפּאָלק סטריט, זיבן דאָלער מיט 50 סענט א וואָך. איך אַרבעט א פּאָר וואָכן, און עס איז נישטאָ מער קיין אַרבעט. געפין איך א דזשאב אין סטעטן-איילאנד. איך האָב אָפּגעאַרבעט דאָרט בלויז א פּאָר וואָכן, און עס איז אויך דאָרט מער ניט געווען קיין אַרבעט. און איך געפין אן אַנדערן דזשאב אין איסט ניו יאָרק. דאָרט האָב איך אויך געאַרבעט עטליכע וואָכן, און ווידער ניטאָ קיין אַרבעט. אין א שבת, גיי איך מיט נאָך א יונגג־מאַן פּעדלען מיט שוועבעלעך איבער דעם האַרלעם בריק. איך גיי אויך פּעדלען מיט „קעש־אָלד־קלאָוטס", איך פּעדל מיט זאָקן, מיט העמדער, לייזדיק זיך איך ניט. איינמאָל, איך בין פּאַרטיפּט אין פּעדלען, איך טו א קוק, עס שטייט נעבן מיר א אינגל און שמייכלט. ער פרעגט מיך, — „קענסט מיך ניט? איך בין א טשערנאָוויצער." איך גיב א קוק, און שריי אויס: — „אברעימל משה חיים'ס!" ענטפערט ער, אז ער איז דער אינגערער, — דוד. זאָג איך צו אים: — „איך מוז דיך באַלד אָפּראַזירן, איידער עמיצער זעט דיך." ציינ איך אים וואו עס איז דאָ א באַרבער, און זאָג אים, אויב ער פרעגט דיך: „שאמפו", זאָג ניין.

איך נעם אים און פיר אים צו צו אונזער ביידענס קאָזינע, חנה שמוליעוויטש, און יענעם פּריוויטיק פאַרנאַכט, איך קום נאָך אים, זאָגט זי צו מיר, אז זי האָט אים אוועקגעפירט צו דער הכנסת אורחים. איך לויף אהין אריבער, ס'איז שוין שפּעט, און זיי ערקלערן מיר, אז זיי וועלן אים שוין ניט אַרויסלאָזן, און ער מוז שוין דאָרט איבער־נעכטיגן. אויף מאָרגן, אינדערפרי, נעם איך אים פון דאָרט אַרויס און ברענג אים צו מיר אויף מיין לאָזשי, און מאַך פּאַר אים אויך א קוישל מיט זאָקן צו גיין פּעדלען. אָבער ער האָט זיך ניט אויס־געטויגט דערצו, ער האָט אפילו קיין „סייל" ניט געמאַכט.

מיר פּעדלעןביידע צוזאַמען און מיר זוכן אין די ציימונגען א דזשאב, אָבער וואו איך קום מיט אים, ווילן זיי מיך נעמען, און ניט אים. זיי ווילן מיך דערפאַר, וואָס איך בין שוין מער נישט קיין גרינער. מיר גייען דורך גרענד סטריט, און מיר דערזעען שטרויענע קאַפּעלושן, זייער ביליג — און איך קויף צוויי קאַפּעלושן, איינעם פּאַר אים און איינעם פּאַר מיר.

מיר האָבן געהערט, אַז אין נוארק, ניו דזשורזי, קען איך קריגן פאַר אים אַ דזשאָב ביי העטס. פאָרן מיר ביידע קיין נוארק. מיר גייען אַזוי אין מאַרקעט סטריט. איך דערזע אַ „סיין״, אַז מען באַדאַרף אַ טאָקער. איך גיי אריין און קריג דעם דזשאָב. מיר זוכן אויף אַ לאַנדסמאַן פון מאָהעלעוו, וועלכער האָט געוואוינט אין נוארק. מיר האָבן שוין ביידע אַ פּלאַץ, וואו צום איינשטיין, און פאַר דוד'ן קריג איך אַ דזשאָב צו קלויבן שמאַטעס, פאַר 4 דאָלער אַ וואָך.

ער אַרבעט אָפּ אַ פּאָר טעג און ער וויל מער נישט אַרבעטן, ווייל דער שטויב איז אים געקראָכן אין האַלז אריין. געפין איך אים אַ דזשאָב ביי אַ בוטשער. עס טויג ווייטער ניט. איך פיר אים צוריק קיין ניו יאָרק אויף מיין אַלטער לאָזשי, און ער גייט זיך לערנען צו זיין אַ מאַטראַצן־מאַכער. איך אַרבעט אין נוארק און פאַרדין 10 דאָלער אַ וואָך. דער מאָהילעווער לאַנדסמאַן האָט געהייסן, חיים שבתי, און איינמאָל אין אַ שבת, קומט צו זיי אַ מיידל צוגאַסט, זייערע אַ קאָזינע, און איך נעם זי אויס אין בעווערלי־פּלעיס, שבת בייטאָג, און מיר זיצן אויף דעם גראָז און פאַרברענגען. פרעגט זי מיך, צי זי געפעלט מיר? זאָג איך איר, אַז יאָ. מיר קומען צוריק צו איר קאָזין, חיים שבתי. זיי ברענגען זעמל, פּוטער, קעז, סמעטענע, און מיר עסן אַלע צוזאַמען, און מען רעדט אָפּ, אַז שמחת תורה נאָכט זאָל מען שרייבן תנאים.

מען שרייבט תנאים און באַלד — די חתונה.

איך פאָר קיין ניו יאָרק, און אונזערער אַ לאַנדסמאַן, דוד אַנטשעל'ס, און דער גרינער דוד רעדער, קומען צו אונזערע תנאים. מיין כלה, מלכה, פאַרקילט זיך אַן אויער, און שוין באַלד אויף די תנאים, באַקלאָגט זי זיך, אַז עס טוט איר ווי דאָס אויער. אויף דעם אַנדערן טאָג פאַרליר איך מיין דזשאָב, און איינער נאַראיעט מיר, אַז איך זאָל פּעדלען מיט באַנאַנעס. אָבער איך האָב ביי דעם ניט געקענט פאַרדינען. איך נעם מיין כלה קיין ניו יאָרק, צו אירן אַ קאָזין, משה בארץ. אָבער זי ווערט שטאַרק קראַנק אויף דעם אויער. איך פיר זי אַוועק אין „מאַונט־סאַינאַ״ האָספּיטאָל. איך געפין מיר אַ דזשאָב ביי טאָקערײ, ביי איינעם ראָטשילד, אויף דער סענטער סטריט,

און ארבייטענדיק ביי אים, געפין איך אויס, אז ער האט אויפגעשטעלט די פעקטארים אין ברעמען, און מר. גאטליעב איז געווען זיין פארמאן.

מיין כלה האט געהאט אן אפעראציע אויף דעם אויער, און זי האט געמוזט זיין א פאר וואכן אין האספיטאל.

עס איז דעמאלט געווען אין די צייטן פון פרעזידענט קליוולענד, און די צייטן זיינען געווען זייער שלעכט. מיין באס, מר. ראטשילד, האט מיט אלע כוחות מיר געוואלט געבן ארבעט, אבער ער האט נישט געהאט. שרייב איך אוועק א בריוו צו מיין אלטען באס, נארמען ברעמען, אז איך וויל צוריק קומען ארבעטן אהין, און באקום גלייך אן ענטפער, אז אויב איך וויל ארבעטן פאר 9 דאלער א וואך, קען איך גלייך קומען. לאז איך איבער מיין כלה אין האספיטאל און פאר צוריק קיין ברעמען ארבעטן.

מיין כלה קומט ארויס פון האספיטאל און זי פארט צוריק קיין נוארק, צו אירע קרובים, און מיר שרייבן זיך דורך יעדן טאג. זי שטעלט זיך ארבעטן אויף א פלאץ, אלס א דינסט פאר 8 דאלער א חודש. איך שיק איר אביסל געלט איר ארויסצוהעלפן.

ביי די תנאים האט מען אפגערעדט, אז פאר פסח וועט זיין די חתונה. איך האב אפגעארבעט דעם ווינטער און צונויפגעלייגט א פאר דאלער און גענומען זיך די וואך פון פסח פאר וואקיישאן. איך בין געקומען קיין נוארק, ווייל איך האב געהאט אפגערעדט מיט מיין כלה, אז איך וועל קומען שבת צופארן, און איך בין דערפאר גאר געקומען פרייטיק, און זי סורפרייזט. שבת בין איך אריבער געפארן קיין ניו יארק און זיך געקויפט שיינע קליידער, און זונטיק איז געווען די חתונה פריוואט, ביי אירע קאזינס אין הויז. די קוזינע, חנה שמוליעוויטש, און דוד אנטשעלס. ער, דער גרינער, הייסט שוין מער נישט דוד, נאר דייוו רעידער. זיי זיינען געווען מיינע געסט אויף מיין חתונה. די איבעריקע געסט זיינען געווען פון דער כלה׳ס צד. חיים שבתי האט געהאט א זון פון א יאר 18, און ער האט אנגעבראכט א פולע שטוב מיט זיינע חברים, און זיי האבן צוגעגעבן א סך גלאנץ צו דער שמחה, מיט זייער טאנצן און פארברענגען.

מען האט געבראכט דעם מסדר־קידושין, א יונגערמאן מיט א בערדעלע, אבער, אז ווען עס איז געקומען צום לייענען די כתיבה,

האָט ער ניט געקענט, און מיין קוזינע, חנה שמוליעוויטש, האָט אים געמוזט אַרויסהעלפן. שפּעטער אַ פּאָר טעג, האָב איך באַגעגנט דעם מסדר-קידושין, שוין אַן אָפּגעראַזירטן, און ער איז געווען אַן עקזאַמינער ביי אייער.

דעמאָלט איז געווען מיטוואָך, ערב פּסח. זיינען מיר ביידע, איך מיט מיין פרוי אַריבער געפאָרן קיין ניו יאָרק, און מיר האָבן געגעסן ביי איר קאָזין, משה באַרד, ביידע טעג פּסח. זיין פרוי, חוה, איז געווען מיין פרוי'ס קוזינע, און ניט ער. מיר זיינען געשלאָפן ביי מיין לאַנדסמאַן, חיים נעסטער, און איטע, זיין פרוי, איז געווען אַ בערע־זעווקער. מיר האָבן פאַרבראַכט פּסח זייער פיין.

מיר גייען אין גרענד סטריט, און מיר באַגעגענען זיך מיט אַן אַנדער יונג פּאָרל, און זיי דערפרייען זיך מיט אונז. מיט דער מיידל פלעג איך אַמאָל „אויסגיין", איידער איך האָב חתונה געהאַט. זי איז געווען נפתלי זעליג'ס אַ פּלימעניצע פון טשערנאָוויץ, אונזער'ס אַ מחותן. זי איז געווען עלטער פון מיר, און דערפאַר האָב איך זיך צוריק געהאַלטן פון איר. זי איז געווען אַ שיינע, גרויסע מויד.

מיר ביידע, איך מיט מיין פרוי זיינען געגאַנגען שפּאַצירן אין סענטראַל פּאַרק און אויך געווען אָנקוקן דעם קונסט־מוזעאום. מיר האָבן איינגעהאַנדלט פאַר זיך אַ באַלעבאַטישקייט, וואָס מיר האָבן געדאַרפט, און זיך אָפּגעזעגנט מיט דער גאַנצער משפּחה, און איך מיט מיין פרוי זיינען אַוועקגעפאָרן קיין ברעמען, וואו איך האָב געהאַט מיין דזשאָב.

מיר האָבן זיך איינגעריכטעט צוויי צימערן. מיר לייגן זיך שלאָפן. מען פויקט, מען פייפט, און מיר קוקן אַרויס אין דרויסן. עס שטייען די גוים פון דערפל, און אַזוי זיינען זיי אונז געקומען באַגריסן, דאָס נייע פּאָר פּאָלק. איך גיי אַריבער צו מר. ברעמען און ברענג אַ פּאָר גאַלאָן סיידער, און זיי טרינקען און ווינטשן אונז גליק, און גייען אַוועק.

דאָס איז געווען אַזאַ מין מאָדע אין פּענסילווייניא, ביי די פּאַר־מערס. אַז אַ יונגע פּאָר זיינען געקומען אַהיים פון זייער חתונה, האָט מען זיי געמאַכט אַזאַ טאַראַראַם, און דאָס האָבן זיי אָנגערופן אַ „סקימיטען".

איך מוז ווידער גיין אויף צוריק מיט מיין דערציילן: ווען איך בין געקומען צו מיין קאַזין, אויף 52 עלען סטריט, און זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז די פאַמיליע שאַפּיראָ פון סאַראָקאָ וואוינען איבער זיי, האָב איך זיך צו זיי טאַקע אריינגעצויגן. דעמאָלט האָב איך שוין געהאַט דעם אדרעס פון מיין קאַזינע חנה שמוליעוויטש, און דורך איר האָב איך אויסגעפונען וואו עס געפינט זיך דזשעני בלומשטיין, נפתלי זעליק׳ס אַ פּלימעניצע. פלעג איך מיט דזשענין אויסגיין פון ציט צו צייט. האָב איך אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז די מיידל קלערט, אַז איך וויל מיט איר הייראַטן, און כדי זי ניט צו פאַראַטן, — טאָמער אין דער צייט קען זי טרעפן עמיצן אַנדערש, האָב איך אַוועק געמופט אויף 75 נאָרפאָלק סטריט און זיך מיט איר מער ניט באַגעגנט. און דערפאַר, ווען איך מיט מיין פרוי האָבן זיי באַגעגנט אין גרענד סטריט, שוין פאַרהייראַט צו איר מאַן, האָב איך זיך אַזוי געפרייט.

אין דער צייט, ווען איך האָב געוואוינט ביי די שאַפּיראָס, אויף 52 עלען סטריט, עס איז געווען זומער, דאַון־טאַון, אויף דער איסט סאַיד, הייסע נעכט, פלעגן מיר שלאָפן אויפ׳ן רוף. איינמאָל אַ ביי־נאַכט, האָט אָנגעהויבן צו רעגענען, נעמט דער מיסטער שאַפּיראָ און גייט אַראָפּ פון דאַך און גייט אַריין צו זיך אין שטוב. פאַרגלוסט זיך דער מרס. שאַפּיראָ צו שפּילן אַ טריק מיט איר מאַן: טוט זי ניט מער, נאָר מאַכט זיך טאַמעוואַטע און זי מאַכט אים פילן, אַז דאָס איז ניט ער, פרעגט זי אים: — „איז מיין מאַן נאָך אויפ׳ן רוף?" ווען ער האָט דאָס פון איר דערהערט, אַז זי דענקט, אַז ער איז ניט ער, ענטפערט ער שטילערהייט, מיט אַ געביטן קול, אַז יאָ. דערווייל גייט מיסטער שאַפּיראָ צו צום בעט, און וויל לייגן די האַנט, וואו מען דאַרף ניט, דערלאַנגט די מרס. שאַפּיראָ איר מאַן אַ פּאַטש און צעלאַכט זיך.

ווען מיר זיינען אַלע אַרונטער געקומען, האָבן מיר אַלע געלאַכט פון דעם שפּאַס.

אין 175 סאָפאָלק סטריט האָט געוואוינט מיינער אַ לאַנדסמאַן, דוד פרידמאַן, האָב איך זיך אריינגעצויגן צו אים אויף לאָזשי. דאָס איז געווען אַ צוויי־שטאָקיק הויז און צוויי רומס אויף יעדן שטאָק אין דעם בעק יאַרד. און די טוילעטס, דאַון־סטערס.

אין שטוב צום ווארעמען איז געווען א קוילן־אויוון, און ווינטער האט מען געקאכט אויף אים, און אין זומער האט מען געקאכט אויף א קעראסין אייוועלע. די סינק מיט וואסער איז געשטאנען אין פאר־הויז. די פאמיליע ביי וועלכער פרידמאן האט אליין געוואוינט אלס באָרדער, איז באשטאנען פון דעם מאן, אברהם אקסענהאנדלער, זיין פרוי, פייגע איטע, און 4 קינדערלאך, א מיידעלע פון א יאר צוועלף, איינע פון אכט יאר, און א קליין אינגעלע פון א יאר פינף, און א בייבי פון א יאר. האט די פאמיליע פון זעקס געשלאפן אין א פינס־טערן בעד־רום, וואס האט ניט געהאט קיין פענסטער אין דרויסן ארויס.

אין דער גרויסער רום, וואס האט באדארפט זיין די קיך, דער עסצימער און דער פארלאר — האבן געוואוינט 4 באָרדערס, און איך בין געווען איינער פון די 4. וואס איז געווען זייער פרנסה? — אברהם אקסנער און זיינער א ברודער משה, האבן געהאט א בעיסמענט אויף דילענסי סטריט און פלעגן מאכן מאטראצן, אבער פון דעם איז נאך ניט געווען גענוג פאר פרנסה, און די מרס. אקסענהענדלער האט נאך אהיים גענומען צו פינישן הויזן — א חוץ די פיר באָרדערס. פאר לאזשי האבן די באָרדערס יעדער געצאלט 3 דאלער א חודש, און די פרוי אקסענהענדלער פלעגט אויפשטיין גאנץ פרי, און יעדער באָרדער האט געקראגן א טעפל קאווע, אלץ פאר די דריי דאלער א חודש, האט זי נאך געוואשן די אונטערוועש פון יעדן. די וועש איז ניט געווען אזוי לייכט צו וואשן; זי האט באדארפט גיין אונטן אויפ׳ן הויף און דארט פון א פלאמפ אנפלאמפען וואסער אין א באליע אריין און וואשן די וועש מיט קאלט וואסער. און דערצו האט זי פאר יעדן באָרדער געמוזט אפקאכן א טעפעלע עסן, ווען ער איז געקומען פון דער ארבעט.

אין יענער צייט, ווען איך האב געוואוינט ביי די אקסענהענדלערס, איז געווען די צייט, ווען איך האב געזאגט קדיש נאך מיין פאטער. אז עס איז געווען א טאג, ווען איך בין ניט געווען זייער פארנומען, פלעג איך אריינגיין אין בית־מדרש הגדול, אין נארפאלק סטריט, זאגן קדיש און דאווענען, האב איך באדארפט לייגן די תפילין, האב איך אויסגעטאן מיין נייעם אבער־ראק און האב אים אויפגעהאנגען. נאכ׳ן דאווענען, איך זוך דעם אבער־ראק, ער איז נישטא. מען האט צוגע־גנב׳עט און פארפאלן. האב איך געמוזט קויפן א נייעם אבער־ראק.

ביי דער פאמיליע אָקסענהענדלער האָב איך געוואוינט ביז איך בין פארלאָבט געוואָרן מיט מיין פרוי און ביז איך בין ווידער געפאָרן קיין ברעמען ארבעטן. און אזוי ווי איך האָב ביי זיי געוואוינט, און זיי האָבן געמאכט מאטראצן, האָב איך צו זיי אריינגעגעבן דעם גרינעם דוד רעידער, ער זאָל זיך אויסלערנען מאכן מאטראצן.

איך פלעג אויפשטיין יעדן אינדערפרי און קויפן די דייטשע „שטאטס־צייטונג״ און זען, צי מען פארלאנגט א טאָקער? איז געווען אַן אנאָנס, אַז מען פארלאנגט — פלעג איך גיין אָדער צופאָרן. האָב איך אָנגענומען דעם דזשאָב און געארבעט, איז געווען גוט, טאָמער ניט — פלעג איך פעדלען מיט פארשידענע סחורה. אויף דער נאכט פלעג איך לייענען ביכער. אויך אויף די סטענדס, וואו מען פלעגט פארקויפן סאָדא־וואסער און סיגארעטס, פלעגט מען באָרגן ביכער אויסצולעזן און דערפאר באצאָלט פון 2 ביז 5 סענט פאר א בוך לייענען. אזוי האָב איך פארבראכט מיין צייט, אָבער לידיג בין איך ניט געזעסן.

ווען איך בין אָנגעקומען אין ברעמען ארבעטן דאָס ערשטע מאָל, איז געווען דאָרטן אַן ארבעטער מיט׳ן נאָמען דזשעק אָסטנהיימער, א פלאַט דייטש, אָבער איך האָב ניט געקענט פארשטיין אפילו איין וואָרט וואָס ער פלעגט רעדן. די אַנדערע ארבעטער, וואָס זיינען געווען מיט מיר אין שאָפּ זיינען געווען: מר. לואיס ראנעס, טאָם קעפי, עזרי דאָטען, הערי קול, וויל עדימס, הוירט ראבינסאָן, און אַן אַלטער מאַן, זייער א פיינער, אַן ענגלישמאַן טיפּל. קיין איינער פון זיי ניט קיין איד. זונטיק פלעגן מיר גיין אין דער סאָנדעי סקול, און זיי דאָרט, זיינען געווען פּראָטעסטאנטן, און דער סקול, וואו מען פלעגט א גאנצע וואָך לערנען מיט די קינדער, האָט מען דורכגעפירט אזא מין גאָטעס־דינסט. איך האָב זיך ניט געפילט קיין פרעמדער דאָרטן, זיי האָבן מיר אויך געגעבן א „פּסוק״ צו זאָגן גלייך מיט אַלעמען, כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז איך בין א איד. מען פלעגט פון צייט צו צייט מאכן סקווער־טענץ און אויך קיסינג־פּארטיס, און איך פלעג זיין איבעראל. איינמאָל איז געווען א וואלד־פייער, ס׳האָט געברענט דער וואלד, און מען האָט אים באדארפט לעשן. עס שטייט ערגעץ גע־

שריבן: אש אכלו אש! עס הייסט, אז פייער לעשט פייער. טאקע אזוי האָבן מיר געלאָשן דעם פייער. מיר האָבן אויסגעגראָבן א גרוב ארום דעם פייער און געצונדן „צינד־פייער" ארום דעם פייער און געהיט און אכטונג געגעבן, אז דאָס פייער זאָל ברענען ארום דעם קרייז, ווייל אזוי נעמט זיך דער פייער צונויף רונד־ארום און קען זיך מער ניט צעשפּרייטן. די פייגל אין וואלד, וועלכע זיינען געשלאָפן אין זייערע נעסטן האָבן פלוצים זיך אויפגעוועקט דורך דעם רעש פון פייער און פון גרויסער איבעראשונג, און מסתמא אויך פון שרעק, האָבן די פייגל געשריגן, געזונגען און ממש, געוואלדעוועט — זיך צופלויגן—אָט יענעם געשריי איז מיר שווער אפילו היינט צו פארגעסן.

זומער, אז דאָס היי פלעגט פארטיג ווערן, פלעגן אייניקע פארמערס מאכן א „בי". מען פלעגט אָפּקאָכן א גוטן דינער און איינגעלאדן אלע שכנים, און זיי האָבן געהאָלפן אראָפּנעמען דאָס היי פון פעלד, איידער עס קומט א רעגן. זיי האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין ביי דער ארבעט, און איך אין דער מיט, — בין אויך געווען צווישן זיי.

איינמאָל, אין מיטן ווינטער, קומט א קריסטלעכער פעדלער מיט א פערד און באָגי (וועגעלע) קיין ברעמען, און דער שניי איז גרויס, און דאָס פערד קען ניט גיין אין שניי. וואָס טוט דער פעדלער? מאכט ער אָן „אָקשען" אויף דעם געשפּאַן. הייבן מענטשן אָן צו ביטן ביז 14 דאָלער. זאָג איך — 15 דאָלער. בלייבט דער עולם שטיין און זיי מיינען, אז איך וועל חרטה האָבן — אָבער איך האלט וואָרט און האָב ניט קיין חרטה. איך קויף דאָס פערד מיט דעם וועגעלע פאר 15 דאָלער. באלד אויפ'ן אָרט האָט מען מיר געגעבן 10 דאָלער פאר דעם לעדערנעם שלייע פון פערד און 5 דאָלער גיט מען מיר פאר דעם וועגעלע, און דאָס פערד בלייבט מיר אומזיסט.

איך האָב אריינגענומען דאָס פערד צו מיין באלעבאָס אין סטאַ־דאָלע, און ער האָט זיך ערהאלט און געזונט געוואָרן. פארקויף איך אים פאר 15 דאָלער, און יענער, וואָס האָט עס פון מיר אָפּגעקויפט, האָט אין א קורצע צייט ארום געקראָגן פאר אים 50 דאָלער, אזא גוט פערד איז עס געווען.

אין דער צייט, וואָס איך בין געווען אין ניו יאָרק און געפּעדלט מיט פארשידענע זאכן, גיי איך אין מיטן זומער אויף דער בויערי,

רופט מיך אריין איינער א סטאַרקיפּער און ער זאָגט מיר, אז ער האָט הונדערט מענער וועסטן צום פּארקויפן, און איך קויף זיי פאַר עלף דאָלער. איך לייג אַלע וועסטן ארויף אויף א פּושקאַרט און גיי מיט זיי פּעדלען, אָבער קיינער רירט זיי נישט אָן, ווייל דאָס איז געווען אין יולי, ווען עס איז געווען זייער היים און קיינער דאַרף ניט קיין וועסטן. לייג איך די וועסטן אוועק ביז אָנפאַנג ווינטער און גיי מיט זיי ווידער פּעדלען. קומען צו שניידערס, און איך פאַרלאַנג א דאָלער א וועסט, גיט מען מיר 75 סענט — נעם איך. גיט מען מיר 50 סענט — נעם איך, און 35 סענט — נעם איך, און א קוואָדער, נעם איך אויך — איך לאָז קיינעם ניט אוועק. דער חסרון מיט די וועסטן איז געווען, וואָס אָדער זיי זיינען געווען צו ברייט אָדער צו שמאָל, און בלויז א שניידער האָט זיך מיט זיי געקענט אָן עצה געבן.

און מיין פרוי מלכה האָט אין ברעמען אויפגעלעבט. מר. ברעמען האָט מיר אָפּגעטיילט א שטיקל גאָרטן, און מיר האָבן אים פאַרזעצט. זי האָט געקליבן סטראָבעריס, ווען איך האָב געאַרבעט אין שאָפּ. ווען מיר האָבן געהייראַט, האָט מיין פרוי געוואויגן 92 פונט. ס'איז געווען א פּיקניק אין ליטעל־איקענאַק, און זי האָט זיך דאָרטן איבער־געוואויגן און געהאַט צוגענומען 30 פונט אין 6 וואָכן צייט.

איך קום איינמאָל פון דער ארבעט, זאָגט זי מיר אָן די בשורה, אז זי איז שוין פאַרגאַנגען אין שוואַנגערן. דערווייל הייבט מיר אָן וויי צו טאָן א פינגער און איך האָב ניט געקענט ארבעטן א צייט. דער פינגער האָט זיך פאַרהיילט. ס'איז זומער, אין יולי, ס'איז טרוקן און עס פעלט וואַסער, קען די פעקטאָרי דערפאַר ניט ארבעטן, ווייל די מאַשינען זיינען געטריבן געוואָרן פון טורבינען, וואָס גייט אויף וואַסער, און איך מיט מיין פרוי קלויבן אין וואַלד בערים און איך טראָג זיי צו פאַרקויפן קיין „גרוים־איקענאַק" און לייז פאַר זיי 5 סענט א קוואָרט. מיר גייען כאַפּן פיש אין דעם יוניאָן־טייך, וואו דער קעמפּ איקענאַק איז איצט, און מיר כאַפּן אָן 14 פונט קליינע פישעלעך. מיין פרוי מלכה טריקנט די פישלעך פאַר שפּעטער צו עסן.

איך זע, אז עס איז ניט קיין פּלאַן צו וואַרטן ביז עס וועט ווערן וואַסער. איך גיי אַריבער קיין לאָנג־ערי, וואו איך האָב אַמאָל געאַר־

בעט ביי מר. היינעמאַן און קריג אַרבעט. איך געפין אַ דירה און מיר ציען זיך אַריבער קיין לאָנג־עדי. אַ וואַרימער שאַפּ מיט סטים־היט, אַ וואַרעמע וואוינונג, אַ גרויסער דזשענעראַל סטאָר צו קענען אַלעס איינקויפן. און אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט פון אָקטאָבער ביז מאַנאַט פעברואַר, און מיין פרוי ריכט זיך שוין אין קינפּעט אַריין. הייבן מיר אָן צו טראַכטן: — טאָמער עס קומט אַ אינגל, וואו וועט מען אים מלה־זיין? באַשליסן מיר אויפצוגעבן דעם דזשאָב און מיר ציען זיך אַריבער קיין נוארק, ניו דזשוירזי. איך קום צו מיין באָס היינעמאַן, און וויל מיין געלט. עס קומט מיר ביי אים 70 דאָלער. ער איז ניט געווען געוואוינט צו באַצאָלן, ווייל ער האָט געהאַט אַ סטאָר און די אַרבעטער פלעגן אָפּנעמען זייערע שכירות אין סטאָר, און דאָ קום איך און פאַרלאַנג „קעש!".

אָבער איך פלעג קויפן אין דזשענעראַל סטאָר ביי אַרמסטראָנג, ווייל איך האָב געהאַט מיין אייגן געלט. אָבער דאָ אָפּערט מיר מר. היינעמאַן אַ „דעיטעד טשעק", צו קריגן געלט שפּעטער מיט צוויי מאָנאַט. איך מוז נעמען, און האָב ניט קיין ברירה. אין הויז איז ביי אונז געשטאַנען אַ זעקל מעהל, האָב איך עס פאַרקויפט. די אַנדערע שטוב־זאַכן האָב איך אַוועקגעשיקט קיין נוארק מיט דער באַהן, און איך מיט מיין פרוי זיינען צוגעפאָרן מיט דער טרעין קיין לאַקאַוואַקסען און פון דאָרט קיין הינסדעיל, פּענסילוועניע צו מיין באַנק, „וועין־קאַונטי סייווינגס בענק". איך קום אין דער באַנק אַריין און דערצייל דאָרט וועגן מיין גע„דעיטעטן טשעק" און איך נעם אַרויס געלט פון מיין סייווינג אַקאַונט און לאָז דעם טשעק אין דער באַנק און זיי וועלן איינקאָלעקטן דאָס געלט, וועלן זיי מיר עס צו־שרייבן צו מיין אַקאַונט.

מיר נעמען די טרעין צוריק קיין לאַקאַוואַקסען און פון דאָרטן קיין נוארק, ניו דזשוירזי. מיר פאַרפאָרן צו די לעוויטס, וואו אונזערע שטוב־זאַכן זיינען אָנגעקומען, און איך גיי און קריג אַ דזשאָב ביי טאָקערייי אין נוארק. מען פרעגט מיך: וויפיל זיינען מיינע ווידזשעס? זאָג איך: 9 אָדער 10 דאָלער. זאָגט דער באַלעבאָס צו מיר, אַז 7 און אַ האַלב דאָלער. מער וויל ער מיר ניט געבן. אַ ברירה האָב איך? איך נעם אָן דעם דזשאָב.

דעם אכטן פעברואר, 1895, האָט מיין פרוי געבוירן אַ אינגל, און מען מאַכט אַ ברית און גיבן אַ נאָמען נאָך מיין פאָטער משה, און מיר רופן אים מעקס, ווייל די לעוויטס האָבן אויך אַ אינגל משה און זיי רופן אים מעקס — האָבן מיר אונזער משה'ן אויך אַזוי גערופן. איך אַרבעט אָפּ צוויי וואָכן און מיין באַלעבאָס דערלאַנגט מיר 18 דאָלער, לויט 9 דאָלער אַ וואָך און ניט לויט 7.50.

דער אָפּשטאַם פון מיין פרוי מלכה.

אַזוי ווי היינט איז דער 17טער דעצעמבער, 1949, איז לויט דער מאָדערנער צייט־רעכענונג, ווערט היינט 12 יאָר, אַז מיין ליבע פרוי איז געשטאָרבן. לויט דעם אידישן קאַלענדאַר איז די יאָרצייט 13 טאָג אין טבת, איז ניט מער ווי רעכט, אַז איך זאָל שרייבן וועגן איר.

אַלס קינד האָט מען איר פאָטער אַריבערגעפירט פון רוסלאַנד קיין רומעניען, ווייל מען פלעגט דעמאָלט כאַפּן קינדער און זיי דערציען פאַר סאָלדאַטן. געבוירן איז ער אין אַ קליין שטעטל, נאַזאַרעניץ, אין רוסלאַנד, אָבער די משפחה האָט געשטאַמט פון קליין טשערנאָוויץ, פון דעם זעלבן אָרט ווי אונזער משפחה: — אַלטער דער קרומער, און זיין זון לייזער פּאַסעסאָר, — די משפחה האָט מען ביי אונז גערופן — די „סלאָבאָדניקעס". אַז מיין שווער איז אונטערגעוואַקסן, האָט מען מיין פרוי'ס מוטער אויך אַריבערגעפירט דעם גרעניץ קיין רו־מעניע און זי האָט מיט אים דאָרט חתונה געהאַט.

מיין פרוי מלכה איז געווען צו זיי דאָס ערשטע קינד. איי־דער זי איז געבוירן געוואָרן, זיינען זיי געקומען צוריק קיין רוסלאַנד וואוינען, און האָבן זיך באַזעצט אין אַ דאָרף נעהאָרין. מיין שווער האָט געהייסן, לייב פישטיין, און די שוויגער האָט געהייסן, נעסיע. געלעבט האָבן זיי אין רוסלאַנד אַלס רומעניש בירגער. איז אַרויס אַ גזירה, אַז די אויסלענדישע בירגער זאָלן זיך גיין פון וואַנען זיי געקומען. האָט מיין שווער פּרובירט ווערן אַ רוסישער בירגער. האָט מען אים פאַר'משפּט אויף עטליכע יאָר אין טורמע, און ער איז אָפּ־געזעסן עטליכע יאָר, ווען ער האָט שוין געהאַט אַ שטוב מיט גרויסע

איך, מיין פרוי און מיינע קינדער מעקס און העריי
פאָטאָגראַפירט אין יאָר 1898



אַרבעטענדיק ביים מאַשין אין מיין אייגענער פאַבריק
פאָטאָגראַפירט אין יאָר 1948

קינדער. מיין פרוי, די עלצטע, אַ בחור, משה און נפתלי, ישראל, מענדעל און אַ קליין מיידעלע, אסתר, די אינגסטע.

מאַכט זיך, אַז אַ מאַן פון מיין ווייב'ס אַ קוזינע פאָרט אוועק קיין אַמעריקע, באַלד נאָך זייער חתונה און פאַרליבט זיך אין אַ מיידל דאָ, און די לאַנדסלייט שיקן נאָך דעם ווייבל, און זי קומט, און דער מאַן נעמט אויף זיין ווייבל און זי ווערט באַלד שוואַנגער. נאָך אַ לענגערער צייט גט ער זי, און האָט טאַקע חתונה מיט דער געליבטער. זיין נאָמען איז געווען, דזשעיקאָבסאָן, און איז געווען אַ אידישער אַקטיאָר, ער איז געווען דער פאָטער פון דעם באַקאַנטן קאָמיקער, אווירווינג דזשעיקאָבסאָן.

די גע'גט'ע פרוי בלייבט מיט אַ קינד, אַ מיידעלע, און שיקט אַ שיפסקאַרטע קיין רוסלאַנד נאָך אירער אַ שוועסטער, און די מיידל האָט שוין אַ חתן און וויל ניט פאָרן קיין אַמעריקע. גיט מען די שיפסקאַרטע צו מיין פרוי, מלכה, און זי קומט אויף דער שיפסקאַרטע קיין אַמעריקע.

מיין פרוי גייט אַרבעטן ביי דער עדיסאָן קאָמפּאַני, וואו זי האָט געאַרבעט ביי מאַכן די שטרוי פון באַמבו־האָלץ, וואָס מען האָט דער־מאָלט אַריינגעשטעלט אין די לעמפּלעך, און דאָס האָט געלויכטן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען געווען די ערשטע ערפונדענע עלעקט־רישע לעמפּלעך.

געוואוינט האָט זי ביי קרובים אין נוארק, ניו דזשוירזי, און די פאַבריק פון דער עדיסאָן איז געווען אין אָרענדזש, ניו דזשיורזי. פלעגט זי גיין צופוס פון נוארק קיין אָרענדזש צו דער אַרבעט. עס איז געווען שטיק־אַרבעט דעמאָלט. נאָך 10 שטונדע אַ טאָג אַרבעט און 7 טאָג אַ וואָך, האָט אַ מיידל קוים פאַרדינט אַ דאָלער און 50 סענט אַ וואָך. איז נאָך עטליכע וואָכן אַרבעט האָט זי גאָר נישט געקענט אויסקומען. עס איז ניט געווען ניט גענוג צו באַצאָלן פאַר דער לאָזשי און ניט פאַר עסן, פאַר גאָר נישט. האָט מען איר נאַראַיעט צו גיין אַרבעטן צו דער משפחה פון די לעהמאַנס, וועלכע זיינען געווען אין די בוטשער ביזנעס, און זי האָט אָנגענומען די שטעלע צו אַרבייטן אין קיך — און פון וואַשן דאָס געפעס, פון די שטאַרקע פּאַודערס, וואָס מען האָט גענוצט צו וואַשן, איז איר צעפאַלן געוואָרן די הויט

צווישן די פינגער. האָט זי געמוזט אויפגעבן דעם דזשאָב און זי האָט אָנגענומען א שטעלע ביי א קליינער, אידישע פאמיליע, וועלכע זיינען אריבער געקומען פון רוסלאַנד און זיי האָבן מיט איר געארבעט עבודת פרך, זי האָט געארבעט א גאנצן טאָג, אָן אויפהער, און זיי, די באַלעבאַטים, האָבן שוין געזען, אז זי זאָל זיך ניט אָפּרוען קיין מינוט, און פאַר דער ארבעט האָט זי געקראָגן זיבן דאָלער א חודש.

אין דער צייט, וואָס איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט, האָט זי שוין געארבעט ביי אַן אַנדער אידישע פאַמיליע אין קאַנאַל סטריט, אין נוארק. אין דער צייט, ווען זי איז ארויס פון האָספּיטאַל, נאָך אונזער פארלאָבונג, ווען זי האָט געליטן אויף דעם אויער, איז זי געווען מיט דער משפחה לעווויט. די משפחה לעוויט האָבן געהאַט צוויי קליינע קינדער, און געהאַט א גראָסערי סטאָר, און די פרוי האָט פארזאָרגט די גראָסערי און דער מר. לעוויט האָט ארויסגענומען אהיים צו מאַכן מענער וועסטן. און ביי זיי איז מיין פרוי געווען ביז דער צייט, וואָס איך בין געקומען פון ברעמען מיט איר חתונה האָבן. און די לעוויטס זיינען געווען מיינע אונטערפירערס צו דער חתונה, און צו זיי זיינען מיר פארפאָרן, ווען מיר זיינען שפּעטער געקומען צוריק פון ברעמען און זיי האָבן מיר מכבד געווען מיט קוואַטער ווען עס איז געווען דער ברית ביי מיין עלטסטן זון. די לעוויטס זיינען געווען זייער פיינע מענטשן, און מיר האָבן מיט זיי זיך פארהאַלטן ווי קרובים די אַלע יאָרן ביז היינטיקן טאָג, ווען די זקנה, מרס. לעוויט איז נאָך צווישן די לעבעדיקע.

אָבער נוארק איז ניט ברעמען, איך קום ניט אויס מיט די ניין דאָלער, און דערוויל איז שוין אויס ארבעט. מען ליינט מיך אָפּ אויף א פּאָר וואָכן. וואָס וועט זיין ? מען וועט אויפעסן די פּאָר דאָלער. גיי איך און דערזע א ליידיקן סטאָר אויף 149 ספרינגפילד עוועניו. מען פארלאַנגט 25 דאָלער א מאָנאַט רענט. נעם איך דעם סטאָר. עס איז פריער געווען א ציגאַר סטאָר דאָרט. איך גיי און קויף ברעטער און מאַך א פּארטישן, עס זאָל זיין האַלב פאַר די ביזנעס און האַלב צום וואוינען, אין בעק פון סטאָר איז געווען א סינק פאַר וואַסער, נאָר קיין טוילעט איז ניט געווען. מען האָט באַדאַרפט גיין אין דער צווייטער סטאָר, וואו עס איז געווען א סאַלון, אין דאָרטיקן טוילעט.

דער סטאָר האָט געהאַט צוויי שויפענסטער. קויף איך הונדערט לײדיגע ציגאַר באָקסעס און פוץ אויף איין פענסטער מיט זיי, און איין אָפענע באָקס מיט ציגאַרן שטעל איך אויך אַריין אין דער מיט, כדי עס זאָל אויסזען ווי עס שטייען הונדערט באָקסעס אָנגעפילט מיט ציגאַרן, און איך הענג אַרויס אַ פאָן מיט דער אויפשריפט: „טראַי מאַי בעסט 5 סענט ציגאַרס", און דאָס צווייטע פענסטער פוץ איך אויף מיט אומברעלאָס. מיין „קאַפּיטאַל" איז באַשטאַנען פון 175 דאָלער. איך עפן דאָס סטאָר אין אַ שבת. עס רעגנט און איך מיט מיין פרוי מלכה, זיינען „ביזי", און מאַך פּראָפיט דעם איינציגן אויפדערנאַכט גאַנצע 25 דאָלער. מאַנטיק קומט צו מיר מיין באָס פון שאָפּ און רופט מיך צו דער אַרבעט. איך וויל ניט גיין, ווייל אַז איך מאַך אין איין אויפדערנאַכט 25 דאָלער, לוינט זיך מיר ניט גיין אַרבעטן אין שאָפּ פאַר יענעם.

אין פראָנט פון סטאָר מאַך איך זיך אויך אַ סטענד פון סאָדאַ וואַסער מיט קענדי און סיגאַרעטס, און איך גיי אַרום מיט סעמפּלס פון אָמברעלאָס און וויל פאַרקויפן אין האָלסייל צווישן די סטאָרס, און מיין פרוי בלייבט צו פאַרזאָרגן דעם סטאָר מיט דעם סטענד.

אין נואַרק, און אין דער געגנט אַרום נואַרק, ווי עליזאַבעט און מאָונט־קלער, בין איך געגאַנגען פאַרקויפן די אָמברעלערס, אָבער פון די אַלע גליקן, אַז עס קומט דער ערשטער פון מאָנאַט, און אַז איך דאַרף באַצאָלן רענט 25 דאָלער, איז נישטאָ מיט וואָס. און איך האָב מיך אַזוי אָפּגעמוטשעט מיט דעם סטאָר אַ גאַנץ יאָר.

איך נעם אמברעלערס אויף אַ פושקאַרט אין נואַרק, עס איז ווידער נישט גוט. זאָג איך צו מיין פרוי מלכה: — „מיר מוזן אַרויס־קלייבן זיך קיין ניו יאָרק". איך גיי אַריבער קיין נוי יאָרק און געפין אַ בעיסמענט אויף פאָרסאַיט סטריט. מיר פּאַקן זיך און מיר מופן. איך האָב אַ „שאָוקעיס" און שטעל זי אַרויס אין דרויסן מיט די אמברעלערס — דאָס איז שוין אין ניו יאָרק. ווי דער נייער לענדלאָרד דערזעט די שאָוקעיס, זאָגט ער, אַז דאָ, וואו מיר וואוינען, אויף אויף פאָרסאַיט סטריט, איז אַ רעזידענשעל סטריט און מען טאָר נישט מאַכן אַ חזיר־מאַרקעט, און איך בין געצוואונגען די שאָוקעיס אַריינ־צונעמען אין שטוב אַריין.

לעבן דאַרף מען און צו פאַרדינען איז נישטאָ. איך גיי אַריבער צו מיין קאַזינע, חנה שמוליעוויטש, און באָרג זיך דריי דאָלער. איך האָב שוין ביי איר געליהען 10 דאָלער פריהער, אויף צו מופן, און וואָס וועט זיין דער סוף־ פרעג איך זיך אַליין.

איך גיי און דינג אַ פושקאַרט און לייג אַרויף אַמברעלערס מיט שפּאַציר שטעקנס. עס קומט צו אַ קאַסטימער. איך קוק נישט וואָס עס קאָסט. איך נעם וואָס ער גיט. איך קום אַהיים און דערלאַנג מיין פרוי געלט פון טאָג לייזונג, וואָס איך האָב פון פאַרקויפן די שטעקנס.

איידער איך בין אַוועק פון נוארק, האָב איך געקויפט פון אַ סעילעסמאַן אַ ביסל שטעקנס, און זיי האָבן זיך גוט פאַרקויפט. איך האָב פאַר זיי באַצאָלט 2 דאָלער אַ דאָזן, און איך האָב געלייזט 3 דאָלער אַ דאָזן. איך גיי צו אין ניו יאָרק צו דעם פּלאַץ, צו דער פעקטאָרי פון די שטעקנס און באַצאָל זיי דעם חוב, אַן ערך פון 25 דאָלער, וואָס דער סעילעסמאַן אין נוארק האָט מיר געגעבן אויף באָרג. איך זאָג זיי, אַז איך וואוין שוין אין ניו יאָרק, און נעם נייע שטעקנס צום פאַרקויפן.

נאָך דעם חודש נעם איך אַ נייע דירה אויף קלינטאָן סטריט, אָבער אויף אַ סטופּ. אַקעגן מיר איז אויך דאָ אַן אַמברעלער־מאַכער, אָבער, אַז עס רעגנט, גייען אַלע קונים אַריין צו אים אין בעיסמענט און ניט צו מיר. טראַכט איך ווידער, אַז קונים גייען גיכער אַראָפּ אין בעיסמענט קויפן איידער צו גיין אַרויף אויף אַ סטופּ. האָב איך דערוויי‍ל געפּעדלט אין גאַסן מיט מיין סחורה און ווען עס האָט זיך אויסגעליידיגט אונטער מיין דירה, אַ בעיסמענט — האָב איך גענומען דעם בעיסמענט און אַרונטער געמופט. דאָס איז געווען אין 124 קלינטאָן סטריט.

אין דער זעלבער צייט, האָט מיין פרוי זיך געריכט אין קינפּעט מיט מיין צווייטן זון. איך פּלעג קויפן קליינע זונען־שירעמלעך פאַר קינדער און מיט זיי געפּעדלט. איך האָב זיי געקויפט פון אַ קליינעם מאַנופעקטשורער אויף דער צענטער סטריט, זיין נאָמען איז געווען: בלאַק.

אזוי ווי דער זומער האָט זיך געענדיגט, און די קליינע שירעמלעך קויפט מען מער ניט, און דער מר. בלאָק איז געוואָרן ביזי מיט מאַכן רעגעלע אמברעלערס, האָב איך גענומען שטיקער סחורה פון אים און אין דער היים זיי געשניטן און אויפגענייט און געמאַכט די אויבערשטע דעקן פון די אמברעלערס. איך האָב אים גערעכנט אַ האַלבן סענט פאַר צושניידן און אַ סענט פאַר דעם אויפנייען. די ערשטע וואָך האָב איך פאַרדינט 18 דאָלער פון דער אַרבעט. וויל דער מר. בלאָק מיר אַרונטער נעמען פון דעם פּרייז. נעם איך מער קיין אַרבעט ניט פון אים.

איך פאַרקויף אַביסל אמברעלערס, איך האָב אַ געוויסע צאָל קאַסטימערס אין ראַטהערפאָרד און אין פּאַסעיק, ניו דזשוירזי, עליזאַבעט, מאַונט־קלעיר, און אַזוי פאַרקויפט אין ניו דזשוירזי און אין ניו יאָרק און איבערגעשלעפּט ביז קריסמעס צייט. נאָר אין קלינטאָן סטריט האָט מען פאַריכט די סטריט און מען האָט פאַרלייגט די מאַטעריאַלן נעבן מיין פענסטער, אַזוי, אַז מען זעט ניט אַרוים דאָס פענסטער. זוך איך שוין אַ סטאָר גלייך אַריין צו גיין, ניט אויף אַ סטופּ און ניט אין אַ בעיסמענט. איך וויל עפענען די געז אין סטאָר, מען וויל 10 דאָלער אַ דעפּאָזיט. איך האָב ניט די 10 דאָלער. ברען איך אַ לאָמפּ אין דעם פענסטער. אַ מאַן פון דער געז קאָמפּאַני זעט, אַז איך ברען אַ נאַפט־לאָמפּ אין פענסטער. ווען ער פרעגט מיך פאַר וואָס איך טו דאָס, זאָג איך, אַז איך האָב נישט די צען דאָלער פאַר דעם דעפּאָזיט פון געז. האָבן זיי איינגעשטימט ביי מיר צו נעמען בלויז 3 דאָלער אַ דעפּאָזיט און געעפנט די געז.

איך האָב זיך באַגעגנט מיט אַ מאַן, וואָס האָט געמאַכט הענטלעך פאַר אמברעלערס. וויל ער, אַז איך זאָל גיין צו אים אַרבעטן. האָב איך ביי אים געאַרבעט עטליכע טעג און זע, אַז עס טויג ניט. מען פאַרדינט ניט.

אזוי ווי עס איז געווען אין יאַנואַר, און אַלץ איז געווען פאַרפרוירן און שניי, קען איך ניט גיין פּעדלען מיט דעם פּושקאַרט, און אויך אין די סטאָרס נעמט מען ניט אַריין קיין סחורה נאָך דעם קריסמעס סעזאָן, נעם איך אַ בינטל מיט אמברעלערס און גיי איבער די טירן קלאַפּן און פרעגן, צי זיי ווילן ניט פאַרריכטן אמברעלערס,

און אזוי עטליכע טעג ארומגעגאנגען און פארדינט קוים א 50 סענט א טאָג, און דאָס איז געווען זייער ניט גענוג.

ווער איך געוואויר, אז דער מר. בלאַק, וואָס איך פלעג ארויס־נעמען פון אים ארבעט, אז ער האָט געעפנט א גרויסן שאָפּ אין וואוסטער סטריט. גיי איך אריבער צו דעם מר. בלאַק און שלאָג אים פאָר, אז איך וועל ווערן א סיילעסמאַן ביי אים. זאָגט ער, אז ער דאַרף נישט קיין סיילעסמאַן, אָבער, אז איך וויל, קען איך זיך שטעלן ארבעטן ביי אים אין שאָפּ פון שטיק, שניידן און אפּרייטן, און אז עס וועט ניט זיין צום שניידן, וועל איך אפּערייטן. דער פּרייז איז געווען: — א האַלבן סענט פאר שניידן און א גאַנצן סענט פאר אפּערייטן אן אמברעלער. און דאָס איז ביי אים אויפ׳ן, פּלאַץ און איך דאַרף זיי ניט אהיים נעמען צו ארבעטן. פארשטייט זיך, אז איך נעם אָן דעם דזשאָב און איך ארבעט אָפּ די ערשטע וואָך און ברענג אהיים 18 דאָלער פון ארבעטן 59 שטונדן די וואָך.

אזוי ווי איך האָב געבראַכט די 18 דאָלער אהיים, זאָגט מיר מיין פרוי, אז עס איז שוין גענוג מיט די אייגענע ביזנעס. פון די 18 דאָלער קען מען מאַכן א לעבן. זאָג איך, אז 18 דאָלער אין שאָפּ און 2 אָדער 3 דאָלער אין סטאָר און פון די דרויסענדיקע קאַסטימערס — א 5 אָדער זעקס דאָלער א וואָך, וועט מיט דער צייט זיך צונויפנעמען א פּאָר דאָלער. איך ארבעט און מיין פרוי פאַר־זאָרגט צום סטאָר, און איך אַליין גיי פון צייט צו צייט זען מיינע קאַסטימער, און עס זאמלט זיך אָן א סומע דאָלערן.

מאַכט זיך, אז מיין צווייטער זון, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין קלינטאָן סטריט, הייבט אָן צו קרענקן. דאָס איז געווען אויף 188 אָרטשאַרד סטריט. אונזער ביזנעס וואוינונג איז באַשטאַנען פון א קליין סטאָרקעלע מיט איין צימער אין דער בעק, און א שטיקל פּארטישן פון סטאָר — איז דאָס געווען שוין איין רום מיט א האַלבס. עס מאַכט זיך, א שיינער סטאָר איבערן וועג, אין 187 אָרטשאַרד סטריט. מיר ציען זיך אריבער אהין און מיר האָבן שוין א סטאָר מיט צוויי רומס, און איך מאַך א פּאַרטישאָן און עס איז שוין דריי רומס.

איך קויף א שיינע וואנט־שאפע מיט א שיין גלאז, און דער סטאר ווערט אנגעפילט מיט סחורה. דאס איז געווען אין מאנאט אוגוסט. איך רעכן איבער, און איך בין שוין ווערט א פופצען הונדערט דאלער. זאג איך צו מיין באס, מר. בלאק: — „זוכט זיך א מאן אויף מיין ארט, ווייל איך וויל אויפגעבן מיין דזשאב." ער האט זיך געפונען א צווייטן צו פארנעמען מיין פלאץ פון דער ארבעט, און איך האב דעם נייעם ארבעטער איבערגעגעבן אלע מיינע „סודות" ווי מען דארף אנגיין מיט דער ארבייט, און זיך געזעגנט מיט אלעמען און אוועק.

איך האב זיך איינגעשאפט א מאן און א מיידל צו ארבעטן ביי מיר אין סטאר. מיר האבן אזוי אפגעארבעט ביז קריסמעס. מען האט מיר אנגעזועצט א 550 דאלער פאר ארויסגעגעבענער סחורה צו סטארקיפערס. איך רעכן איבער און זע, אז זיי האבן צוגענומען דעם פראפיט.

מיין פרוי מלכה האט געבראכט איר'ס א שוועסטער און א ברו־דער פון אייראפע, און האט אויך געבוירן א טאכטער. מיר האבן איר א נאמען געגעבן נאך מיין פרוי'ס מוטער, געשיע. איך מוף ווידער מיט מיינע ביזנעס צו 85 פרענקלין סטריט, ניו יארק, און דינג א דירה אין דער בראנקס, אין דער 147טע סטריט און סעינט־עינס עווענין. איך האב אויפגעגעבן די ריטעיל ביזנעס, נאר פארקויף אלץ האלסעיל, און עס ווערט ביי אונז געבוירן מיין אינגערער זון, מרדכי. ווייל ער איז געבוירן געווארן דעם זיבעטן אדר, וואלט איך באדארפט א נאמען געבן משה אדער מרדכי, ווייל דעמאלט איז די יארצייט אי פון משה רבינו און אי פון מרדכי היהודה, און אזוי ווי איך האב שוין א זון משה, וועלכער הייסט נאך מיין טאטן, האב איך אים א נאמען געגעבן, מרדכי.

ביי דעם געבורט האט שוין מיין פרוי געהאט א דאקטאר און נישט קיין מידוואיף, און מיר האבן געמאכט א שיינעם ברית. אסתר, די שוועסטער פון מיין פרוי, האט זיך געפונען א באי, דוד קארנפעלד, פון שענדעראוויקע, און זי איז צו אים א כלה געווארן, און זיי האבןביידע געארבעט ביי אונז אין פעקטארי. זיי האבן דערנאך חתונה געהאט.

איינמאָל אין אַ פרײַטאָג, קלאַפּט אַ פּאָליסמאַן ביי מיר אין טיר:
— „דער שאַפּ האָט אָפּגעברענט", זאָגט ער מיר אָן די בשורה. איך קום דאַון־טאַון צום שאַפּ. איבער מיין שאַפּ האָט געוואוינט אַ מאַנו־פעקטשורער פון סוספּענדערס, און ביי אים איז געווען דאָס פייער, און מיין שאַפּ איז נאָר פאַרנעצט געוואָרן. איך האָב געהאַט אַ פּאָליסע, דאָס הייסט איך בין געווען פאַרזיכערט אויף 3 טויזנט דאָלער און איך קריג פון דער קאָמפּאַני 29 הונדערט דאָלער פאַר דעם שאָדן פון דעם פאַרנעצטן סטאָק. איך פאַרקויף דערנאָך די סחורה און קריג טויזנט דאָלער.

מיטאָמאָל דערזע איך ביי זיך 4 טויזנט דאָלער קעש. נעם איך און קויף אַ קליינע הייזקע אין 530 איסט 147טע סטריט, פאַר זיבן טויזנט דאָלער. איך צאָל איין דריי טויזנט דאָלער און פאַר מיינע ביזנעס בלייבט מיר נאָך טויזנט דאָלער. אָבער עס איז נישט געווען גענוג צו פירן ביזנעס מיט דער קליינער סומע פון טויזנט דאָלער.

איך האָב געהאַט געדונגען צוויי קליינע לאָפטס, ערשטן און צווייטן פלאָר, אין 119 פרענקלין סטריט. צוליב דעם, וואָס די קאַס־טימערס האָבן געזאָגט, אַז עס איז זיי שווער אַרויפצוגיין אויף די הויכע פלאָרס, האָב איך דעם ערשטן פלאָר באַנוצט פאַר ביזנעס און אויף דעם צווייטן פלאָר האָט מען געאַרבעט.

נאָך אָפּאַרבעטן אַ 5־6 מאָנאַט דאָרט, האָב איך פּלוצים דערזען, אַז נישט נאָר, וואָס איך האָב שוין נישט יענע טויזנט דאָלער, נאָר איך בין נאָך שולדיק צו איינעם, דזשאָזעף פּ. סמיט, אַ 660 דאָלער. איך שיק צו דעם מר. סמיט נאָך אַ שטיקל סחורה, און ער וויל נישט געטרויען, נאָר באַלד באַצאָלן אויפ'ן אָרט דעם חוב. עס איז נישט גוט, ער גיט נישט מער. איך האָב אַ ליס ביז פעברואַר אויף די צוויי לאָפטס. איך מוז שטיין און באַצאָלן.

איך האָב אַרויסגעמופט די פעקטאָרי צו מיר אין הויז אַריין, און אין פרענקלין סטריט האַלט איך אָן אין צאָלן דעם רענט.

אַ געוויסער מאַנופעקטשורער, „נעשאָנאַל אַמברעלער פרענק קאָמפּאַני", האָט אַ דזשאַב־לאָט פון ריבס. איך קום אַהין, ער וויל נאָר „קעש", צוויי הונדערט דאָלער. איך זע, אַז עס איז ווערט, נאָר איך האָב נישט די צוויי הונדערט דאָלער. איך וויל אים געבן אַ

וועקסל, ווייל ער ניט נעמען, קויף איך ניט. האָט די סחורה אָפּגעקויפט איינער, א מר. קראָוט, און ער קען מיט דער סחורה גאָר ניט טאָן. און דער מר. קראָוט באָרגט מיר דעם גאַנצן לאָט אָן געלט.

ווען איך האָב ארויפגעמופט אָפּ־טאָון, האָב איך צענויפגענומען מיין גאַנצן סטאָק מיט אמברעלערס און בין צוגעגאַנגען צו דער פירמע, „בראָדוויי־ראָוס", און האָב פארקויפט עס פאר 200 דאָלער קעש.

האָב איך גענומען די 200 דאָלער און קום צו צו דעם מר. סמיט, און גיב אים די 200 דאָלער אויף מיין חוב פון די 600 דאָלער, און פרעג אים, צי ער האָט נישט עפּעס א דזשאָב שטיקלעך, (רעמניצעס)? איך קריג ביי אים א קאַסטן גוטע שטיקלעך סחורה, און ברענג זיי אהיים, און שטיי א גאַנצע נאַכט און שנייד זיי אויס, און איך און מיין פרוי מאַכן אויף די קאַווערס, און מיר גיבן זיי ארויס אוטסייד צו פרויען פון דער נאָכבאַרשאַפט צוצונייען צו די געשטעלן פון די אמברעלערס. נאָך דעם גיי איך ווידער צו דער פירמע „בראָדוויי־ראָוס" און לייז 400 דאָלער קעש פאר דער נייער אויפגעמאַכטער ארבעט. איך נעם די 400 דאָלער און דערלאַנג זיי ווידער מיין בעל־חוב, מר. סמיט. אָפּגעצאָלט דעם אַלטן חוב, און בין שוין ווידער א בטוח.

פון די טעג פון פאַר ראש השנה ביז קריסמעס, בין איך שוין ווידער אין ביזנעס, און מען געטרויעט סחורה, און איך און מיין פרוי ארבעטן. איך גיי ווידער ארויף צו דעם מר. סמיט און קריג צוויי קאַסטענס גוטע „סעקאָנדס". איך וויל פאַר דער סחורה זעקס דאָלער א דאָזן, אָבער ס'איז געפרווירן אין דרויסן — קויפט מען נישט קיין אמברעלערס. אין דער צייט איז איבערגעגאַנגען 60 טעג, און דער ביל ווערט „דיו". סמיט שיקט ארויף דעם בוק־קיפּער צו מיר אָפּ־נעמען דאָס געלט, און יענער זעט, אז מער ווי זיינע צוויי קאַסטנס וואָרע איז נישטאָ, און אז עס איז גאָר קיין פעקטאָרי נישט, האָב איך זיך זייער דערשראָקן, אז ער זאָל מיך ניט אריינוואַרפן אין באַנקראָפּסי אָדער לייגן אַן אַטעטשמענט אויף מיין הויז. גיי איך צו צו מיינעם א פריינט, מר. נאַדעל, אַן אמברעלער מאַנופעקטשורער, און דערצייל אים. ענטפערט ער מיר, אז ער וועט רעדן צו מר. סמיט, אז ער זאָל וואַרטן מיט דעם חוב, וואָס האָט אָנגעטראָפן א טויזנט דאָלער.

אזוי ווי עס איז אָנגעקומען דער מאָנאַט מאַרטש, און עס האָבן אָנגעפאַנגען די רעגנס, האָב איך געקראָגן פאַר מיין סחורה 8 דאָלער, אָנשטאָט די 6 דאָלער א דאָזן, וואָס איך האָב פריער פאַרלאַנגט.

איך האָב אָנגעפאַנגען צו פּראָדוצירן קינדער פּאַראַסאָלס פאַר דזשאָבערס און אַמברעלער מאַנופעקטשורערס. פון קריסמעס ביז דזשולייַ האָב איך געאַרבעט און געמאַכט די קינדער פּאַראַסאָלס, און פון דזשוליי ביז קריסמעס, געמאַכט די גרויסע אַמברעלערס, און אזוי געמאַכט צוויי סעזאָנען.

און דאָ אין מיין היים, 530 איסט 147טע סטריט, האָב איך געהאַלטן אין איין איבערבויען, ביז איך האָב גענומען אַן עקסטרא וואוינונג אין שכנות, די צווייטע טיר, און דאָ איז געווען בלויז די פעקטאָרי.

איז געקומען א פּייאיקער בחור פון טשערנאָוויץ, שילי קליין, האָט ער געהייסן, און ער איז מיר געפעלן געוואָרן, און איך האָב אים אָנגעשטעלט אַלס סיילעסמאַן. ער האָט אָפּגעאַרבעט א שטיקל צייט, אַלעס איז געווען גוט; איך האָב געמאַכט סעמפּלס פון פּאַראַסאָלס פאַר'ן סעזאָן.

און א זונטיק, אינדערפרי, איך גיי מיך דורך צו מיין סיילעסמאַן און איך גיב א קוק אין זיין בריווקעסטל, זע איך, אַז ער האָט שוין אויפגעשטעלט א פעקטאָרי מיט פּאַרטנערס, אונטער'ן נאָמען: „סטאַר אומברעלער קאָמפּאַני". גיי איך שוין נישט אַרויף צו אים אין הויז, נאָר מאָנטיק אינדערפרי, איך גיי צו מיינע קאָסטימערס, האָבן שוין אַלע גרויסע האָלסעיל קאָסטימערס, די מאַנופעקטשורערס באַשטעלט ביי אים זייערע אָרדערס. וואָס טוט מען? מאַך איך גלייך אויף נייע, א בעסער ליין סעמפּלס. אין דער זעלבער צייט ווער איך געוואויר, אַז ער פאַרזעצט זיינע „בילס". ווייס איך, אַז אַזאַ מין ביזנעס קען לאַנג נישט אָנהאַלטן. און סוף כל סוף וועט ער מוזן באַנקראָטירן. אָבער איך מוז זיין אויפ'ן וואַך...

איך וויל ווידער גיין אַביסל אויף צוריק מיט מיין דערציילן: אין דער צייט, וואָס איך מיט מיין פרוי מלכה זיינען געווען אין ברעמען, איז מיין חבר דוד רעידער געפאָרן צוריק קיין טשערנאָוויץ,

ווייל ער האָט געוואָלט, אַז זיין פאָטער זאָל נישט באַשטראָפט ווערן מיט 300 רובל, צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך ניט געשטעלט צום פּריזיוו. דוד רעידער האָט אין טשערנאָוויץ זיך אָפּגעשטעלט און איז געגאַנגען דינען, און נאָך אַ מאָנאַט צוויי זיין אין מיליטער, איז ער אַנטלאָפן אַריבער דער גרעניץ. אויף זיין רייזע צוריק קיין אַמעריקע, האָט ער ביי זיך געהאַט נאָר גענוג געלט ביז לאָנדאָן. קריג איך אַ בריוו פון אים פון לאָנדאָן, אַז איך זאָל אים שיקן אַ שיפסקאַרטע. איך בין שוין דעמאָלט געווען אין נואַרק, ניו דזשוירזי. איך פאָר אַריבער קיין ניו יאָרק און קויף פאַר אים אַ שיפסקאַרטע און שיק זי גלייך אַוועק, און ער קומט צופאָרן. מיר האָבן דעמאָלט געהאַט מיין זון משה, און מיר קושן דאָס קינד, און ער קוקט אויף אונז און לאַכט. אַפּנים, ווייל ער איז נאָך געווען אַ בחור און פאַמיליע־לעבן האָט ביי אים אויסגעקוקט מאָדנע.

דוד שטעלט זיך אַרבעטן ביי מאַטראַצן און פאַרדינט. אין שכנות פון מיין סטאָר איז געווען אַ מאַשין סטאָר, און יענער האָט געהייסן, אייב פרענק, זייער אַ פריינדליכער מענטש און איז תמיד געווען ביי אונז אין סטאָר. אויף שבת פלעגט צו אונז קומען צוגאַסט דוד רעידער, און מיין פרוי מלכה פלעגט אָפּקאָכן אַ טייערן צימעס מיט אַ קניידל. מיר פלעגן עסן דאָס מאכל און זיך ווייצלען. דעמאָלט איז געווען די מלחמה צווישן שפּאַניע און קיובאַ, און אַזוי ווי שפּאַניע איז דעמאָלט געווען גרויס און קיובאַ, קליין, האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן דעם טייערן צימעס: — שפּאַניע מיט קיובאַ. ביז היינטיקן טאָג רופן מיינע קינדער דעם צימעס: — „שפּאַניע מיט קיובאַ".

די פאַמיליע קאַופמאַן, וואָס איך בין צו זיי אָנגעקומען אויף אַטוירני סטריט, האָבן אויך געוואוינט אין נואַרק און פלעגן קומען צו אונז. און איין מאָל אין אַ פּורים, פאַרשטעלט זיך דער מר. קאַופמאַן און וויל אונז סורפּרייזן. ער גייט איבערן גאַס און די קינ־דער לויפן אים נאָך. און גראָדע איז ביי אונז געווען פאַרשלאָסן די טיר. ער קלאַפּט איך זאָל אים עפענען, און איך מיין, אַז עפּעס אַ „באָם" קלאַפּט. הויבט ער אָן שרייען: — „עפנט אויף די טיר,

איך קאופמאַן בין דאָ, און טאָמער ניִשט, וועלן די לױפּערס מיך דער׳הרג׳ענען״. מיר עפּענען די טיר און מען לאַכט פון דעם שפּאַס.

ווען מיין ערשטע בייבי איז געבוירן געוואָרן, האָט די הייבאַם צו פיל אָפּגעשניטן דעם נאָפּעל, אַזוי, אַז אַ פיר, פינף יאָר האָט זיך דער נאָפּעל ביים קינד נישט געקענט פאַרהיילן.

איך בין דורכגעגאַנגען דורך אַן אָקשן-סטאָר, האָב איך געקויפט אַ גוטן קערידזש, אַ געפלאָכטענעם און האָב אים שיין איבערגעפאַרבט, אַז ער האָט אויסגעזען אַזוי ווי ניי. איין מאָל שטעלט מיין פרוי דעם קערידזש מיט דעם קינד נעבן סטאָר, גייט אונזער שכן פרענק און פאָרט אַביסל אַוועק מיט דעם קערידזש. מיין מלכה טוט אַ קוק, דער קערידזש מיט׳ן קינד איז נישטאָ. אַביסל ווייטער שטייט אונזער שכן פרענק און לאַכט, און עס האָט נישט לאַנג גענומען די שרעק, ווייל זי האָט באַלד דערזען, וואו דער קערידזש געפינט זיך.

מיר אַלע דריי, איך, דוד און פרענק זיינען פאַרבליבן פריינט פאַר תמיד. פרענק האָט חתונה געהאַט, האָט זיין פרוי געהאַט אַ שוועסטער, אַ מיידל, און דוד רעידער האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט פרענק׳ס שוועגערין. זאָגט די מיידל, אַז זי וויל ער זאָל ווערן אַ מאַשיניסט און נישט קיין מאַטראַצן־מאַכער. גיט ער אויף זיין מלאכה און גייט אין דער באַראָן הירש שולע זיך לערנען צו ווערן אַ מאַשיניסט. קיין געלט האָט ער נישט. נעם איך זיך אונטער, אַז ער זאָל שטיין ביי מיר די דריי מאָנאַטן, וואָס עס דאַרף נעמען צו ווערן אַ מאַשיניסט.

נאָך דעם ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט און איז אָנגעקומען אין אַ מאַשין־שאָפּ אַרבעטן, אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרדינען גענוג. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט געמוזט אויפגעבן דאָס מיידל מיט דעם פּאַך צוזאַמען, און אויס. איז דאָס נישט גענוג, נאָר ער קריכט אַריין אין אַ פרישער צרה, און ער גייט צוריק אַוועק אַרבעטן ביי מאַטראַצן. ביי אונז אין הויז האָט געוואוינט אַ פאַמיליע, מיט אַ מיידל, און דאָס מיידל האָט זיך צוגעשאַרט צו דוד רעידער, זי האָט אים געקויפט אַ העמד און זי רעדט זיך שוין איין, אַז דוד וועט מיט איר חתונה האָבן.

מאכט זיך, אז איך דארף דעליווערן עטליכע דאָזנס אמבעלערס קיין נוארק, נעם איך מיט דוד רעידער מיר ארויסצוהעלפן. אויפ'ן וועג זאָגט ער צו מיר, אז ער וועט קיין מאָל מיט דער מיידל נישט חתונה האָבן — און אין יענער צייט, איז דאָס געווען „א בריטש אָף פּראָמיס", וואָס מיינט: ברעכן דאָס געזעץ, צוצוזאָגן און נישט האלטן דעם צוזאָג. זאָג איך צו אים, אז ער זאָל ער איבערלאָזן צו מיר, איך וועל שוין עפּעס טאָן. ווי מיר זיינען נאָר אהיים געקומען, שטייט דאָס מיידל און האָט שוין טענות. רוף איך זי אוועק אויף דער זייט און זאָג צו איר: — „הער מיך אויס. דאָ האָסטו דאָס געלט פאר דער העמד און שרייב מיר אונטער, אז אַלעס איז געסעטלט." זי האָט צוגענומען דאָס געלט און „געסיינט". און דוד איז געוואָרן אַן אנדערער מענטש, א באפרייטער.

אין זעלבן הויז האָט געוואוינט א פאמיליע זילבערמאַן, און זיי האָבן געהאַט א שוועסטער, זשעני, האָט זי געהייסן, און דוד רעידער האָט מיט איר חתונה געהאַט. און אזוי ווי מיר האָבן אריבער געמופט אין דער צווייטער זייט, 187 אָרטשארד סטריט, און אין דער אַלטער סטאָר, וואָס איז שוין געווען ליידיג, האָבן מיר געמאַכט די חתונה פאר אים, דאָרט אין סטאָר.

מיט מיין צווייטן זון, הערי, האָב איך געהאַט טראָבל. ער פלעגט קריגן קאָנוואולשאָנס, אַלס קינד. מיר פלעגן אים געבן אין מאָונט־סאינא האָספּיטאַל, און אָפּנעמען, און ער איז ווידער קראַנק גע־וואָרן. האָבן מיר אים ווידער אריינגעגעבן אין האָספּיטאַל, אזוי א פיר יאָר צייט, ביז מען האָט אים געמוזט מאַכן אַן אָפּעראַציע אויף ביידע אויערן און קורירן די מעסטאָידס. ווען דאָס קינד איז אהיים געקומען פון האָספּיטאַל, האָט דער קאָליר פון די אויגן זיך אים געביטן. ער איז שוין אזוי געווען געוואוינט צום האָספּיטאַל, אז ער האָט שוין באַלד אונז ניט דערקענט. מען האָט אים אהיים געבראַכט, און ווען ער פלעגט זען עפּעס ליגן אויף דעם פלאָר, איז צוליב זיין געוואוינטקייט פון האָספּיטאַל, אז עס זאָל זיין ריין, האָט ער באַלד געזאָגט, "פּיק איט אָפּ". און דאָס ערשטע מאָל, ווען מיין פרוי איז מיט אים דורכגעפאָרן נעבן האָספּיטאַל, פלעגט דאָס קינד אָנהויבן

וויינען, ווייל ער האָט מורא געהאַט מען זאָל אים ווידער נישט אוועק־געבן צו בלייבן אין שפּיטאָל.

צום גוטן וויל איך דערמאָנען, אַז גראָד איז ער אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקער בחור, וועלכער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פּרייז־פייטער, און האָט צוויי הענט, ווי עס ווערן געוויינליך ענטוויקלט ביי אַטלעטן.

האָט איר שוין געהערט, אַז מען זאָל ביי אַ מיידל פּראַווען אַ ברית? ווערט מיין טאָכטער נעסיע געבוירן מיט 6 פינגער אויף דער רעכטער האַנט, און די הייבאַם האָט דעם פאַל נישט אויסגעזאָגט מיין פרוי מלכה, גאַנצע דריי טעג. אויף דעם פערטן טאָג, מיין פרוי נעמט באָדן דאָס קינד און דערזעט, אַז אויף דער רעכטער האַנט הענגט נאָך אַ זעקסטער פינגער. האָבן מיר באַלד געשיקט רופן אונזער הויז דאָקטאָר, דר. האַלפּערן, און ער האָט גלייך דורכגעפירט די אָפּעראַציע און אָראָפּגענומען דעם פינגער און געמאַכט צוויי סטיטשעס, אַז נאָך ביז איצט איז געבליבן אַ קליינער סימן. דער דאָקטאָר האָט באַלד געפרעגט, צי איז נישט געווען אין אונזער משפחה אַזאַ פאַל פריער? האָב איך אים דערציילט, אַז מיין ברודער מאיר איז געבוירן געוואָרן אויף ביידע הענט מיט עקסטרא פינגערלעך, און אויך דאָרט אין רוסלאַנד, האָט מען זיי אָראָפּגענומען ווען ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער. און איך האָב אויך דערציילט, אַז מיין ברודער נחמן איז געבוירן געוואָרן מיט צונויפגעוואַקסענע פינגער און מען האָט זיי באַדאַרפט איבערשניידן כדי ער זאָל זיי קענען באַוועגן באַזונדער.

אין דער צווייטער סטאָר, נעבן אונז אויף 185 אָרטשאַרד סטריט, האָט געוואוינט אַ פאַמיליע בערמאַנס, און זיי האָבן געהאַט צוויי מיידעלעך, און מיר צוויי אינגעלעך. האָט מען געקויפט אַ בלעכענע וואַנע, און די פיר קינדער פלעגן זיך באָדן אין דער וואַנע אין יאַרד אום זומער.

מיינער אַ קאָזין, שאַיקע מאַרקוס, מיט זיין פרוי רייזע, קומען אָן פון טשערנאָוויץ צו מיר, ווען מיר האָבן געוואוינט אויף אָרטשאַרד סטריט. ער איז געווען אַ „פּראָסטשאַק", דאָס מיינט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין פאַך אין די הענט. איך זוך פאַר אים אַרבעט און

געפין ניט. מוז איך אים אריינגעמען צו מיר און לערן אים אפערעיטן אומברעלערס. און אין א שטיקל צייט ארום, קומט ווידער צו מיין פרוי איר׳ס א קאַזין, לייביש רובינשטיין, פון אייראָפּע, און זיין פרוי, טשארניע־עטיע, און זיי האָבן אויך א קינד. זי איז א שניידערקע פון מאָהילאָוו, און איך געפין פאר זיי א וואוינונג.

איין מאָל גייט מיין פרוי אין גאַס מיט ביידע קינדער, איין קינד אין קערידזש, און דעם אנדערן, דעם עלטערן, פירט זי ביי דער האַנט. דאָס איז געווען אויף האוסטאָן סטריט. פּלוצים דערזעט זי, אז דאָס קינד, וואָס זי האָט געפירט ביי דער האַנט איז נישטאָ. הויבט זי אָן זוכן. זי גייט מיט דער סטריט אין דער און דער אנדער זייט — און נישטאָ. האָט מען זי געראַטן צו גיין אין פּאָליס־סטיישאָן. אָבער ווען זי איז געקומען אין פּאָליס סטיישאָן, האָט מען איר פארזיכערט, אז געוויס וועלן זיי די פּאָליס געפינען און ברענגען, און איר געהייסן זיך בארואיקן. א האַלבע שטונדע שפּעטער, ווען זי איז ווידער צוריק געקומען אין פּאָליס סטיישאָן, איז ער שוין דאָרט געווען. ער איז שוין געווען א קינד פון 4 יאָר, און זיי, די פּאָליס האָבן א געזען, אז ווען מען ברענגט אזא פארלוירן קינד, דאַיפּערט מען זיי. און אזוי האָט מען אויך דאָס קינד געטאָן. מיין פרוי האָט דערזען, אז דאָס קינד איז זייער דערשראָקן, האָט זי אים גענומען אהיים, און אויפ׳ן וועג האָט ער נאָר געוואָלט טרינקן פון פארשמאכטקייט.

א צווייטער פאַל איז געווען, ווען מיין פרוי איז דורכגעגאַנגען אַן אָפּענעם קעלער אין גאַס, האָט דאָס קינד זיך פארקוקט און אריין געפאַלן אין דעם בעיסמענט. ער האָט זיך אזוי צעקלאַפּט, אז עס האָט גענומען א לאַנגע צייט ביז עס האָט זיך פארהיילט.

איך האָב זייער געוואָלט, אז מיין זון, מעקס, זאָל קענען העברע־איש, האָב איך פאר אים געהאַלטן א ספּעציעלן העברעאישן לערער. ער פלעגט קומען צו מיר אין הויז אריין פון דאַון־טאַון, א שטיק צייט אזוי. זיין נאָמען איז געווען לואיס שמילאָוויטש, ער איז איצט א רב אין דער איסט־בראָנקס.

עס איז צו מיר אין שאָפּ אָנגעקומען א מיידל ארבעטן, אַן אַמעריקאַנער געבוירענע, פון אונגארישע עלטערן, רודזשינא, האָט מען זי גערופן. זי האָט פאר מיר געארבעט א שטיקל צייט און האָט

חתונה געהאַט מיט אַן אינשורינג אַגענט. אַמאָל, איך באַגעגן זי אויף דער דריטער עוועניו עלעוויטאָר, און זי דערציילט מיר, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן און זי איז געבליבן מיט אַ קליינעם אינגל, און זי פירט ווייטער אַן די אינשורענס ביזנעס ווי פריער. איך נעם מיך צו דער אַרבעט, און וואו איך קען נאָר עמיצן, זע איך, אַז זי זאָל קריגן די אינשורענס. זי איז ביי אונז געוועזן פאַררעכנט ווי אַן אייגענע, ביז זי איז פּלוצים געשטאָרבן.

עס קומט מיר אָן אַ בריוו פון ווין, אַז מיין ברודער מאיר דאַרף האָבן אַן אָפּעראַציע אויף דעם האַלז, און זיין פרוי איטע איז אין קליין טשערנאָוויץ. איך שיק אים געלט קיין ווין, און איר האָב איך געשיקט געלט קיין טשערנאָוויץ.

עס זיינען אָנגעקומען מיין קאָזינע׳ס פייגע, נחמן לייב׳ס צוויי טעכטער; איינע האָט געהייסן, חנה, און די צווייטע האָט געהייסן, בתיע. און זיי ווילן שוין שיקן נאָך אַ דריטער שוועסטער, שיינדל, וועלכע הייסט נאָך מיין מוטער. איך שיק נאָך דער שוועסטער, און זי קומט קיין אַמעריקע. זי איז דאָ אַ שטיקל צייט, און מיר מאַכן זי חתונה פאַר אַן אונגאַרישן אידן, ביים נאָמען פרידמאַן. זי האָט אים געבוירן צוויי קינדער, איין מיידל, פייגע, און אַן אינגל, נייטען; אָבער זי מוז זיך מיט אים גט׳ן, און עס דאַרף קאָסטן 50 דאָלער. גיב איך איר די 50 דאָלער פאַר׳ן גט, און זיי צעשיידן זיך. זי געפינט אַן אַנדערן מאַן, אַן אַלמן מיט 4 קינדער, און זיין עלטערער זון און איר טאָכטער, פייגע, ווערן חתן־כלה, און זי האָט חתונה מיט דעם מאַן. אַזוי האָבן ביידע פּאָרלעך מיט אַמאָל חתונה געהאַט.

מיר וואוינען אין דער בראָנקס, און מיין שאַפּ האַלט איך „דאַון־טאַון״. איך קריג אַ טעלעפאָן פון מיין פרוי: — „קום גלייך אַהיים״. מיין טאָכטער נעסיע און מיין אינגסטער זון, מאַרטי זיינען פּלוצים געפערליך קראַנק געוואָרן. איך לויף אַהיים, און אָנשטאָט איך זאָל אַראָפּגיין אין 149טע סטריט, גיי איך אַרונטער אויף 143טע סטריט, און אויב, טראַכט איך, אַז מיין פרוי׳ס שוועסטער, אסתר, איז דאָ אין סטאָר, — לעבן נאָך די קינדער! אויב די סטאָר איז שוין פאַר־מאַכט, — איז אַ שלעכטער סימן. איך גיי אייגנס דורך דעם סטאָר

אויף מיין וועג אהיים צו מיין הויז. איך קום צו צום טיר און טרעף ארויסגיין דר. איגען, און איך פרעג אים: — „וואס מאכן די קינדער?״ זאגט ער: — „די קינדער זיינען אל־ראיט.״

דערווייל קומט אן צו אונז אין הויז דר. דזשוליוס האלפערן, אונזער הויז דאקטאר. ער גיט א קוק אויף די קינדער: — „ס׳איז דיפטעריע״, גיט ער א געשריי. ער לויפט און ברענגט אנטי־טאקסין און ראטעוועט די קינדער דורך דער איינשפריצונג. ווען מיין פרוי רופט נישט ביידע דאקטוירים מיט אמאל, און אויך דערצו דר. האלפערן, וואלטן מיר געוועזן פארלוירן ביידע קינדער.

מיט עטליכע וואכן שפעטער, איז מיין פרוי ארונטערגעגאנגען אין סטריט און האט איבערגעלאזט די דריי קלענערע קינדער אין דער היים. עס איז געווען ארום מיטאג־צייט. מיר האבן געוואוינט אקעגן איבער א סקול, און פון דארטן האט איינע פון די לערערינס באמערקט, אז איינער פון די קינדער צינדט אן א ליכט און זיי זוכן עפעס אונטער דעם בעט — ווען די בייבי איז געלעגן אין בעט. איז די לערערין גלייך אריבערגעלאפן און פארמידן א קאטאסטראפע, ווייל עס האט געקענט זיך זייער שנעל מאכן א פייער און פארברענען אלע דריי קינדער. ס׳איז אינטערעסאנט, אז מיין טאכטער באהויפטעט איצט, אז די קינדער האבן אוים דזשעלעסי צו דער בייבי, וואס די מוטער גיט עס די גאנצע ליבע, געוואלט זיך נוקם זיין און פארברענען דאס פיצעלע קינד.

מיין הערי, דער פרייזפייטער, ווען ער איז ארום 7 יאר אלט געווען, האט ער אין „סענט־מעריס פארק״, געוואלט ווייזן א קונץ, און אראפגעשפרונגען פון א הויכן שטיין. האבן אים זיינע חברים אהיים געבראכט אויף א וועגעלע, ווייל ער האט שוין נישט געקענט גיין, און עס האט גענומען א שטיק צייט, פון 5־6 מאנאט, ביז ער האט געקענט גיין אויף די פיס.

איינמאל ווער איך געוואויר, אז מיין אמאליקער באס, מר. ברעמען, איז דא אין ניו יארק. איך גיי צו אים און פארבעט אים אהיים פאר א מאלצייט. דעמאלט האב איך שוין געוואוינט אין מיין אייגן הויז און געהאט די פעקטארי דאון־טאון. ער איז צוריק גע־

קומען קיין ברעמען און אלעמען דערציילט, אז סאלאמאן האט אנ־געטראפן „סאמטינג־גוט״. אזוי האט מיר דערציילט מיינער א באקאנטער, שפעטער מיט צוואנציג יאר, און אז זיין פאטער האט עם אים דערציילט וועגן דעם.

מיט דעם מענטשן, מר. ברעמען, האב איך איבער גערעדט, און זיך דערמאנט פון די סקוועטר־דענסעס און פון די וואלד־פייערן, ווי מיר האבן געלאשן עם אין דער נאכט, ווען די פייגל האבן דערשראקענע געשוויפטשעט, און מיר האבן גערעדט א סך פון די ערשטע יונגע יארן אין אמעריקע.

ווען מיר האבן געוואוינט אין ארטשארד סטריט, פלעגן די לאנדסלייט קומען גלייך אין סטאר אריין, און ווען מיר האבן זיך אריבערגעצויגן אין די בראנקס, האבן אלע געוואוסט אונזער אדרעס: 530 איסט 147טע סטריט — און אונז ווידער געקומען אפט באזוכן. און ווען עס איז געקומען א נייער לאנדסמאן, האט מען אים באלד געשיקט צו אונז אין הויז אריין! אפילו היינט, ווען איך באגעגן לאנדסלייט, האבן זיי ביי זיך אונזער אמאליגן אדרעס אין קעשענע.

איך פלעג באלאנגען צו די מאהילעווער סאסייעטי. פארגלוסט זיך אונזערע טשערנאוויצער צו גרינדן אן אייגענע טשערנאוויצער סאסייעטי, און מען רופט מיך און דוד רעידער, און איך ווער דער ערשטער פרעזידענט פון דער טשערנאוויצער סאסייעטי, און דוד רעידער ווערט דער טרעזשורער. איך ווייס ניט ווי איך דארף זיך פירן אלס פארזיצער. וואס טו איך? גיי איך אריבער צו דער מאהילעווער סאסייעטי, און עס איז דעמאלט געווען עלעקשאן, און דארט איז געווען איינער א טרעזשורער, וועלכער האט געהאלטן דעם אמט א 20 יאר צייט. זאג איך זיי, אז איך גיב 10 דאלער פאר אן עמער ווייִן, אז זיי זאלן מיך ערוויילן פאר טרעזשורער, און אזוי איז עס געווען, איך בין געווארן זייער טרעזשורער. און אז איך בין געווארן טרעזשורער, איז מיר שוין געווען גרינג צו כאפן דעם וועג, און פראצעדורע, ווי צו זיין א פארזיצער אויך.

איך גיי און קריג פאר די טשערנאוויצער סאסייעטי א טשארטער, און איך בין א טשארטער מעמבער פון די טשערנאוויצער, און עס

וואַקסט מיט דער צייט אויס צו אַ גרויסער סאָסייעטי. מיר האָבן מיטינגען יעדע צוויי וואָכן, און איך שווער איין יעדעס מאָל נייע מיטגלידער.

אין 6 מאָנאַט אַרום קומען נייע וואַלן אין דער זעלבער סאָסייעטי. איך שטעל זיך אויס מיין רעדע, און פאַרנדיק אין טרעין פאר ביזנעס אויסער ניו יאָרק, פלעג איך אויפ'ן וועג מיר גוט איינשטודירן דעם „ספּיטש" — האָב איך געהאַלטן די רעדע, און ווער ווידער דערוויילט אַלס פּרעזידענט.

איך און מיין פרוי, און דוד רעידער און זיין פרוי, דזשעני, גייען מיר עסן אייז־קרים, און דזשעני רעידער גיט אַ וואָרף אַוועק דאָס לעפעלע, ווייל עס איז פאַרזשאַווערט, און זי קומט אַהיים און ווערט קראַנק. מען האָט גערופן דאָקטוירים, און מען האָט זי דאַן גענומען אין „מאָונט־סאַינאַ האָספּיטאַל", און דער סוף — זי איז געשטאָרבן, און מיין פריינט דוד רעידער בלייבט מיט 4 פּיצעלעך קינדער. מיר נעמען אים אריין צו אונז אין שטוב מיט די פיר קינדערלעך, און זיין שאָפּ ווערט אָפּגעבראַנט. איך קום צו דער סאָסייעטי און פאַרלאַנג אַ דאָלער פון יעדן מעמבער, אַלס טויטן בענעפיט פאַר דוד רעידער. זאָגן זיי, אַז זיי האָבן נאָך ניט אַזאַ געזעץ. זאָג איך, אַז מיר וועלן איצט מאַכן אַזאַ געזעץ, און פון איצט אָן זאָל מען אין אַ טויטן־פאַל צאָלן אַ דאָלער. דער געזעץ ווערט איינשטימיג אָנגענומען פון די פאַרזאַמלטע, אָבער דער עולם רירט זיך נישט, און ווילן נישט געבן די דאָלערס. איך זע, אַז עס איז נישטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש. איך נעם אַרויס אייניקע מיטגלידער און גרינדע אַ צווייטע טשערנאָוויצער סאָסייעטי — שוין מיט אַן אָרדען און מיט 500 דאָלער אינשורענס, אי פאַר דעם מאַן און אי פאַר דער פרוי. מיר ווערן פאַרזיכערט אונטער דעם „וועסטערן סטאַר אָרדען" פון שיקאַגאָ, און דוד ריידער ווערט ביי אונז דער ערשטער פּרעזידענט.

דוד רעידער האָט חתונה מיט אַ צווייטע פרוי און עפנט אַ נייעם שאָפּ פון מאַטראַצן, און שפּעטער גייט ער אריין אין ביזנעס, וועלכעס מען רופט די „טיקינג" ביזנעס, וואו מען פאַרקויפט דעם גאַנצן רוי־מאַטעריאַל, פון וועלכע עס ווערן אויסגעאַרבעט די מאַטראַצן.

צו אונזער סאָסייעטי האָט באַלאַנגט מיין פעטער איטשע׳ס אַן אויסגעגעבענע אייניקל, וויטיע גאָלדענבערג האָט זי געהייסן. האָט זי געקראָגן קאָנסאָמפּשאָן און שטאַרבט, און לאָזט איבער אַ קליין קינד. דער אָרדן האָט באַצאָלט פאַר איר די 500 דאָלער טויטן בענעפיט. נאָך דעם, גייט אונזער סאָסייעטי ארויס פון דעם שיקאַגאָער אָרדן און שליסן זיך אָן אונטער דעם אָרדן „ברית־שלום" פון פילאַדעלפיע.

מיינע צוויי עלטערע זין זיינען געווען אין ענגעלוואוד, ניו־דזשוירזי, פאַר דעם זומער וואקיישאָן, און זונטיק פלעגן מיר ארויס־פאָרן זיי וויזיטן, און מיין מעקס גייט און טרעט אָן אין אַ ריטשקעלע מיט וואסער און פארשטעכט זיך אַ פוס מיט שטיקל גלאָז, און מיר האָבן געגנוג צרות פון דעם.

ווען מיין פאָטער איז געשטאָרבן, האָט די מומע מיר געשריבן, אַז זי האָט פארקויפט די קוה כדי צו שטעלן דעם טאַטן אַ מצבה. 70 רובל האָט זי גענומען פאַר דער קוה. איך האָב גלייך גענומען 75 רובל און איר אוועקגעשיקט. די צוויי מיידלעך, עסיע און שרה, מיין פאָטער׳ס צוויי טעכטער, וועלכע ער האָט געהאַט מיט דער צווייטער פרוי, האָט מען ביים פארקויפן דעם טאַטנ׳ס הויז נאָך ביי זיין לעבן, באהאלטן הונדערט רובל פאַר נדן פאַר די צוויי מיידלעך. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען איך בין אַ 10 יאָר אלט געווען, און דעמאָלט האָט מען פאַר די קינדער אוועקגעלייגט דאָס געלט אונטער דער הילצערנער זילנעצע, וועלכע האָט גערינט פאַר אויסקאָכן די קויטיגע וועש. אזוי ווי מיין פאָטער איז נעבעך געווען אַ גרויסער בעל־דארפער, האָט די מומע, יעדעס מאָל, ווען עס האָט אויסגעפעלט אויף שבת, ארויסגעשלעפט אַ רובל און אויסגעבאָרגט אזוי לאַנג, ביז אין אַ צייט איז מער ניט געבליבן פון וואָס צו נעמען.

דעמאָלט אין דער היים, האָב איך אין געדאַנק, ביי זיך אָפּגע־מאכט, אַז ווען עס וועט קומען די צייט פאַר די צוויי שוועסטערלעך חתונה צו האָבן, וועל איך זיי דאָס געלט אומקערן. אַז די עלטערע, עטיע, איז געגאַנגען חתונה האָבן, האָב איך פון דאַנען געשיקט פופציג רובל דער שטיפמוטער, און ווען די צווייטע, שרה, איז געגאַנגען חתונה האָבן, האָב איך געשיקט די צווייטע פופציג רובל, און אזוי באַצאָלט מיין נדר.

מיין שווער קומט קיין אַמעריקע

מיין שווער קומט קיין אַמעריקע. ער איז אַ איד מיט אַ שיין בערדל, און די „לאַופערס" פון 147טע סטריט, איירישע בויעס, באַפאַלן אים ווען ער גייט אין גאַס. מיינע צוויי זין, מעקס און הערי, נעמען זיך אָן פאַר זייער גרענד־פּאַ, און מיין הערי האָט באַוויזן, אַז ער קען געבן קלעפּ, און די שכנישע בויעס האָבן באַקומען דרך־ארץ פאַר אונז זינט דעמאָלט. איך בין מיט מיין שווער אַריין צום באַרבער און געהייסן קירצן אַביסל די באָרד. דערנאָך איז געקומען מיין פרוי'ס ברודער, נפתלי, פון אייראָפּע, און ער אויך האָט געהאַט אַ שיינע באָרד, האָב איך זיך ביי אים קוים איינגעבעטן, אַז ער זאָל די שיינע באָרד אַרונטערנעמען.

עס איז ווידער אָנגעקומען מיין פרוי'ס ברודער, מיט זיין פרוי, ישראל, האָט ער געהייסן, און זי — ברכה. און מיין פרוי'ס אַ קאָזין, מיט'ן נאָמען, הערש־מענדל, און זיין בחור, בערעל, און אַלעמען האָב איך אַרויסגעהאָלפן די ערשטע צייט מיט אַ היים, עסן און געפינען דזשאָבס פאַר יעדן.

אין באַלטימאָר האָט געוואוינט מיין פרוי'ס אַ קאָזינע, ראָזאַ סטיין. זיי האָבן דאָרטן פאַבריצירט מענער קליידער און זיך גרויס אַרויפגעאַרבעט. זיי האָבן געמאַכט אַ בר־מצוה פאַר זייער ערשטן זון, און איך מיט מיין פרוי, מלכה, זיינען געפאָרן צו דער בר־מצוה. דאָס איז געווען די ערשטע בר-מצוה, וואָס איך האָב בייגעוואוינט אין אַמעריקע. זיי פלעגן קומען צו אונז און מיר פלעגן פאָרן קיין באַלטימאָר צו זיי אין גאַסט.

שבת איז געווען אין שוהל דאָס אויפרופעכץ, און שבת־נאַכט האָט מען געמאַכט אַ פּאַרטי אין אַ גרויסן זאַל, מיט מוזיק, מיט טענץ, אַזוי ווי אויף אַ חתונה. דאָס איז געווען עפּעס נייעס פאַר מיר דאָ אין לאַנד, אָבער צופיל האָט עס מיך ניט איבעראַשט, און ווען עס איז געקומען צו דער בר־מצוה פון מיינע דריי זין, האָב איך ניט געמאַכט קיין צערעמאָניעס, און איך האָב דעם שפּיל באַטראַכט פאַר איבעריק.

איך בין ווידער אין באַלטימאָר צו גאַסט. זאָגט צו מיר ראָזא סטיין, אַז זי האָט אַ קאָזינע, זאָל איך מאַכן פאַר איר אַ שידוך מיט מיין מלכה׳ס ברודער, מענדל. איך נעם זיך אונטער און ברענג מענדלען קיין באַלטימאָר, און עס ווערט געשלאָסן דער שידוך, און אויף פּסח קומט די כלה צו אונז אויף יום־טוב, און די חתונה האָט מען אָפּגעלייגט פאַר שבת נאָך שבועות, און זיי האָבן טאַקע דעמאָלט חתונה געהאַט.

אַזוי ווי מיין ווייב׳ס ברודער, נפתלי, האָט געהאַט זיין משפּחה אין אייראָפּע, באַשליסט ער אַהיים צו פאָרן, און פאָרט טאַקע. ער איז אָפּגעוועזן דאָרט אַ שטיקל צייט, שרייבט ער אונז, אַז ער וויל ווידער אַהער קומען. ברענגען מיר אים ווידער צוריק. ער האָט דאָס־מאָל אַנגעהויבן צו ברענגען זיין פאַמיליע, די פרוי מיט די פינף קינדער. אָנקומענדיק אַהער, איז זי שוין געווען פאַרשוואַנגערט מיט דעם 6טען קינד. איינע פון די קינדער, אסתר, איז שוין געגאַנגען פאַרדינען, און זי האָט געהאַט דאָס קינד, אָבער זי איז דערנאָך שווער קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. ער איז געבליבן אַליין מיט 6 קינדער, יתומים, און אַליין אויך אַ קראַנקער. די מיידל, חייקע, האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט אַ פיינעם יונגעמאַן, וויליאַם קושנער, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער. די צווייטע, אסתר, האָט חתונה געהאַט אויך צו אַ פיינעם מאַן, און געהאַט מיט אים צוויי קינדער.

די אַנדערע 2 קינדער האָט מען אַוועקגעגעבן אין אַ היים פאַר קינדער, און די בייבי האָט אַדאָפּטירט מיין פרוי׳ס ברודער, ישראל, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין אייגענע קינדער. מיין פרוי׳ס ברודער, נפתלי, איז אין אַ קורצער צייט אַרום אויך געשטאָרבן, און אַ אינגל און אַ מיידל, אהרון און מלכה, האָבן זיך שוין געקענט פאַרדינען. אהרון האָט חתונה געהאַט און געהאַט צוויי קינדער, און יונגערהייט אויך געשטאָרבן. די אַנדערע נפתלי׳ס קינדער, זיינען אַלע פאַר־הייראַט און לעבן זיך צופרידן.

מיין שוועער איז געוועזן מיט אונז אין הויז. מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אַ דירה פון 9 צימערן אויף „ביטש־טעראַז". מיין שוועער פלעגט צופעדלען מיט שנאַפּס צווישן די לאַנדסלייט און באַקאַנטע.

אין איירָאפּע, נאָך מיין שווינגער'ס טויט, האָט מיין שוועך חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וועלכע האָט קיין קינדער ניט געהאַט. מיין פרוי איז דעמאָלט שוין געווען אין אַמעריקע. אין יענער צייט, ווען די שווינגער איז געשטאָרבן, האָט זי איבערגעלאָזט זעקס לעבעדיקע קינ־דער: מלכה, נפתלי, משה, ישראל, מענדעל און אסתר. דעמאָלט איז שוין נפתלי געווען פאַרהייראַט, און משה איז געווען אין דער אַרמיי ביי פּאָניען. און ישראל, מענדעל און אסתר זיינען געווען אין שטוב, האָט מען אסתר'ן, די אינגסטע, אַוועק געגעבן צו דער מוטער'ס אַן עלטער פעטער, אַן אַלט פּאָר פאָלק, און דער פעטער איז געווען שוין אַ בלינדער, און ער האָט באַדאַרפט מען זאָל אים פירן. איז די אסתר ביי זיי געוואָרן ווי אַ קינד, און זי האָט געדינט ווי זיינע אויגן. און ישראל און מענדלען האָט מען געגעבן צו ווערן בעלי־מלאכות, און אַזוי ווי מיין מלכה איז געווען אין אַמעריקע, איז מיין שוועך געווען פריי חתונה צו האָבן. דאָס איז געווען דער תכלית פון די 6 קינדער, כדי ער זאָל קענען חתונה האָבן. ישראל איז נעגאַנגען זיך לערנען זיין אַ קאָוואַל, ווייל נפתלי איז געווען אַ קאָוואַל, און מענדלען האָט מען געמוזט אַריינגעבן צו אַ שניידער, ווייל ער איז געווען געוואַקסיג קליין, האָט אים דער קאָוואַל ניט געוואָלט נעמען צו אַזאַ שווערער מלאכה.

געוואוינט האָבן זיי אין דאָרף לעבן ליאָדאָווע, אין אוקראַינע, און דאָס דאָרף האָט געהייסן, נוהאַרי, לעבן יאַרשע, וואָס איז געווען אַ קליין שטעטל. דער שוועך האָט געהייסן, לייב פישטיין, אָבער מען האָט אים גערופן „לייב נאָהאַרינער", לויט דעם נאָמען פון דעם דאָרף. די שווינגער האָט געהייסן, נעסיע, און די צווייטע פרוי האָט געהייסן, פּעסיע. מיט דער צווייטער פרוי האָט ער געוואוינט ביי אַ צען אָדער צוועלף יאָר, און דערנאָך איז מיין שוועך אַוועק קיין אַמעריקע, און האָט געשיקט זיין פרוי אין דער היים, אַ גט.

אין יענע צייטן פלעגן עלטערע מענער פּעדלען מיט שנאַפּס, וואָס זיי האָבן גענומען צום פאַרקויפן פון דער פירמע יצחק גאָלדבערג, פון 165 איסט בראָדוויי.

ווען מיין שוועך האָט צונויפגעלייגט עטליכע הונדערטער דאָלער, האָט ער זיך באַקענט מיט אַ שיינער, געזונטער פרוי, ער איז דעמאָלט

אלט געווען 77 יאָר, און זי בלויז א 65, און ער האָט מיט איר א חופה געשטעלט ביי א רבין, און ניט אין געריכט. אָבער זיי האָבן ניט לאַנג געוואוינט, אפשר א צוויי מאָנאַט צייט, און האָבן זיך גע'גט, ווייל זי איז געווען נאָך פריש און געזונט, און ער איז שוין געווען אן אלטער מאַן.

איז מיין שווער ווידער געקומען צו אונז וואוינען. מיר האָבן דעמאָלט געוואוינט אויף ביטש־טעראַז, אין א 9־רום אפּאַרטמענט, ווייל אונזערע קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן, און מיר האָבן באַ־דאַרפט א גרעסערע דירה. די קליינע אסתר, מיין פרוי'ס שוועסטער, וועלכע איז געווען ביי דעם בלינדן פּאָר־פאָלק אין איירָאפּע, האָבן מיר די ערשטע געבראַכט קיין אמעריקע. דוד קאָרנפעלד, וועלכער האָט געשטאַמט פון שענדעריוועקע, פון דאָרטן, וואו זי, אסתר, איז געווען ביי די מענטשן, האָט ער מיט איר דאָ חתונה געהאַט. זיי האָבן צוויי קינדער, טעכטער, איינע הייסט, ראָזע, און איינע, עני.

אין דער צייט, ווען אין דעטרויט האָט מען אָנגעהויבן מאַכן אָטאָמאָבילס, האָבן זיי געוואוינט אין דעטרויט, און איצט וואוינען זיי אין מיאַמי ביטש, פלאָרידע. און מענדל מיט זיין פרוי, וועמען מיר האָבן אויך געבראַכט אהער, זיי וואוינען אויך אין דעטרויט. זיי האָבן צוויי קינדער, אינגלעך. און ישראל, מיט זיין פרוי, ברכה, און זיי, וועלכע האָבן אדאָפּטירט נפתלי'ס קינד, זיינען אלע אוועק קיין דעטרויט, און דער שוועגר איז אויך מיט זיי געפאָרן וואוינען אין דעטרויט, און איז דאָרט אין א שטיקל צייט ארום געשטאָרבן.

ישראל'ס אדאָפּטירט קינד האָבן זיי חתונה געמאַכט פאַר א פיינעם יונגנמאַן. יענע האָבן צוויי מיידלעך, און זיי וואוינען איצט אין דעטרויט, און ישראל מיט זיין פרוי, ברכה, וואוינען איצט אין טעקסעס. און מענדעל'ס אינגערער זון, מאַרטי, האָט חתונה געהאַט און האָט צוויי אינגלעך, און נייטען, דער עלטערער זון, איז א גע'גטער. די שוועגערין, אסתר, מענדעל'ס פרוי, איז געשטאָרבן, און מענדעל האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט א צווייטער פרוי.

מיין חשבון איז געווען קאָרעקט. אין א שיינעם אינדערפרי, הער איך, אז מיינע קאָנקורענטן, די „סטאר אמברעלער קאָמפּאַני” איז

באַנקראָט. איך פאַרליר ניט קיין צייט, וואָרום, קוים סעטלען זיי מיט זייערע „קרעדיטאָרס”, האָבן זיי שוין געלט און שטייען ווייטער אין ביזנעס. רוף איך אָפּ מיין געוועזענעם סײלעסמאַן, מעקס קליין, דעם באַלעבאָס פון דער באַנקראָטירטער פירמע, און מאַך מיט אים אַן „אַפּוינטמענט”, מיר זאָלן זיך טרעפן אויף דעם סטיישאָן מאַט עוועניו און 149טע סטריט.

מיין געדאַנק איז, אַז ווען מען דאַרף ריידן וועגן אַ וויכטיג זאַך מיט איינעם, איז עס די בעסטע צייט ווען יענער עסט. זיינען מיר אַריין אין אַ רעסטאָראַנט באַלד, און געהייסן געבן צוויי גוטע סטעיקס און צוביסלעך שנאַפּס, און איך זאָג צו אים, אַז איך גיב אים אַ קאָנטראַקט פאַר 2,000 דאָלער אַ יאָר. ער איז געוועזן צופרידן. מיר האָבן געהאַט אַ גוטן לאָיער, וועלכער האָט געסעטלט זיין ביזנעס, און איך האָב אָפּגעקויפט די גאַנצע קאָמפּאַני, און אַזוי אַרום פּטור געוואָרן פון מיין קאָנקורענט.

ווען איך האָב איבערגענומען זיין שאַפּ, האָט מיר שוין אויסגעפעלט ערפאַרענע באַלמעלאָכעס, האָב איך גענומען זיינע געוועזענע אַרבעטער און זיי אָנגעשטעלט. האָט דעמאָלט די יוניאָן אַרויסגערופן אַ סטרייק אין מיין שאַפּ, און איך האָב אויף דעם געענטפערט מיט אַ „לאָקאַוט”. און מיינע קאָסטימערס ווילן סחורה, נאָר איך האָב ניט צוליב דעם סטרייק אָבער איך בין איינגעשפּאַרט, איך וויל ניט סעטלען.

איך האָב גענומען די מאַשינערי פון דער איינגעקויפטער פעקטאָרי און עס אַריבער געפירט קיין לענקעסטער, פּענסילוועניא. איך רענט אַ געביידע און שטעל איין די מאַשינערי, אָבער איך עפן ניט די פעקטאָרי, ווייל דערווייל, דורך דער צייט, האָב איך דאָ אין ניו יאָרק, געסעטלט מיט דער יוניאָן. מיר שטעלן זיך אַרבעטן גרויס, אָבער דער סעזאָן איז געוועזן קורץ, און ער איז אַריבער אין בלויז 4 אָדער 5 וואָכן.

איך בין פאַרבליבן מיט אַ סך ניט פאַרקויפטער געמאַכטער זומער־סחורה. איך האָב אַלץ שיין פאַרפּאַקט, אוועקגעלייגט פאַר דעם נעכסטען סעזאָן. די צייט ווערט שלעכט. מען דאַרף צאָלן „בילס”, איך

דאַרף באַצאָלן אַ „נאָוט" אין דער באַנק, איך ווייס, אַז איך וועל ניט האָבן דאָס געלט צו אָפּצאָלן. פאָר איך אַריבער קיין באַלטימאָר צו אונזער רייכן קאָזין, שטיין, און בעט אים, אַז ער זאָל אויף מיין נאָוט, וואָס איך וועל אים געבן, זאָל ער מיר שאַפן געלט דורך זיין באַנק.

מיין קאָזין, שטיין, איז „ביזי" און הייסט מיר וואַרטן, און דער־וויל פאָרט ער אַוועק פאַר ביזנעס קיין ניו יאָרק און לאָזט מיך שטיין, און גיט מיר גאָר קיין ענטפער נישט. און איך בלייב ווי אַ נאַר. איך קום אַהיים אָן גאָרנישט.

דאָרט, וואו איך האָב געהאַט דעם שאַפּ, אויף 147טע סטריט, האָב איך געהאַט אַ שכן, אַ וואוילער מענטש, בנימין לעבאָוויטש, אַ קלוגער איד, אַ ביזנעסמאַן, און איך פרעג ביי אים אָן עצה. זאָגט ער צו מיר, אַז איך זאָל ניט וואַרטן ביז דער „נאָוט" וועט ווערן צייטיג, נאָר איך זאָל גלייך גיין אין באַנק אַריין און בעטן באַנייען מיין „נאָוט" און באַצאָלן דעם פּראָצענט. איך גיי אין באַנק אַריין און רעד מיך דורך און באַניי דעם „נאָוט", און געסעטלט.

איצט, גיי איך צו די אַנדערע קרעדיטאָרס. איייניקע גיב איך קליינע „נאָוטס", און אייניקע האָבן איינגעשטימט צו וואַרטן, און די אַנדערע האָב איך אָבגעגעבן ניט געשניטענע סחורה.

אין פילאַדעלפיע איז געוועזן אַ פירמע: „פריץ גראָס". דער מ. פריץ איז אַמאָל געוועזן זייער אַ גרויסער מאַנופעקטשורער פון אמברעלערס. זיי האָבן אליין אַלץ געמאַכט, די קלאָוט, די הענטלעך, די פרעימס, אַלעס, וואָס מען האָט באַדאַרפט צו פאַבריצירן אַן אמברעלער. איז יענע פירמע אַרויס פון די ביזנעס, און זיי האָבן בלויז געמאַכט פרעימס, און איך בין זיי שולדיג געוועזן אַ סומע פאַר פרעימס. פאָר איך אַריבער קיין פילאַדעלפיע און רייד מיט דעם מר. פריץ. זאָגט ער צו מיר, אַז איך זאָל פאָרן אַהיים און זיין רוהיג. ער גיט נאָך צו, אַז „אַזאַ מענטש ווי דו", באַנקראָטירט ניט, און מען מאַכט זיי ניט צום באַנקראָטירן. דאָס ערגסטע ביי מיר איז געוועזן, וואָס איך האָב באַדאַרפט צאָלן מיין סיילעסמאַן, קליינ׳ען, 40 דאָלער יעדע וואָך.

ווען עס איז געקומען ארום מארטש, פאנגט זיך אן דער סעזאן, האב איך פארקויפט די איינגעקויפטע פארטיקע סחורה פון לעצטן סעזאן, און האב יעדן באצאלט.

מר. קליין האט געפונען א יונגנמאן, וועלכער האט געארבעט ביי דער „זינגער מאשין קאמפאני", אין עליזאבעט, ניו דזשוירזי, און ער האט אנגעהויבן צו מאכן נאוועלטיס. איך האב געוואוסט, אז ער האט זיינע קאסטימערס, ער קען נעמען ביי זיי ארדערס און זיי אוועקגעבן צו אן אנדער מאנופעקטשורער, האב איך גענומען קליינ'ען צו מיין גוטן פריינט, גארפינקעל, און האב דורך דער פארמיטלונג פון גארפינקעל אפגעקויפט ביי אים זיינע אלע קאסטימערס פאר 500 דאלער אין קעש. און אזוי זיינען מיר מיט קליינ'ען פארבליבן די בעסטע פריינט ביז צו זיין שטארבן. ער איז געשטארבן זייער יונג.

מיינע קינדער זיינען שוין אונטערגעוואקסן, און מיר האבן שוין נישט באדארפט קיין סיילעסמאן, זיינען מיינע דריי זין ארויסגעגאנגען פאר ביזנעס.

אין דעם דארף בערעזאוויקע, רוסלאנד, וואו מיין פאטער מיט דער שטיפמוטער האבן געוואוינט, איז געווען א פאמיליע, שלמה גרינשפאן, און זיי האבן געהאט א אינגל, שמואל. ער איז געוועזן פארלאבט צו מיין עלטערער שוועסטער, עטיע, די טאכטער פון מיין פאטער און מיין שטיפמוטער. מען האט דעם שמואל'ן גענומען אין דער ארמיי, אין צייט פון רוסיש־יאפאנעזישער מלחמה. זי האט אויף אים געווארט זעקס יאר. זי איז געווען זייער א קלוגע און שווער געארבעט און געזארגט, און ווען ער איז געקומען צוריק פון דער ארמיי, האבן זיי געהייראט, און איך האב אפגעשיקט די 50 רובל, וואס איך האב ביי זיך אפגעמאכט, זיי צו געבן אויף נדן.

מיין שוועסטער עטיע האט נישט לאנג געלעבט, און איז גע־שטארבן, און ער האט חתונה געהאט מיט דער אינגערער שוועסטער, שרה, און איך האב ווידער אפגעשיקט די צווייטע 50 רובל פאר נדן, און אזוי ווירקליך באצאלט מיין נדר, וואס איך האב מיט יארן צוריק געהאט באשלאסן צו געבן די שוועסטער נדן, ווען זיי וועלן חתונה האבן.

די אינגערע שוועסטער, שרה, האָט געבוירן אַ מיידעלע, און מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן, עטיע רבקה, נאָך דער עלטערער שוועסטער, און מען רופט זי דאָ, רעבעקאַ. זי איז אין אַמעריקע.

פאַרגלוסט זיך מיין שוואָגער, שמואל, צו פאָרן קיין אַמעריקע, און ער קומט מיט מיין ברודער שאַיע'ס אַ זון, אויך אַן אָפּגעדינטער סאָלדאַט. זיי קומען אָן אין קעסל־גאַרדן. איך גיי זיי אַרונטערנעמען און געפין זיי ניט דאָרט. איך פאָר אויף דער פּעריי צוריק קיין מאַנ־העטען, און איך גיי פאַרביי צוויי אימיגראַנטן, און פרעג, צי זיי האָבן נישט באַגעגנט אויף דער שיף איינעם, אַ שמואל גרינשפּאַן? און דער זעלבער, ביי וועמען איך האָב געפרעגט, איז צו מיין גרויסער איבערראַשונג, געווען טאַקע שמואל גרינשפּאַן. זאָגט ער שוין צו מיין ברודער'ס זון: — „זעסט, דאָס איז שמאי!" איך נעם זיי ביידע צו מיר אין הויז אַריין.

דער שוואָגער שמואל האָט געקראָגן אַרבעט אין בעקערי אין די „מאַונטענס", איבערן זומער, און דערנאָך האָט ער זיך אויסגעלערנט צו זיין אַ פּרעסער ביי קינדער־אָנציגלעך, האָט ער צונויפגעלייגט עטליכע דאָלער און איז אין אַ יאָר צוויי אַרום אהיים געפאָרן. דאָרטן, אין מאָהילאָוו האָט ער געקויפט אַ גרויסן פּלאַץ, אָבער קיין געלט אויף צו בויען האָט ער שוין נישט געהאַט. וואָס־זשע טוט ער? ער לאָזט ווידער איבער די פרוי מיט איין קינד, און קומט ווידער קיין אַמעריקע.

מיין עלטער ברודער, נחמן, האָט געהאַט אַ אינגל, משה, האָט אים שמואל גרינשפּאַן דאָרט געראַטן, ער זאָל שרייבן צו מיר, זיין אָנקל, איך זאָל אים שיקן אַ שיפסקאַרט צו פאָרן קיין אַמעריקע. דער אינגל האָט מיר געשריבן, און איך האָב אים געשיקט אַ „טיקעט" און ער איז געקומען. דעמאָלט איז מיין עלטערער זון, מעקס, געווען שוין געוווינט דערוואַקסן, אַז ער זאָל אים קענען אַראָפּנעמען פון קעסל־גאַרדן.

איך האָב אים אַריינגענומען צו מיר אין שאַפּ, אָבער ער, משה, איז געווען פון דער היים פון די גראָסערי ביזנעס, האָט ער נישט זיך אויסגעטויגט צו אונזער מלאכה. גייט ער און געפינט זיך אַ

דזשאב אין אַ גראָסערי, און ער אַרבעט דאָרטן עטליכע יאָר, און האָט זיך אָפּגעשפּאָרט אַן 8 הונדערט דאָלער, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, און איז אַוועק אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, און דאָס געלט האָט ער איבערגעלאָזט אין באַנק.

דער פּלימעניק בערל, מיין ברודער שאיע׳ס זון, איז געווען פון רוסלאַנד אַ הויז־מאָלער (פּיינטער), אָבער ער האָט נישט ליב געהאַט די אַרבעט, האָט ער זיך אויסגעלערנט ביי מיר אין שאָפּ די מלאכה, און ער האָט געאַרבעט אַלס אַפּרייטאָר. ער האָט זיך געפונען אַ פיינע מיידל, וואָס האָט געשטאַמט פון דער פאַמיליע שטיינבערג פון קעשענעוו, און האָט מיט איר געהייראַט, און האָט געהאַט מיט איר צוויי קינדער, מיידלעך. איינע הייסט, רוטי, און איינע הייסט סילוויע.

אין דער צייט, וואָס ער האָט ביי מיר געאַרבעט, האָט ער צונויפּגעלייגט 15 הונדערט דאָלער, און מאָריס, מיין ברודער נחמן׳ס זון, האָט אים געמאַכט פאַר אַ גראָסערימאַן, און ער איז אריין אין די גראָסערי ביזנעס. בערל האָט דערלעבט צו פייערן זיין זילבערנע חתונה, און האָט חתונה געמאַכט ביידע מיידלעך פאַר פיינע צוויי איידעמס, און דערלעבט צו זען פון דער ערשטער טאָכטער צוויי אייניקלעך. ער איז געשטאָרבן אַ יונגער מענטש, און געלאָזט זיין פרוי בעקי, אַן אַלמנה, מיט אַביסל געלט.

מיין שוואָגער שמואל, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט געפּרובירט ברענגען זיין פרוי און קינד, האָט ער גענומען און איינגעפּאַקט דאָס פּעקל און איז געפאָרן קיין איראָפּע זיי ברענגען. אינטערעסאַנט איז, אַז ווען ער איז געווען אויפ׳ן וועג אהין — זיינען זיין פרוי און קינד שוין געווען אויפ׳ן וועג אהער, קיין אַמעריקע. ווען ער איז אָנגעקומען קיין בעסאַראַביע צו מיין שוועסטער קעניע׳ס קינדער, האָט מען אים דערציילט, אַז מיין עלטערער ברודער׳ס אַ זון, אָשר, איז געקומען פון בראַזיליע, און זי מיט׳ן קינד און מיין שטיפּברודער יוזיפּ׳ס אַ מיידעלע, נעסיע, און מיין נחמן׳ס זון, לייב, זיינען מיט אָשר׳ן געפאָרן ביז האַמבורג, און פון דאָרט וועלן זיי אַלע אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, און מיין ברודער מאיר׳ס אַ זון, משה דוד, און מיין ברודער אהרונ׳ס אַן אייניקל, זינע, זיינען געפאָרן מיט אָשר׳ן קיין בראַזיליע.

דערוויַיל זיינען אַלע פון האַמבורג, געקומען אין קעסל־גאַרדן. איך האָב מיין שוועסטער אַראָפּגענומען מיט דעם קינד און אַלע אַנ־דערע. זיי זיינען געווען אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן, אַז איך האָב מורא געהאַט פאַר דער לענדליידי, זיי אַלע צו ברענגען גלייך אין הויז אַריין. האָב איך אַ טייל פון זיי געלאָזט וואַרטן אין „סעינט־מערים פּאַרק״, און זיי פּאַרוויַיז צוביסלעך געבראַכט צו מיר אין הויז אַריין. אין יענער צייט האָב איך און מיין פרוי, מלכה, אויסגערעכנט, אַז 26 גרינע זיינען ביי אונז געווען דורך דער צייט, און מיר האָבן יעדן געהאַלטן 10 וואָכן, מיט עסן און מיט שלאָפן, ביז זיי האָבן זיך געקענט פאַרדינען.

און מיין שוואָגער שמואל גרינשפּאַן האָט דערוויַיל אויף דעם וועג קיין אַמעריקע געטראָפן מענטשן פון אונזער דאָרף, וועלכע זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער זיי געגעבן מיין אַדרעס.

מיר, די טשערנאָוויצער לאַנדסלייט, האָבן געהאַט געגרינדעט אַ רעליף כדי צו העלפן די פאַמיליעס, וועלכע וועלן זיך נויטיגן אין אַריבער ברענגען זייערע נאָענטע פון אייראָפּע. ווי געוויינליך, האָבן מיר געהאַט אונזערע מיטינגען אַלע צוויי וואָכן. מאַכט זיך גראָדע, אַ זונטיק, האָבן מיר געהאַט אַ מיטינג פונם רעליף, און מאָנטיק קריג איך אַ בריוו פון אהרן דיימאָנד. אהרן דיימאָנד איז געווען אַ זון פון מיין יונגן חבר, ליפּע אהרן דעם פּאַטשאַר׳ס, וואָס ווען איך בין אַלט געווען זיבן יאָר, האָב איך, כדי צו באַקומען דאָס שליטעלע, אים אויסגערייניגט דעם שטאָל דערפאַר, אין דעם דאָרף בערעזעווקע, וואו מיר האָבן געוואוינט.

דער בריוו פון אהרן דיימאָנד איז געקומען צו מיר פון אַנטווערפּן, בעלגיע. ער האָט מיר געשריבן, אַז ער איז דאָרט, און האָט ניט קיין געלט צו פאָרן וויַיטער. ער פאַרלאַנגט איך זאָל אים שיקן אַ שיפס־קאַרט. און דאָ דאַרף איך וואַרטן צוויי וואָכן ביז אונזער סאָסייעטע וועט האָבן אַ מיטינג, כדי זיי פאַרשלאָגן זיי זאָלן אים שיקן אַ שיפס־קאַרט. פאַלט מיר איין אַ פּלאַן: איך געפין אין ניו יאָרק זיינעם אַ חבר, מנשה האַלפּערן, און דערצייל אים די געשיכטע און זאָג צו אים, אַז מען זאָל ניט וואַרטן די צוויי וואָכן, אַז מען דאַרף שוין עפּעס טאָן.

איך האָב פאַרגעשלאָגן, אַז איך גיב גלייך 10 דאָלער, און פרעג אים: — „וויפיל גיסטו?" זאָגט ער: „20 דאָלער". האָב איך שוין דרייסיק דאָלער, און דאָ דאַרף מען האָבן 200 דאָלער. האָב איך אויסגעזוכט זיינע פריינט אין קאַליפאָרניע, און אין אַנדערע שטעט, און איך האָב יעדן פון זיי געשיקט „נאַיט־לעטערס", טעלעגראַמען, מיין איך, און מען האָט מיר אָנגעהויבן שיקן געלט. איינער, אהרן'ס אַ קאָזין, יחיאל וויינטרויב, וואָס די פרוי זיינע, זלאַטע, איז געווען אַ לייבליכער קאָזין פון אהרן דיימאָנד, ער האָט דעמאָלט געפּעדלט מיט די פאַלשע דזשולערי און ליאַלקעס אין אָרטשאַרד סטריט. דערציילט איך אים, אַז איך דאַרף געלט פאַר אַ שיפסקאַרט פאַר אהרן דיימאָנד, און ער וויל ניט געבן. זאָג איך צו אים דאָרט, אויפ'ן אָרט, אין אָרטשאַרד סטריט: — „אויב דו גיסט ניט קיין געלט — קער איך דיר איבער דעם פּושקאַרט." הכלל, ער האָט איינגעוויליגט צו געבן 5 דאָלער. עס האָט בלויז גענומען עטליכע טעג, האָב איך שוין געהאַט די 200 דאָלער. איך האָב געקויפט אַ שיפסקאַרט און זי אַוועקגעשיקט טעלעגראַפיש קיין אַנטווערפּן, און איידער די צוויי וואָכן האָבן זיך געענדיגט, איז שוין דיימאָנד געווען ביים מיטינג פון רעליף, און איך האָב זיי אַלעמען באַוויזן, אַז איך האָב ניט געוואַרט פאַר דער הילף פון רעליף, און אים איינגעשפּאָרט די יסורים פון וואַרטן נאָך צוויי וואָכן אין אַנטווערפּן.

ווען איך האָב שוין געהאַט אַוועקגעשיקט די צוויי הונדערט דאָלער פאַר דער שיפסקאַרט, איז מיר אָנגעקומען אַ טשעק אויף 15 דאָלער פון חיים מעסטער'ס אַ טאָכטער, פון קענזעס סיטי. דאָס מיידל האָט מיר געשריבן, אַז זי איז די איינציקע פאַרדינערין, און דאָך שיקט זי מיר די 15 דאָלער. אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַט דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב זיך גענויטיגט, האָב איך איר אָפּגעשיקט די 15 דאָלער.

ער, אהרן דיימאָנד, האָט אָנגעהויבן באַלד פאַרדינען, און געבראַכט געלט צו מיר, און מיר האָבן אַלעמען אָפּגעשיקט, וואָס זיי האָבן צושטייער געגעבן פאַר זיין שיפסקאַרט. אָבער די 5 דאָלער, וואָס איך האָב געקראָגן ביי יחיאל וויינטרויב, ווי שווער עס איז מיר אָנגעקומען צו קריגן ביי אים דאָס געלט — אַזוי שווער איז מיר

אנגעקומען אים אפצוגעבן, — ווייל איך האב אים פשוט נישט געקענט געפינען. ער האט זיך ארויסגעצויגן ערגעץ אין ברוקלין, און איך האב ניט געהאט זיין אדרעס, — און עס האט מיר גענומען צוויי יאר ביז איך האב אים אפגעגעבן די 5 דאלער.

ווען מיין שוואגער שמואל גרינשפאן איז געפארן קיין אייראפע ברענגען זיין פרוי מיט דעם קינד, האב איך אים מיטגעגעבן 500 דאלער, כדי ער זאל קענען איינעם אדער צוויי פון אונזער משפחה ברענגען קיין אמעריקע. האט ער געבראכט פאר די 500 דאלער צוויי קינדער, מיין עלטערער שוועסטער'ס פייגע'ס אינגל, יעקב בראמבערג, און פון דער אנדערער שוועסטער'ס, מעניע'ס, א מיידל, חוה גערש־פעלד. חוה גערשפעלד'ס אן עלטערע שוועסטער, רייזע, איז אויך געקומען, אבער זי איז געפארן פאר איר אייגן געלט.

פאסירט, אז דער אינגל, יעקב בראמבערג, איז געקומען מיט מיין שוואגער קיין אמעריקע, און די צוויי מיידלעך האט מען פארהאלטן אין טשעכאסלאוואקיע, ווייל אויף איינער האט מען געפונען עפעס א פיזישן פעלער. האט זי מיין שוואגער שמואל איבערגעלאזט מיין אדרעס, נאר ער האט שלעכט, ניט ריכטיג, אנגעשריבן. אנשטאט, עס האט באדארפט זיין, 147טע סטריט, האט ער אנגעשריבן זיי, וואס האט אויסגעזען ווי 142. און אויך, אנשטאט ס. ארענשטיין, האט ער געשריבן, סעם ארענשטיין, און דערפאר, ווען זיי זיינען אנגעקומען אין קעסל־גארדן, האבן מיר זיי געזוכט און זיי אונז — און מיר קענען זיך ניט געפינען.

אין איין אינדערפרי זע איך דעם בריוו טרעגער אין דער 142טער סטריט, ניט ווייט פון מיין הויז, און איך פרעג אים, צי ער האט עפעס א בריוו פאר מיר? זאגט ער: — „איך האב א בריוו, נאר איך ווייס נישט צי ער איז צו דיר." איך נעם דעם בריוו, און געפין אויס, אז זיי געפינען זיך אין א טשאריטי אינסטיטושאן פאר מיידלעך. איך בין באלד אהין געגאנגן און אפגענומען מיין שוועסטער קעניע'ס צוויי מיידלעך. און אין א קורצער צייט ארום, זיינען דעמאלט גע־קומען נאך דריי, מיין שוועסטער קעניע'ס קינדער.

עס איז געווען אין טשערנאוויץ א איד, וואס האט געמאכט צוקערלעך, מען האט אים גערופן, יחיאל דער צוקערניק. האט ער

זיך געלאָזט מיט זיין פרוי פאָרן קיין אַמעריקע, און איז געבליבן אין אַנטווערפּן מיט זיין ווייב. איז געקומען אַ בריוו פון אים, און אונזער רעליף האָט אים געשיקט צוויי טיקעטס, פאַר אים מיט זיין פרוי. מיר האָבן געגנוי געוואוסט, ווען די שיף דאַרף אָריינקומען. איך גיי יעדן טאָג אין עלים איילאַנד און מען זאָגט מיר, אַז זיי זיינען שוין אַראָפּ פון עלים איילאַנד, און געגאַנגען צו זייערן אַ קאָזין אויף דער צווייטער עוועניו. איך קום צום קאָזין, און זיי ווייסן פון גאָר־ניט. דאָס איז געווען קריסמעס צייט, האָט מען אין עלים איילאַנד געמאַכט אונטער־טעינמענטס פאַר די אימיגראַנטן, מיט אַ בענד מוזיק פאַר די פאַר־האַלטענע. האָט יחיאל צוקערניק זיך צורעדט מיט די מוזיקער, און האָט אַריבער געשיקט אַ בריוו צו זיין קאָזין אויף דער צווייטער עוועניו. איך גיי ווידער קיין עלים איילאַנד, און מען ענטפערט, אַז ער איז שוין אַראָפּ געגאַנגען נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק. איך גיי אין האיאַס, און זיי שיקן מיר מיט אַ לאָיער, און מען האָט אויס־געפּלאָנטערט דעם טעות: עס איז געווען אַזוי, אַז ווען מען האָט יחיאל׳ן און זיין פרוי אַראָפּגעלאָזט, און אָנשטאָט צו גיין מיט די מענטשן צו דער פערי, האָבן זיי געמאַכט דעם טעות, און געגאַנגען מיט דער גרופּע מענטשן, וועלכע מען האָט פאַרהאַלטן. אַזוי ווי קיין רעקאָרד איז ניט געווען, איז ער דאָרט געשטאַנען, געגעסן און גע־טרונקען און געוואַרט, — און דאָס איז געווען דער טעות.

דער האיאַס לאָיער האָט אויסגעפּלאָנטערט דעם טעות, און מען האָט זיי אַרויסגענומען און זיי מיר איבערגעגעבן. און איך פיר זיי צו מיין שוועסטער, שרה גרינשפּאַן, און דער יחיאל צוקערניק גערש־ביין, האָט געהאַט אַ שיין בערדל. נעם איך אים אַריין צו אַ באַרבער און לאָז דאָס בערדל מאַכן אַביסל קירצער. ס׳איז דאָ אַ ווערטל, אַז וואו עס איז דאָ אַ מצוה, מוז מען גלייך טאָן אַן עבירה, דערמיט עס זאָל זיך אויסגלייכן . . .

מיט דער קאָמפּאַני, וואָס מיין ברודער אהרן׳ס זון האָט געפירט קיין בראַזיליע, איז אויך געווען מיין ברודער אהרן׳ס שנור, פּערל, מיט אַ מיידעלע באַסיע, וואָס איר מאַן, איציק, איז געשטאָרבן אין בראַ־זיליע, און מענדל׳ס זון, שלמה, און שמאי׳ס דריי קינדער, יאָסל און

צוויי מיידלעך, טייבעלע ,און חייקע און עלי, נפתלי זעליק׳ס א אינגל, זאָניע.

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט מיין עלטערער זון, מעקס, זיך פרייוויליג אָנגעשלאָסן אין דער ארמיי, און שפּעטער מיט דריי מאָנאט, האָט מיין צווייטער זון, הערי, זיך אויך אָנגעשלאָסן. מען האָט אים ניט געוואָלט אָננעמען, אָבער מיין הערי, א פּרייז פייטער, ווי פּאַסט עס עפּעס, אז ער טויג ניט פאר קיין סאָלדאט, האָט ער זיך געבעטן אזוי לאנג, ביז מען האָט אים אָנגענומען. מיין ברודער נחמן׳ס זון, משה, אים האָט מען געדרעפטעט. האָבן מיר געהאט דריי סאָלדאטן פון אונזער שטוב אין אָנקל סעם׳ס ארמיי.

אין דער צייט, ווען מיין הערי האָט שוין געדארפט אוועק גיין, איז מיין מעקס געקומען פון דער ארמיי אהיים, דעם יונגערן ברודער אויסלערנען געוויסע זאכן, וואָס ער זאָל זיך וויסן ווי אזוי צו פירן. און, ווי געוועגליך, האָט שוין מיין מעקס געהאט א מיידל, איז ער אוועק צו דער מיידל, און די לעצטע נאכט, ווען ער האָט באדארפט אוועק צוריק אין דער ארמיי, און איך מיט מיין פרוי ווארטן אויף אים, דער זייגער איז 11, 12, 1, 2, 3, 4 און 5. און 6 אזייגער אינדערפרי, מעקס קומט אהיים, און איך מיט מיין פרוי האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט א ביטערע נאכט, וואָס איך וועל קיין מאָל נישט פארגעסן.

אזוי ווי די קינדער זיינען אוועק אין דער ארמיי, און רוי־מאטעריאלן איז געווען שווער צו קריגן, און קיין ארבעטער האָט מען אויך נישט געקראָגן, האָב איך אָפּגעסטאָפּט דעם שאָפּ אינגאנצן. איין מיידל האָב איך אָנגעהאלטן, איך פלעג איר צאָלן, אָבער זי איז בלויז געזעסן און גאָר ניט געטאָן. איך פלעג ארומגיין צווישן די אמברעלער שעפּער און פלעג קויפן „דזשאב לאטס", און איך און מיין אינגסטער זון, מארטי, פלעגן די ווארע פארקויפן צווישן מיינע קאָסטימערס. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט, און אלע דריי קינדער זיינען אהיים געקומען פון דער ארמיי, פאר א זון פאררעכן איך אויך מיין ברודער׳ס זון, משה־מאָריס.

מיין עלטערער זון, מעקס, איז געגאנגען אין קאלעדזש איידער ער איז אוועק אין דער מלחמה, און געוואָלט ווערן א לאָיער, אָבער

דורכדעם, וואָס ער האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט דער מיידל, מיט וועלכער ער איז אַרומגעגאַנגען, האָט ער אויפגעגעבן זיין געדאַנק. איך האָב ביי מיר באַשלאָסן, און אָפּגעמאַכט, אַז אַזוי שנעל ווי די קינדער וועלן קומען פון דער אַרמיי, זאָל איך זיי אַריינגעמען גלייך אין די ביזנעס, און די פירמע זאָל הייסן: „עס. אַרנסטיין ענד סאָנס". און אַזוי איז עס טאַקע געשען. וועמען פון מיינע פריינט איך האָב גע־פרעגט, האָבן זיי געזאָגט, אַז מיין פּלאַן איז אַ גוטער, אַריינצונעמען די קינדער אין די ביזנעס. מיין שכן, לייבאָוויטש, איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט מיך אָפּגעראָטן דערפון. האָב איך געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט נישט און איז בטל בששים.

איך ווייס צוויי פאַלן, ווען פּאָרלעך האָבן זיך געביטן מיט די ווייבער. איינער איז געווען במזיד און דער צווייטער בשוגג. ווען מיין פרוי, מלכה, איז געווען אַ מיידל, און איז געווען אין נוארק, ניו דזשוירזי, האָט זי געהאַט אַ חבר'טע, וועלכע האָט געוואוינט ביי אַ יונג פּאָר־פאָלק, און צו דער מיידל פלעגט אַרויפקומען אַ יונגערמאַן, האָט זיך די באַלעבאָסטע, וואו זי האָט געוואוינט, פאַרליבט אין דעם יונגנמאַן. אין אַ שטיקל צייט אַרום, האָט די באַלעבאָסטע דערקלערט איר מאַן, אַז זי פאַרלאַנגט אַ גט, און זיי האָבן זיך גע'גט, און חתונה געהאַט מיט דעם יונגנמאַן. רופט זיך אָן דער גע'גט'ער באַלעבאָס צו דער באָרדערקע: — „ווייסטו וואָס, לאָמיר ביידע חתונה האָבן!" און זיי האָבן ביידע חתונה געהאַט. דאָס איז געווען במזיד.

איך האָב געהאַט אַ פעטער, איטשי ר' מרדכילעס, און ער האָט געהאַט אַ זון, מענדעל, וועלכער האָט געהאַט זייער אַ גוטן קאָפּ צום לערנען, און ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָר, האָבן די אויפגעקומענע גבירים פון דער געגנט זיך איבער אים געריסן, צו האָבן אים פאַר אַן איידעם. זיי פלעגן שיקן שדכנים. געווענליך, איז איינעם אַ גביר פון קיסניצע געלונגען צו קריגן מיין פעטער'ס זון, דעם עילוי, פאַר אַן איידעם. און מענדעל איז אַ חתן געוואָרן, און עס איז געווען די חתונה. עס איז געווען גוט און פיין.

אין עטליכע וואָכן אַרום, נאָך דער חתונה, קומען זיך צונויף יונגע פּאָרלעך, און מען פאַרברענגט צוזאַמען, און די יונגע פאַרגלוסט זיך צו טאַנצן. מענדעל'ס יונגע פרוי זאָגט צו מענדלע'ן, אַז ער

זאָל גיין מיט איר טאַנצן. ווי קומט צו מענדעלע'ן ער זאָל קענען טאַנצן, אַז ער זיצט תמיד און לערנט. טוט דאָס יונגע ווייבל גאָר ניט אָפּ, זי זאָגט צו איר פאָטער און מוטער, אַז זי מוז זיך גט'ן מיט איר מאַן, און זיי גט'ן זיך, און מענדעל ווערט אַ גרוש צו 18 יאָר. מיין פעטער דודיע, מיין מוטער'ס אַ ברודער, האָט געהאַט אַ טאָכטער, פערל, און זי האָט געהאַט אַ מאַן, יאָנטעל, און דער יאָנטעל איז געווען אַ איד, אַ לערנער. ער האָט געהאַט אַ קראָם, און תמיד פאַר־ברענגט מיט דעם פעטער איטצשי. זיי האָבן געהאַט אַ טאָכטער, ניט זייער קיין שיינע. איידער מענדעל איז געווען גע'גט, האָבן זיי אפילו ניט געקענט חלום'ען צו האָבן מענדלען פאַר אַן איידעם. אָבער אַזוי ווי מענדעל איז שוין געווען אָפּגע'גט, האָבן זיך ביידע חברים צורעדט, און מען האָט אַ שידוך געטאָן, מענדלען מיט דער גאָלדען, און מען האָט געפּראַוועט אַ חתונה, און מיין פאָטער איז געווען אויף דער חתונה אַ מחותן פון ביידע צדדים.

אין שטעטל ביי אונז, אין טשערנאָוויץ, איז געווען אַ שיינער איד, אַ קרעמער, מען האָט אים גערופן, דודל יעקב מאיר'ס. דער דוד יעקב מאיר'ס, איז געווען שילי קליינ'ס, וועלכער איז ביי מיר געווען אַ סיילעסמאַן, זיינער אַ זיידע, און יענער האָט געהאַט אַ זון, יעקב, אויך אַ לערנער, נאָר ניט קיין פאַרשוין. און דער יעקב איז געווען אַ חבר צו מענדלען. דעם יעקב'ן האָט מען חתונה געמאַכט צו אַ זייער אַ שיינער מיידל פון אַ דאָרף, און אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ער זיך, פּונקט ווי מענדעל, זייער שנעל גע'גט מיט זיין פרוי.

אַז מענדעל איז אַלט געוואָרן 21 יאָר, און האָט זיך באַדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו, און מען האָט ניט געוואָלט, אַז מענדעל זאָל זיין אַ סאָלדאַט, און מען דאַרף אים אויסלייזן, און צו דעם נאָך, דאַרף ער זיך אויסצערן און פּלאָגן זיין קערפּער, ער זאָל ניט האָבן די מאָס, גייט מען צו דער שוויגער זיינער, פערל, אַז זי זאָל געבן געלט, און פערל וויל נישט געבן. הכלל, מען האָט דווקא מענדלען ניט צוגענומען, ווייל ער איז געווען זייער אויסגעמאַטערט. ער האָט געקראָגן אַ „ווייסן בילעט”, און דאָס האָט געמיינט, אַז ער איז פריי פאַר אַלעמאָל, פון מיליטער. זאָגט מיין פעטער איטשי צו זיינע שווער און שוויגער,

אז אזוי ווי זיי האָבן זיך ניט געוואָלט לאָזן קאָסטן געלט, ווען ער האָט באַדאַרפט שטיין צום פּריזיוו, וועט מענדעל מער ניט וואוינען מיט זייער טאָכטער, און דער סוף איז געווען, אַז מענדעל האָט זיך ווידער גע׳גט. און אַזוי ווי יעקב, מענדעל׳ס חבר, איז אויך גע׳גט, און אַזוי ווי גאָלדע יאַנטעל׳ס איז גע׳גט, פּירט מען צונויף גאָלדען מיט יעקב׳ן און מען מאַכט זיי ביידע חתונה. פּאַלט איינעם איין אַ געדאַנק, אַז מענדעל זאָל נעמען יעקב׳ס פרוי, און יעקב האָט חתונה געהאַט מיט מענדעל׳ס פרוי. און אַזוי האָבן צוויי פּאָרלעך זיך גע־ביטן מיט די ווייבער.

אַזוי ווי יעקב מיט גאָלדען זיינען ניט געווען קיין פּאַרשוינען, עס מיינט, אַז זיי זיינען ניט געווען קיין שיינע, אַזוי פאַרקערט, איז מענדעל מיט זיין דריטער פרוי, גיזע, ביידע געווען שיינע.

נאָך דעם, האָט יעקב מיט גאָלדען געהאַט 10 קינדער, און מענדעל מיט גיזא, בלויז 6 קינדער.

דער פעטער דודיע, מיין מוטער׳ס ברודער, האָט געהאַט אַ זון, שמואל אהרן, אין דעם שטעטל זשערין; האָט ער געהאַט אַ מיידל, פייגע, און האָט זי חתונה געמאַכט פון אונזער שטעטל, קליין טשער־נאָוויץ, פאַר מאָטעל עליע ציניע׳ס אַ זון, און פייגע האָט מיט מאָטלען געהאַט 4 קינדער, אינגלעך. זייערע נעמען זיינען: שמואל, מענדעל, דוד און אברהם. און מאָטל איז געשטאָרבן יונג און געלאָזט זיין פרוי, פייגע, מיט 4 קליינע קינדער. זיי האָבן געהאַט אַ גראָסערי געשעפט. די פייגע איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ פרוי אַ קאָזאַק, אָבער, אַז עס פעלט געלט און מען וויל לעבן און עס איז נישטאָ, זוכט מען וועגן פאַר פּרנסה.

די פייגע, מיין קוזינע, האָט געהאַט אין אַמעריקע אַ חבר׳טע, מיסעס פּאַפּאָלאָווסקי, און זיי האָבן זיך דורכגעשריבן. די מיסעס פּאַפּאָלאָווסקי האָט געשיקט פייגע׳ן אַ שיפסקאַרטע, אַז פייגע זאָל קומען קיין אַמעריקע. אין אַ שיינעם טאָג, האָט פייגע איבערגעלאָזט אַלע אירע 4 קינדער און איז אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

פייגע האָט דאָ געאַרבעט ביי מיר אין דער פעקטאָרי, אָבער זי האָט זיך ניט אויסגעטויגט צו דער אַרבעט. האָט זי געביטן איר טרייד און געגאַנגען אַרבעטן ביי קינפּעטאָרינס אַלס אַ וואַרטס־פרוי.

זי האָט צונויפגעלייגט עטליכע דאָלער און געשיקט נאָך די צוויי עלטערע אינגלעך, שמואל און מענדעל, צווייטע קלאַס שיפסקאַרטן. די קינדער זיינען אָנגעקומען אהער אין קעסל־גאַרדן. איך און מיין קוזינע, פייגע, זיינען מיר געגאַנגען זיי אַראָפּנעמען פון שיף. דער קעפּטען פון דער שיף האָט געזען, אז די קינדער באַלאַנגען ניט אין דער צווייטער קלאַס, צוליב זייער אָנגעטאָן אין צעריסענע קליידער, האָט ער זיי געוואָלט פאַרהאַלטן. אזוי ווי דער קעפּטען פון דער שיף איז געוועזן ביזי, און אזוי ווי די קינדער האָבן דערזען זייער מוטער, האָבן זיי אריבער געשפּרונגען דעם „געיט", וואָס איז געווען מיט א שטריק פאַרצויגן, און מיר האָבן די קינדער, אָן זיך אָנצופרעגן ביי עמיצן, זיי אהיים גענומען.

ווען אין קעסל־גאַרדן האָט מען אויסגעפונען, אז זיי זיינען אוועק אָן א זיי־געזונט, האָט מען געגעבן אַן אָרדער די קינדער אויפצוזוכן און צוריקברענגען.

אויף דער נאַכט, ארום אכט אזייגער, א פּאָלים אינספּעקטאָר קלאַפּט אָן אין אונזער טיר, און זאָגט, אז ער האָט א באַפעל צו ברענגען ביידע קינדער צוריק אין עלים איילאַנד, און פייגע ווערט היסטעריש און חלש'ט. אָבער, עס העלפט ניט, מען האָט די קינדער צוריק גענומען אין קעסל־גאַרדן.

אין שכנות האָט געוואוינט אַלעקסאַנדער בלאַק, א לאָיער, גיט ער אונז אַן עצה, אז מאָרגן זאָל איך גיין אין מיין באַנק און אויסמאַכן א סוירטיפייד טשעק אויף פייגע'ס נאָמען, און אז פייגע וועט ווייזן, אין עלים איילאַנד, אז זי האָט געלט, וועט מען איר געבן די קינדער. אזוי האָב איך געטאָן, און מיר זיינען געגאַנגען אין קעסל־גאַרדן, און מען האָט פייגע'ן אָפּגעגעבן אירע צוויי קינדער.

אין דער צייט, וואָס איך האָב פאַרוואַנדלט מיין קליינע פּריוואַטע הייזקע אין א אמברעלער פעקטאָרי, איז אָנגעקומען צו מיר אַרבעטן א בחור, א פיינער יונג. ביים טרייד איז ער געווען א קעפּ־מייקער, און ער האָט געהייסן, סעם ווינער. צוליב דעם, וואָס מען באַנוצט די זעלבע מאַשינען פאַר אויסאַרבעטן אמברעלערס, וואָס ביי קעפּס, האָב איך געקענט נוצן סעם ווינער'ן צו דער אַרבעט. און צו

דער זעלבער צייט האָט ביי מיר געאַרבעט א מיידל, א בילד שיינע, פערל, האָט זי געהייסן. אַן אָנקל האָט זי געהאַט אויף ברוק עוועניו, א פעינטער, און ער האָט אויך געהאַט א פעינט־סטאָר. פאַרליבט זיך סעם ווינער אין פערל'ען און זיי פאַרלאָבן זיך. סעש ווינער האָט געהאַט א שוועסטער אין קאַנאַדאַ. פאַרגלוסט זיך סעמ'ען צו פאָרן צו גאַסט קיין קענעדע, אַליין אָן זיין כלה, פערל.

עס איז געווען זומער צייט, ווען אין קאָני איילאַנד איז דער סעזאָן. איינער אַן אַרבעטער, וואָס האָט געאַרבעט ביי פערל'ס אָנקל אין פעינט־סטאָר, האָט פאַרבעטן פערל'ען מיט אים אויסצופאָרן קיין קאָני איילאַנד. זי פאָרט מיט אים.

סעם קומט צוריק אין עטליכע טעג פון קענעדע, און ער און פערל האָבן חתונה. ס'איז פיין און וואויל, זיי האָבן צוויי קינדערלעך.

פערל האָט געהאַט משפחה, איז פון צייט צו צייט פלעגט געשען גנבות ביי דער משפחה. די משפחה האָט אָנגעשטעלט א דעטעקטיוו, און ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די פּאָון שעפּער און געפינען די גע'גנבעטע סחורה. און דער דעטעקטיוו קומט צו פערל'ען און זאָגט צו איר גאָר פשוט: — „גיב מיר די פּאָון טיקעטס." — „איך האָב קיין פּאָון טיקעטס ניט", ענטפערט פערל. דער דעטעקטיוו וויל ניט אָפּטרעטן. הכלל, פערל נעמט אַרויס פון זאַק אַלע פּאָון טיקעטס, און איז זיך מודה, אַז דער בחור, וועלכער האָט זי אויסגענומען קיין קאָני־איילאַנד אין דער צייט, ווען סעם איז געווען אין קענעדע, פלעגט זי סטראַשען, אַז זי זאָל אים געבן געלט, אַניט וועט ער דערציילן איר מאַן, אַז ער האָט געהאַט מיט איר ביזנעס, און דערפאַר האָט זי גע־גנב'עט כדי זיך צו ראַטעווען — און די אַלע געלטער האָט זי אים אַוועק געגעבן.

און אַז סעם איז גוואויר געוואָרן פון דער גאַנצער געשיכטע — איז ער פאַר ווייטאָג געשטאָרבן.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, האָבן מיר, די קליין טשערנאָוויצער לאַנדסלייט, געהאַט א רעליף און געזאַמלט 4 טויזנט דאָלער. מיר האָבן געהאָלפן מיט דעם געלט די לאַנדסלייט צו ברענגען זייערע אייגענע. איין מאָל קומט צום מיטינג א לאַנדסמאַן, וועלוועל זאַפרין, און וויל פון אונז 200 דאָלער. ער וויל ברענגען זיין

שוועסטער מיט איר מאַן און קינדער פון טשערנאָוויץ, און מיר גיבן אים דאָס געלט. ער ברענגט זיי. ער האָט געהאַט אַ ביזנעס, אַ „מעיל אָרדער” פון קענדי, סואווענירס, און נאָך דער מלחמה ווערט ער באַנגליקט, און זיין שוואָגער, אברהם פעלדמאַן, ווערט ביי אים מענעדזשער און בוק־קיפּער. פעלדמאַן איז דער זעלבער, פאַר וועמען ער האָט געבעטן די 200 דאָלער פון אונזער רעליף כדי אים צו ברענגען קיין אַמעריקע.

אַזוי ווי מיר האָבן די 4 טויזנד דאָלער אויסגעטיילט צווישן די לאַנדסלייט, און זיי האָבן געבראַכט וועמען זיי האָבן געוואָלט, האָבן מיר באַשלאָסן צו מאָנען צוריק דאָס געלט פון די געקומענע, און מיט דעם געלט שיקן ווידער קיין קליין טשערנאָוויץ אויף פּסח פאַר די נויט באַדערפטיקע. קומט וועלוועל זאַפראַן צום מיטינג און גיט אונז צוריק די 200 דאָלער, און נאָך אַ חוץ דעם, גיט ער אַ דאָניישאָן פון הונדערט דאָלער פאַר אונזער רעליף.

און אַזוי ווי איך בין געווען טרעזשורער, און דוד האַלפּערן, פּרעזידענט, און אברהם פעלדמאַן, פינאַנץ סעקרעטאַר, און פון איין פּסח צום אַנדערן פלעג איך זיין ביזי אָפּגעבן די חובות און נעמען דאָניישאָנס פון די מיטגלידער, און מיר פלעגן דאָס געלט אַריבערשיקן אין דער אַלטער היים, קיין טשערנאָוויץ.

איין מאָל, אין אַ פאַר פּסח, זיינען מיר, אַ קאָמיטע, געווען ביי דעיוו רעידער אין סטאָר, און מיר מאַכן פּלענער, ווי אַזוי אַריבער שיקן דאָס געלט, וואָס מיר האָבן צונויפגענומען — ווייל עס איז שוין געוואָרן שווער צו שיקן געלט קיין רוסלאַנד, בלויז פאַר די אידן אין אַ קליין שטעטל. די סאָוועטישע רעגירונג האָט געוואָלט, אַז דאָס געלט זאָל גיין פאַר דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, און ניט נאָר פאַר די אידן.

האָט אונזער רעליף איינגעפירט אַ נייע סיסטעם פון שיקן, אַז ווען אַ מיטגליד האָט געמאָלדן, אַז זיין קרוב אין אייראָפּע נויטיגט זיך אין געלט, האָבן מיר אים געגעבן די סומע, און ער האָט עס אַליין פּערזענליך, דירעקט אַריבער געשיקט צו זיין קרוב.

איינמאָל, אונזער רעליף האָט אַ מיטינג ביי דוד רעידער אין סטאָר. קומט איינער צו צום סטאָר מיט אַ גוטן אָטאָמאָביל, מיט

א שאַפּער, און קומט אַריין אין סטאָר, און איך מיין, אַז עס איז עפּעס א רייכער איטאַליענער, א קאַסטימער — און ווען די רעליף קאָמיטע האָט אים דערזען, שרייען זיי אויס: — „וועלוועל זאפראן!" ער האָט שוין אויסגעזען אַנדערש פון יענעם וועלוועל זאַפּראַן, וועלכער איז מיט א 10 יאָר צוריק געקומען אַן איינגעבויגענער צו אונזער רעליף און האָט פארלאַנגט הילף, 200 דאָלער, צו ברענגען זיין שוועס־טער און שוואָגער. דאָס מאָל האָט זאפראן אונז דערלאַנגט א שיינעם דאָנײשאָן, און ער איז געווען אויפגעלעגט. רופט ער זיך אָן צו דוד האַלפּערן: — „אויב מיר ביידע טרעפן זיך שפּעטער מיט 10 יאָר, גיב איך פינף טויזנט דאָלער פאר קליין טשערנאָוויצער לאַנדסלייט!" רוף איך זיך אָן: — „וואָס טויג מיר צוזאָגן!" און נעם מיין רעסיט ביכל און היים אָנשרייבן אויפ'ן טעוועלע און אונטערשרייבן. און זאָג צו אברהם פעלדער: — „שרייב אויף, וואָס וועלוועלע זאפראן זאָגט צו." אברהם פעלדער שרייבט אויף וועגן דעם גאַנצן געוועט, און עס שרייבן זיך אונטער אַלס עדות: שמאי אָרענשטיין, דוד רעידער, אברהם פעלדער, גדליה יאַמפּאָלסקי, משה גאַליגאָרסקי און וועלוועל זאַפּראַן. איצט איז א פראגע, ווער פון אונז וועט טאַקע דערלעבן צו טרעפן זיך אין 10 יאָר אַרום און קענען אָפּנעמען די 5,000 דאָלער?

אין 5 יאָר אַרום שטאַרבט דוד האַלפּערן, און צוויי יאָר ווייטער, שטאַרבט אברהם מארקוס, א לאַנדסמאַן פון אונזער סאָסייעטי, און איך בין אויפ'ן בית עולם און דערזע דאָרטן וועלוועל זאפראן אויך ביי דער לויה. גיי איך צו צו וועלוועל זאפראן און זאָג צו אים: — „וועלוועל, קום מיט מיר צו צו דוד האַלפּערנ'ס קבר." און דאָרט ווייז איך אָן: — „אָט זעסט, ער האָט דיר איינגעברענגט צו באַצאָלן 5,000 דאָלער מיט זיין פרי אָפּשטאַרבן." ענטפערט וועלוועל, און זאָגט: — „איך וואָלט איצט יעדנפאַל ניט געגעבן די 5 טויזנטער, ווייל איך האָב ניט, איך האָב פארלוירן מיין געלט. ביי מיר איז דאָס איצט, אַלץ איינס."

אין דער צייט, וואָס מיין פריינט דוד רעידער, איז אָפּגעברענט געוואָרן, האָט ביי אים געאַרבעט זיינער א שוואָגער, נחום פּויליקמאַן. אין דער זעלבער צייט, איז נחום פּויליקמאַן געווען ביי אונז אין לאַדזש

דער רעקאָרדינג סעקרעטאַר, און איך בין געווען אין יענער צייט אַן אָפּטער אריינגייער ביי אים אין הויז. זאָגט מיר נחום פּויליקמאַן, אַז ער וואָלט געוואָלט גיין אין ביזנעס פאַר זיך און מאַנופעקטשורן מאַטראַצן. ער זוכט אַ סטאָר, און קיינער וויל אים ניט פאַרענטן צוליב פייער־געפאַר.

גיי איך דורך „סעינט-עינס" עוועניו אין די בראָנקס, און דערזע, אַן איבערגעבויטע הייזקע מיט אַ סטאָר און אַ וואוינונג. אונטן, די סטאָר, און אויבן, די וואוינונג. איך לויף צו אים אָנזאָגן, אַז איך האָב פאַר אים אַ סטאָר ווי געוואונטשן. ענטפערט ער: — „צו שפעט, איך לערן זיך ווערן אַ לאָנדרימאַן." — „זאָל זיין מיט גליק!" ווינטש איך אים צו. אין אַ פּאָר טאָג שפעטער קומט צו מיר צו דערזעלבער פּויליקמאַן, און זאָגט מיר, אַז ער האָט שוין אויפגעגעבן די לאָנדרי ביזנעס. ער וויל ווידער גיין אין די מאַטראַצן ביזנעס, און ער וויל, איך זאָל אים ציינן די הייזקע. איך בין מיט אים צוגע־גאַנגען און עס געפעלט אים.

מיר גייען צו צום לענדלאָרד, און יענער פרעגט, ווער מיר זיינען? נעם איך דעם באַלעבאָס פון הויז אַן איירישער, און פיר אים צו צו מיין הויז, און זאָג: — „דאָ וואוין איך, דאָ איז מיין הויז, און דאָ איז מיין ביזנעס, און ער, פּויליקמאַן, ער איז מיין פריינט." ער פאַר־רענט אונז די הייזקע פאַר 35 דאָלער אַ מאָנאַט. פרעג איך דעם פּויליקמאַנ'ען, וויפיל געלט ער האָט? ענטפערט ער, אַז ער פאַרמאָגט 150 דאָלער. זאָג איך צו אים, אַז ער זאָל קיינעם ניט געבן קיין באַרעס־געלט. איך האָב אים גענומען צו מיין באַנק און נעם אַרויס אַ „טשעק־אַקאָונט". איך שרייב אים אויס אַ טשעק פון 150 דאָלער, און מיט זיינע 150, מאַכט ער אַ דעפּאָזיט פון 300 דאָלער.

פּויליקמאַן דערלאַנגט דעם לענדלאָרד אַ טשעק פון 35 דאָלער פאַר'ן רענט, און ער גייט קויפן סחורה פאַר די ביזנעס, און גיט יעדן טשעקס, און די ביזנעס־לייט זעען, אַז ער האָט אַ „טשעק אַקאָונט", שיקט מען אים סחורה אויף קרעדיט. און ביז היינטיקן טאָג איז פּויליקמאַן אין גרויסע ביזנעס, פאַרקויפט פּוירניטשור דורך פּעדלערס אויף אינסטאָלמענט, און מיר זיינען געבליבן גוטע פריינט.

דער דוד האַלפּערן, ווען ער איז געקומען גרינערהייט קיין אַמע־

ריקע, איז ער געווען א באַרדער ביי מיין קאַזין, שאיע איטשי ר׳ מרדכה׳לעס. דוד האַלפּערן איז געווען נאָך פון דער היים א געביל־דעטער אין אידישן און אין גויאישן. אין דער היים האָט ער געהאַלטן די טאַקסע, און ביי די קצבים דאָרט, איז ער געווען א גאַנצער גאָט. איז געווען אונזערער א לאַנדסמאַן פון קליין טשערנאָוויץ, וואָס האָט געהאַט א בוטשער סטאָר אין בראָנזוויל, און ער האָט זיך געקענט מיט האַלפּערנ׳ען פון דער היים. און ווען דער בוטשער איז געוואָר געוואָרן, אז דוד איז דאָ אין אַמעריקע, איז ער געקומען צולויפן און זאָגט צו אים, אז ער זאָל קומען אַרבעטן פאַר אים אין בוטשער סטאָר. ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אז ווען אַלע לאַנדסלייט וועלן הערן, אז דוד האַלפּערן אַרבעט ביי אים, וועלן אַלע גלויבן, אז ער פאַרקויפט גלאַט כשר פלייש, און דאָס וועט העלפן ביזנעס.

ווען מיין קאַזינ׳ס פרוי, רייזעל, הערט, אז ער גייט אַרבעטן פאַר דעם בוטשער, האָט זי פאַרלאַנגט, ער זאָל איר ברענגען פּעץ פאַר שמאַלץ אויף פּסח. דוד, א גרינער, איז געבליבן שלאָפן אין סטאָר, הערט ער, ביינאַכט, מען קלאַפּט. ער עפנט די טיר. מען האָט גע־בראַכט טריפה׳נע פּעץ. ליגט ער אַזוי און טראַכט, בין איך דאָ ביי אים אַריינגעפאַלן צו זיין א שילד פאַר כשרות, און דאָ פאַרקויפט ער גאָר טריפות!

האָט ער ביינאַכט געלאָזט דעם סטאָר און אַוועקגעלאָפן צו שאיע איטשי ר׳ מרדכה׳לעס אין הויז, וואו ער האָט פריער געוואוינט, ווייל זיין פרוי, רייזעל, האָט געהאַט גענומען ביי אים פּעץ אויף פּסח — און ווען זי האָט דערהערט, אז זי האָט גענוצט טריפה פּעץ, און דערצו האָט זי ניט געהאַט גענוג טעפּ, האָט זי נאָך געבאָרגט ביי די שכנים אַנדערע טעפּלעך. דוד האַלפּערן האָט איר געהייסן אַרויסוואַרפן אַלע געשיר, וואָס זי האָט גענוצט, און אַזוי האָט זי עס געטאָן.

היינט אינדערפרי, דעם 26טן מאַרטש, 1950, האָט דורך א צופאַל די רייזל מיך ווענן עפּעס אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן, און איך האָב איר דערציילט, אז איך שרייב איצט וועגן דעם פאַל מיט דעם טריפה פלייש, האָט זי מיר באַשטעטיגט נאָכאַמאָל, אז אַלץ איז אַזוי טאַקע געווען ווי איך דערצייל. ס׳איז געגנוי א 42־43 יאָר, זינט די מעשה איז געשען. רייזעל׳ס טאָכטער, וועלכע איז דעמאָלט געווען א בייבי,

האַט שוין אַן אויסגעגעבענע טאָכטער, און עס וועט באַלד זיין אַן איייניקל.

איך האָב געשריבן, ווען מיין מוטער איז געשטאָרבן, האָט ביי אונז קאַמאַרינע געוואוינט אַ פּאָר פאָלק, און ביי זיי איז געווען אַ אינגל, אַ יתום, פון אירער אַ שוועסטער, און מיר פלעגן ביידע, איך און דאָס אינגל פלעגן גיין צוזאַמען זאָגן קדיש. זיין נאָמען איז, יעקב. גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז שפּעטער מיט יאָרן האָט מיין שוועסטער מיינע חתונה געהאַט מיט דעם יאַנקעל'ס אָנקל, שלמה. און דער יאַנקל מיט זיין פאָטער האָט דעמאָלט געוואוינט אין אַ קליין שטעטל, זיגיוועקע. בלויז אַמאָל, פלעגט יאַנקל קומען צו זיין אָנקל אויף אַ יום־טוב. יאַנקל איז אויפגעוואַקסן אַ גרויסער געלערנטער אין העברעאיש, און פלעגט אַמאָל שרייבן קליינע אַרטיקלען אין דער „הצפירה". פאַר מיין פאָרן קיין אַמעריקע, האָב איך אים געטראָפן צופעליק אין זיגיוועקע, און שפּעטער מיט דרייסיק יאָר, בין איך געווען אויף דער „ראָוד" פאַרקויפן אַמברעלערס. איך קום אַריין אין אַ סטאָר פון אַמברעלערס אין פילאַדעלפיא, אין מאַרקעט סטריט, שטייט מיין יוגנטפריינט יעקב מיט דעם באַלעבאָס פון סטאָר און רעדן פון ציוניזם, און איך האָב גאָר ניט פריער געוואוסט, אַז יעקב געפינט זיך אין אַמעריקע. איך האָב אים דערקענט, נאָך 30 יאָר, אין זיין לשון און אין קול. רוף איך זיך אָן צו אים: — „איך ווייס ווער דו ביסט." פרעגט ער מיך צוריק: — „אויב דו קענסט מיך, ווי אַזוי איז מיין נאָמען?" זאָג איך צו אים: — „דיין נאָמען איז „איש יבנה". דאָס איז געווען זיין פּסעוודאָנים אין דער „הצפירה". קוקט ער מיך גוט אָן און זאָגט צו מיר: — „ביסטו נחמן?" ער האָט געמיינט, און מיך פאַרביטן מיט מיין ברודער נחמן. ענטפער איך: — „איך בין שמאי." און מיר האָבן זיך דערפרייט, און איך האָב אים געגעבן מיין אַדרעס, און ער האָט מיר געגעבן זיין אַדרעס.

דער מאַן פון דעם אַמברעלער סטאָר האָט זיך ענליסטעט אין אידישן לעגיאָן, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט געהאַט אָרגאַניזירט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, צו קעמפן און געווינען ארץ ישראל, מיט דער הילף פון ענגלאַנד. ער האָט געהייסן, מר. ראָזענבערג. ער

האָט געלאָזט די סטאָר מיט דער ווייב און די קליינע קינדער, 2 אין צאָל, און אוועק באַפרייען ארץ ישראל פאַר די אידן. ביי מיר אין יענער צייט האָט ער אויסגעזען, ווי אַ משוגענער, מיט אזא האנדלונג, אָבער איצט, ווען מיר האָבן שוין אַ אידישע מדינה, איז דער ראָזענ־בערג אַ העלד אין מיינע אויגן.

שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר, קומט מיין פריינט, יעקב זוסנער, פון פילאַדעלפיא, און וויל מיר פארקויפן אַן אינשורענס לאַיף־פּאָליסי. זאָג איך צו אים, אַז איצט קען איך ניט, מיינע קינדער זיינען אין דער אַרמיי, אַז זיי וועלן אַהיים קומען, פון דער מלחמה, האָב איך אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל ספּעציעל פאָרן קיין פילאַדעלפיא, און מאַכן ביי אים אַ פּאָליסי. און אַזוי איז טאַקע געוועזן. ווען די מלחמה האָט זיך געהאַט געענדיגט, און מיינע קינדער זיינען אַהיים געקומען, האָב איך גענומען מיין פּלימעניק, משה, מיין ברודער נחמנ'ס זון, און מיר זיינען געפאָרן קיין פילאַדעלפיא. דאָרט, אין פילאַדעלפיא, האָב איך גענומען איין פּאָליסי ביי יעקב זוסנער, און אויך משה האָט זיך גענומען אַ פּאָליסי. יעדן מאָל, ווען יעקב שרייבט עפּעס אַן אַרטיקל אין דער פילאַדעלפיער אידישע צייטונג, שיקט ער מיר אַלעמאָל אַ קאָפּיע דערפון, און ווען איך בין אין פילאַדעלפיא, מוז איך אים גיין זען.

מיין ברודער נחמנ'ס זון, משה, האָט ארויסגענומען פון דער באַנק זיינע 800 דאָלער, און איז געגאַנגען קויפן אַ גראָסערי־סטאָר, און האָט געקויפט אַ סטאָר פאַר 1,800 דאָלער. פעלט אים נאָך טויזנט דאָלער. גיי איך צו צו מיינעם אַ פריינט, גיטעלמאַן, און באָרג זיך ביי אים טויזנט דאָלער און גיב משה'ן, די טויזנט דאָלער, און ער קויפט די גראָסערי. משה אַרבעט שוין פאַר זיך, און ניט פאַר יענעם. צוביסלאַך, האָט משה מיר אָנגעהויבן אָפּצוגעבן די טויזנט דאָלער, און איך האָב גיטעלמאַנ'ען צוריק געגעבן זיינע טויזנט דאָלער. אונזער קוזינע, פייגע קאַמעניעצקי, געפינט צווישן אירע לאַנדסלייט אַ שיינע, בלאָנדע מיידל, און מאָרים ווערט אַ חתן, און האָט חתונה, און איך האָב פון אים נחת.

אין דער צייט, וואָס איך פלעג אַרומפאָרן אויפ'ן ראָוד צו פאַר־קויפן מיינע אמברעלערס, האָבן איינגע קאָסטימערס באַמערקט, אַז

איינע פון מיינע באַקן איז פּאַרשוואָלן, און איך האָב גאָר ניט געפילט קיין ווייטאָג. דערצייל איך מיין פרוי וועגן דעם. זאָגט זי, אַז עס מוז זיין אַ שלעכטער צאָן, און מען דאַרף אים אוודאי אַרויסנעמען.

אויף דער דריטער עוועניו, לעבן 149טע סטריט, האָט געהאַנגען אַ גרויסער סאַין פון אַ דענטיסט, אַז ער שלעפּט ציין — פאַר 25 סענט אַ שטיק. איך גיי אַרויף צום דענטיסט, אַן עלטערער מענטש, מיט צוויי באַקן־בערד. איך צייג אים די באַק און איך זאָג אים, אַז איך פיל קיין ווייטאָג ניט, און איך ווייס נישט, וועלכער צאָן עס טוט מיר וויי — נאָר איך וויל אַרויסנעמען אַ צאָן. ער פרעגט קיין שאלות ניט, און ער נעמט מיר אַרויס אַ גוטן צאָן. דעמאָלט הייבן זיך אָן מיינע צרות. פון דעם שלעכטן צאָן הויבט אָן רינען מאַטעריע אין מויל אַריין. מיר האָבן געהאַט אַ הויז דאָקטאָר. זיין נאָמען איז געווען, פריד. ער גיט מיר אַ שוועָנקעכץ, נאָר עס העלפט ניט. ער נעמט מיך אין לבנון האָספּיטאַל. ער פּאָרעט זיך מיט מיר, און צעברעכט מיר דערווייל אַ ביין אין דער נאָז. די מאַטעריע הויבט שוין אָן צו גיין אין האַלז אַריין. איין מאָל רוף איך זיך אָן צו דעם דאָקטאָר פריד: — „איר זעט, אַז איך געטרוי אייך, און וואָס איר טוט, העלפט ניט, פליז זאָגט מיר, וואו זאָל איך גיין? ווער, וועלכער דאָקטאָר זאָל מיר קענען העלפן?” ער האָט אַ טראַכט געטאָן, און ענטפערט, אַז איך זאָל גיין אין „בעלוויו מעדיקעל קליניק”. דאָרטן, הייסט ער מיר קויפן אַ טיקעט פאַר 10 סענט, וועלן זיי שוין אויס־געפינען, וואָס מיין קראַנקהייט אייגענטליך איז. איך בין גלייך אוועק אין בעלוויו האָספּיטאַל, און ווען עס איז געקומען צו מיין „נעקסט”, און דער דר. טשיזעל דערזעט, — רופט ער גלייך פּראָפעסאָר קאָקלין, און מען נעמט גלייך אַן עקס־רעי בילד, און מען הייסט מיר קומען אין קאָלאָמבוס האָספּיטאַל פּריוויט פרי, און גאָר ניט עסן קיין ברעקפעסט, און אַלע ביז איצטיקע שוועָנקעכצן אוועקוואַרפן. איך קום אַהין, און מען גיט מיר „איטער”, און מען נעמט אַרויס דעם שלעכטן צאָן. דער צאָן איז געווען אַריינגעוואַקסן אין דעם ביין פון דער באַק, צווישן ביין פון דער באַק און דעם גומען פון מויל, אונטער דער ליפּ. האָבן זיי געמאַכט אַן עפענונג, און מ'האָט געמאַכט אַן אָפּעראַציע. און צווישן דעם ביין פון באַק און גומען, האָט מען גוט אויסגעקראַצט

און אויסגעשאָבן, און אָנגעפילט מיט גאַזע, און מיין פרוי, מלכה, און מיין קאָזין, שאַיע, האָבן געוואַרט אין שפּיטאָל ביז די אָפּעראַציע איז געווען אַריבער, און ביז איך האָב זיך אויפגעוועקט פון דעם שלאָפן־טראַנק.

איך האָב דעמאָלט געגעכטיגט אין האָספּיטאַל, און אינדערפרי איז געקומען דר. טשיזעל, און מען האָט געבראַכט אַזאַ גרויסע שיסל, און אַ נוירס האָט אָנגעהויבן צו שלעפּן די גאַזע פון צווישן דער באַק־ביין און גומען־ביין, און אָנגעפילט די פולע שיסל מיט גאַזע. ביז היינט קאָן איך ניט פאַרשטיין, וואו עס האָט זיך גענומען אַזוי פיל פלאַץ פאַר אַזוי פיל גאַזע אין דער עפענונג פון דעם צאָן. דער דאָקטאָר זאָגט צו מיר, אַז כאָטש ביז יעצט פלעגט מען ביים אַרויסנעמען די גאַזע, ווידער אָנפילן די וואונד מיט פרישע גאַזע, נאָר מיט מיר וויל ער מאַכן אַן עקספּערימענט, און ניט מער עס אָנפילן, און לאָזן עס ליידיק. עס האָט טאַקע מער נישט געדונגען קיין מאַטעריע. זיי האָבן מיר געהייסן קומען דריי מאָל אַ וואָך אין קליניק פאַר טריטמענטס, און איך בין אַהיים געגאַנגען.

איך בין אַ צייט געגאַנגען אין שפּיטאָל ווייזן דעם דאָקטאָר ווי עס היילט זיך, און זיי האָבן געפּרובירט צו פאַרנייען אינעווייניג אין מויל די עפענונג, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן, און זיי האָבן עס ניט געקענט פאַרנייען. זיי האָבן געוואָלט באַלד נאָכ׳ן אָפּערירן עס פאַר־נייען, נאָר דער דאָקטאָר האָט מורא געהאַט עס זאָל זיך ניט מאַכן אויפסניי מאַטעריע, האָט מען עס געלאָזט אָפן צוליב דעם, און דער־נאָך איז עס אַזוי פאַרוואַקסן געוואָרן, אַז מען האָט שוין ניט געקענט גאָרניט פאַרנייען. איין מאָל זאָגט צו מיר דר. טשיזעל, אַז עס קען בלייבן אַזוי, ווי עס איז—אָפן, און ער האָט מיך מער ניט באַהאַנדלט.

דער פּראָפעסאָר קוקלי, פון האָספּיטאַל, האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל קומען צו אים, אין זיין פּריוואַטן אָפיס, אַהיים, און ווען איך בין דאָרטן געקומען, האָט ער געוויזן פאַר זיינע פריינט, זיין גע־לונגענע אָפּעראַציע, וואָס ער האָט איבער מיר געמאַכט, און זיך באַ־רימט מיט דעם פאַר אַלעמען.

אויף דער רעכטער באַק ביי מיר, אונטער דער ליפּ, איז געבליבן ביז היינט אַן עפענונג, און אויף דעם צעבראָכענעם ביין פון מיין נאָז,

וואָס דר. פריד האָט צעבראָכן, איז אויך דאָ די עפּענונג. ביי אונז אידן, אין איראָפּע, פלעגט מען ברעכן טעלער אויף תנאים, און דאָ אין אַמעריקע, איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן, אַז מען בלאָזט אָן פּאַפּירענע זעקעלעך און זיי צעברעכן דאָס, אַנשטאָט טעלער. נו, און אַז איך קען נישט בלאָזן קיין פּאַפּיר זעקל, ווייל די לופט גייט מיר דורך דער נאָז, ווען איך וויל בלאָזן, איז דאָס דער איינציקער חסרון, וואָס איז מיר געבליבן פון יענער אָפּעראַציע, וואָס קיינער דערקענט ניט און ווייסט נישט, — נאָר איך ווייס.

אין פּאַסעיק, ניו דזשוירזי, פּאַסעיק סטריט, קאָרנער סעקאָנד סטריט, האָב איך געהאַט אַ קאָסטימער, מיט דעם נאָמען, קאַספּאַר קראָנים, אַ איד אַ ליטוואַק. און מר. קראָנים האָט אַ גוטן ברודער, סעם שער, און דער גוטער ברודער, סעם שער, האָט געהאַט אַ קענדי־סטאָר, נעקסט־דאָר צו קאַספּער קראָנים, און האָט נישט אַזוי גוט אויסגעמאַכט. זאָגט צו אים קראָנים: — „וואָס טויג דיר דער קענדי סטאָר, מאַך דיר אַ קלאָודינג-סטאָר נעבן מיין סטאָר, און איך פאַר־זיכער דיר, אַז איך וועל ניט זיין איפּערזיכטיג.” און סעם שער גיט אויף די קענדי־סטאָר און מאַכט זיך אַ קלאָודינג־סטאָר, און קאַספּאַר קראָנים העלפט אים אַרום מיט איינקויפן די ריכטיגע סחורות, ווי אַן אמת׳ער גוטער ברודער.

אָבער עס האָט ניט געטויגט, זיי זיינען צווישן זיך געוואָרן באַלד ברוגז, אַז סעם שער האָט געמוזט אַוועק מיט זיין סטאָר אויף מעין עוועניו. דער סעם שער האָט ביי מיר געקויפט אַ צאָל אַמברעלערס, דער ביל האָט באַטראָפן 50 דאָלער. עס זיינען אַוועק 30, און ביז 60 טעג, און ער האָט ניט צו באַצאָלן. איך גיב אַ קוק, ער האָט אין סטאָר פּיזעמנע טוליבלעך, מיט פּוירזשען קעלנערלעך. דאָס האָט מען דעמאָלט געטראָגן אין אַמעריקע, אַזוינע פּעלצלעך, און איך האָב נעגאַרט צו האָבן אַזאַ פּעלצעל, נאָר איך האָב זיך ניט פאַרגונען צו קויפן, און דעמאָלט איז שוין געוועזן באַלד נאָך דעם ווינטער סעזאָן. זאָג איך צו אים, אַז איך וועל נעמען אַ טוליבעל פאַר דעם חוב. ער גיט מיר דעם מאַנטעל פאַר 75 דאָלער, און איך שיק ווידער אויפסניי אַרויס סחורה, וואָס באַטרעפט 50 דאָלער, און אַזוי אַרום, איז ער מיר ווידער שולדיק געבליבן 25 דאָלער.

גייענדיק אין גאַס, דערזע איך אַ „הערלאַין" אין די צייטונגען, אַז סעם שער איז פּאַסעיק, האָט מען נעכטן באַערדיגט, און מען האָט אים געמוזט צוריק אַרויסנעמען, ווייל עס איז געווען אַ פאַרדאַכט, אַז מען האָט אים באַערדיקט, ווען ער האָט נאָך געלעבט. איך נעם באַלד די טריין קיין פּאַסעיק און געפין אויס, אַז סעם שער איז גע־גאַנגען אַרויסנעמען אַ צאָן ביי אַ דענטיסט, און איז געשטאָרבן באַלד אויף דער טשער. און אַזוי ווי ביי אידן באַגראָבט מען באַלד, דעם זעלבן טאָג, האָבן אַ סך מענטשן געזאָגט, אַז מען האָט אים באַגראָבן לעבעדיק, האָט מען אים דערפאַר אַרויסגענומען פון גרוב.

נאָך דעם האָב איך שוין די 25 דאָלער ניט געקראָגן, און דער מאַנטל האָט מיך שוין געקאָסט 100 דאָלער, און איך האָב שוין מער ניט געהאַט קיין מציאה. די ביזנעס־לייט פון פּאַסעיק האָבן שוין געזען, אַז ווען מען סעם שער איז שולדיק געווען געלט, אַז מען זאָל ניט קריגן קיין פּעני, און קאַספּאַר קראָנים האָט דאָ ווידער אַרויסגעוויזן זיין געטריישאַפט צו דער אלמנה, אַז מען זאָל קיינעם ניט אָפּצאָלן קיין פּעני פון די חובות, וואָס סעם שער האָט געמאַכט.

גראַדע האָט זיך געמאַכט אַ צווייט מאָל, ווען איך גיי אין סטריט, זע איך ווידער אַ „הערלאַין" אין די צייטונגען, אַז פּעטערסאָן האָט אָפּגעברענט, די גאַנצע שטאָט איז אונטער „מאַרשאַל־לאָו", און סאָל־דאַטן באַוואַכן די גאַסן אין פּעטערסאָן. איך קלער ניט און נעם די טריין קיין פּעטערסאָן, און דערזע, ווי דער ביזנעס סעקשאָן איז אינ־גאַנצן אָפּגעברענט געוואָרן, און עס שטייען סאָלדאַטן מיט ביקסן אויף יעדן שריט. איך גיב אַ קוק, אַז איינער פון די „מאַיער בראָדערס דעפּאַרטמענט סטאָר", אייזיק מאַיער, דער עלצטער פון די מאַיער ברידער, שטייט אויף מאַרקעט סטריט לעבן אַ וואַנט, וואָס איז איבער־געבליבן פון אַ פאַרברענטער געביידע, מיט אַן אַרכיטעקט און מען פּלאַנעוועט שוין צוצובויען דריי ווענט מיט אַ דאַך, כדי צו קענען האָבן אַ פּראָוויזאָרישע סטאָר אויף דערווייל, ביז זייער גרויסע סטאָר וועט קענען געבויט ווערן אויף מעין סטריט.

און מען גיט מיר אַן אָרדער פון מאַיער בראָדערס אַרויסצושיקן אמברעלערס. דער פּראָוויזאָרישער סטאָר איז ניט געווען אויפגעפיקסט

אזוי ווי א ריכטיקער סטאָר, מיט שאָר־קעיסעס און אַנדערע איינריכ־טונגן, עס זיינען בלויז געווען אָנגעלעגט סחורה ווי אין א האָלסעיל־סטאָר. און דער עולם האָט סאַי ווי געקויפט. עס האָט ניט גענומען לאַנג און די שטאָט איז אויפגעבויט געוואָרן שענער און בעסער ווי בעפאָר.

אין 6 אָדער 8 מאָנאַט צייט שפּעטער, איז פּעטערסאָן פאַרטרונקן געוואָרן. דער טייך פון ריווער־סטריט האָט זיך אויפגעהויבן, האָט פאַרטרונקן דעם אונטערשטן טייל פון מעין סטריט. די זייט, וואָס האָט ניט אָפּגעברענט יענעם מאָל, איז דאָס מאָל פאַרטרונקן געוואָרן. אין יענער צייט, איז אין פּעטערסאָן אָנגעגאַנגען א מאָרד פּראָצעס, ראבקע, א זון פון א רייכן סילק־מאַנופעקטשורער, האָט פאַרפירט א מיידל, וואָס האָט געאַרבייט ביי זיי אין דער פעקטאָרי, און דערנאָך זי גענומען פאַר א „ראַיד" אין זיין אָטאָמאָביל, און שפּעטער האָט מען זי געפונען ליגן א טויטע אויפ'ן וועג. אין יענער צייט, האָבן די פרומע געזאָגט, אז צוליב דעם מאָרד איז די שטאָט געשטראָפט גע־וואָרן, וואָס זי איז פאַרברענט און פאַרטרונקן געוואָרן ווי „סדום".

אין דער צייט, ווען מיר האָבן געוואוינט אין ביטש טעראַז, האָט איינמאָל מיין פרוי, מלכה, געקאָכט וואַרעניקעס, און איך האָב געגעסן און בין קראַנק געוואָרן פון די וואַרעניקעס. א שטיקל טייג פון א וואַרעניק האָט זיך צוגעקלעפּט אין מאָגן, און עס האָט ניט געקענט דורכאַרבעטן און פאַרדייעט ווערן. אונזער הויז דאָקטאָר, ווּעידזשער, האָט מיך באַהאַנדלט און דער שמערץ האָט אָנגעהאַלטן דריי טעג. מען האָט מיר געגעבן פאַרשידענע אָפּפירונגען און געמאַכט קליסטירס, און מען האָט שוין געוואָלט נוצן גליצערין, וואָס מען רייסט אויף א סעיף. מיט די אַלע מעדיצינען האָט מען מיר איבערגעפירט דעם בלאָודער און די יורין איז שוין אַליין פון זיך געגאַנגען. פון די אַלע שאַרפע מיטלען האָט אויף דעם דריטן טאָג עפּעס געווירקט, און איך בין געזונט געוואָרן.

און פון דענסטמאָל אָן, אז מיין פרוי פלעגט קאָכן וואַרעניקעס, האָט זי זיי אַלעמאָל צוגעבאַקן, דערמיט זיי זאָלן זיך ניט קענען צוקלעפּן.

מיינע קינדער

איך און מיין פרוי, מלכה, האָבן געהאַט צוזאַמען פיר קינדער, דריי זין און איין טאָכטער. דער עלטסטער זון, מעקס, און דער צווייטער, הערי, און די דריטע, די טאָכטער, נעסיע, און דער אינגסטער זון, מארטי. יעדער איז אויסגעוואַקסן מיט זיינע מעלות. מיין עלטערער זון, מעקס, איז געוועזן א „ראַנער", א לויפער אין דער יאָנג מענס היברו אסאָסיאיישאָן, 92טע סטריט, ניו יאָרק. און דער צווייטער, הערי, א פרייז פייטער, אויך אָנגעפאַנגן אין דער „וואי", און מארטי, דער אינגסטער, איז געווען א בוי-סקאַוט, און האָט זיך אויסגעצייכנט אין כאַפּן פיש, און מיין טאָכטער, נעסיע, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט „עטיקעל קאַלטשור". זי האָט געוואונען א סקאָלערשיפּ, און האָט געענדיגט קאַלעדזש, ווען זי איז 17 יאָר אַלט געווען. זי איז געוואָרן א לערערין אין דער עטיקעל-קולטשור שולע, וואָס האָט געהייסן אויף דעם נאָמען פון וואַלדאָ פרענק'ס פרוי, „וואַלדאָ".

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, איז געווען א מאנגל אין ארבעטער אראָפּצונעמען די פארשידענע „בערים". מיין טאָכטער מיט א גרופּע חבר'טעס, האָבן צוזאַמענגעשטעלט א קאָאָפּע־ראַטיוו, און זיי האָבן געפונען א פארם, וואו עס וואַקסן פארשידענע בערים, און אראַנזשירט מיט דעם פארמער, אז זיי וועלן אראָפּנעמען די בערים. עס איז געווען אראַנזשירט, אז צוויי פון זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט קאָכן און צוגרייטן דאָס עסן, און די איבעריקע האָבן געארבעט אין פעלד, און מיט די הענט אראָפּגעריסן די „בערים".

אויף דעם פארם, איז אַלעמאָל געווען עפּעס אראָפּצונעמען פון די פעלדער. צום ערשטן זיינען פארטיג געוואָרן די סטראָבערים. אז עס האָט זיך געענדיגט דער סעזאָן פון די סטראָבערים, האָבן זיי אָנ־געהויבן אראָפּ צו נעמען די טשערים, און דערנאָך די גוז־בערים (אגרעסן), און שפּעטער די רעז־בערים (מאַלינעס), און דאַן די בלעק־בערים, און אזוי ווייטער, און ווייטער, איבער דעם גאַנצן זומער, ביז סקול האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגן.

איך און מיין פרוי האָבן זי עטליכע מאָל דורך דער צייט, וואָס מיין טאָכטער האָט דאָרט געארבעט, זי באַזוכט, און האָבן זיך ניט

געקענט אָפּוואונדערן, ווי די מיידלעך האָבן געפירט זייער קאָמונע, און ווי די פאַרם איז געווען אַזוי גוט און פּערפעקט איינגעריכטעט.

ביי מיר אין שאַפּ האָט געאַרבעט אַן עלטערע איירישע מיידל, נאָר זי איז געווען אַ בילד שיינהייט, און זי האָט געהאַט אַ געליבטן, אַ פּאָלים סאַרזשענט. ער, דער סאַרזשענט, פלעגט איר קויפן אַ סך פּרעזענטן, און אַז מיין פרוי האָט זיך צערעדט מיט דער איירישער מיידל, האָט זי, די מיידל זיך באַרימט, אַז איר „בוי־פרענד" האָט איר געקויפט אַ גרויסן דיימאָנד רינג, און זי האָט דעם רינג געצייגט מיין פרוי, און מיין פרוי האָט דעם רינג ביי איר אָפּגעקויפט, כאָטש דער רינג האָט געהאַט אַ שפּאַלט, אַז מען האָט דעם שפּאַלט געקענט אָנזען מיט דעם נאַקעטן אויג. מיין פרוי האָט מיר ניט דערציילט וועגן דעם, אַז זי האָט געקויפט אַ רינג. ווען זי דערציילט מיר, און ווען עס זאָל געווען זיין די גרעסטע מציאה, לאָז איך איר ניט קויפן, ווייל איך האָב זיך אין יענער צייט גענויטיגט אין געלט פאַר ביזנעס.

איין מאָל, אין אַ זונטיק, מיר ווילן ערגעץ אויספאָרן, און איך גיב אַ קוק, מיין פרוי טוט אָן אַ גרויסן דיימאָנד רינג. איך ווייס פון גאָר ניט און מיין, אַז עס איז אַ פאַלשער דיימאָנד, וואָס מען קויפט אין 10־סענט סטאָר. זאָג איך צו איר, אַז איך וויל קיינעם ניט אָפּנאַרן מיט אַ פאַלשן דיימאָנד, אַזוי גרויס און אַזוי ברייט, ביז מיין פרוי האָט מיר אויסגעזאָגט דעם אמת, אַז דאָס איז ניט קיין פאַלשער, נאָר אַן אמת'ער דיימאָנד, און מיר שוין דערציילט ביי וועמען זי האָט עס געקויפט די גרויסע מציאה. מיר האָבן שפּע־טער געגעבן דעם דיימאָנד צו אונזערן אַ פריינט, גיטעלמאַן, און ער האָט עס געגעבן צו אַ דיימאָנד שלייפער, און יענער האָט צעשפּאָלטן דעם שטיין און געמאַכט אַ קליין שטיינדל פון אַ האַלבן קעראַט, און דעם גרעסערן, פון איבער אַ קעראַט די גרויס. ביידע שטיינער, ריין ווייס, אָן דעם מינדעסטן פעלער, דעם קלענערן שטיין האָט מיין פרוי גענומען פאַר זיך, און דעם גרעסערן, האָט מען געמאַכט אַ רינג פאַר מיר.

איך האָב דעם שטיין געטראָגן אַ שטיק צייט, אָבער ווען איך פלעג גיין פאַר ביזנעס, פלעג איך אים איבערדרייען אונטער דעם פינגער,

מען זאָל ניט זען, ווייל איך האָב מורא געהאַט פאַר א „האָלדאָפּ". האָב איך דעם רינג צוריק געגעבן צו מיין פרוי, און זי האָט פאַר זיך געמאַכט נאָך א רינג.

מיין לאַנדסמאַנ׳ס יאנקעל זאפראנ׳ס, פאַמיליע איז אָנגעקומען אין עליס־איילאַנד, און מ׳האָט עפּעס געפונען א פעלער אויף זיין קינד, א מיידעלע, און מ׳האָט די גאַנצע פאַמיליע פאַרהאַלטן דערפאַר. קומט ער צו מיר, אַז איך זאָל גיין מיט אים קיין עליס איילאַנד און העלפן אים אַראָפּצונעמען די משפחה. גיי איך מיט אים מיט. איך זע דאָרט זיין פאַמיליע אין א קעמערל, אַרומגערינגלט מיט דראָטן. מיר קענען מיט זיי רעדן. ביי א טיש, וואו איך שטיי, זע איך יעדן מאָל, אַז דער באַאַמטער, דער טאָלמעטשער, אַז ער קומט צו זייער קאַרטל, לייגט ער עס אַוועק און גייט ווייטער. איך שטעל איין און נעם דאָס קאַרטעלע און לייג עס אַוועק פון אויבן, און ווען דער באַאַמטער קומט א קוק טאָן, פלעגט ער עס ווידער אַוועקלייגן.

אַזוי האָב איך דאָס קאַרטל עטליכע מאָל איבערגעלייגט א דריי־פיר מאָל, ביז אַרום 11 אַזייגער אָוונט — און 12 אַזייגער ביינאַכט גייט אָפּ די לעצטע שיף, וועלכע קען אונז ווידער צוריק ברענגען קיין ניו יאָרק. נאָך דעם, ווי איך האָב גערעדט עטליכע מאָל מיט דער זאפראן משפחה, האָב איך אויסגעפונען, אַז די פאַמיליע פירט מיט זיך א חתן פאַר דער עלטסטער מיידל, און ער איז צוזאַמען מיט זיי פאַרהאַלטן. בין איך צוגעגאַנגען צו דעם באַאַמטן און זאָג צו אים:

— „זעסטו, דער בוי איז א פרעמדער צו דער משפחה, און איר דאַרפט אים ניט פאַרהאַלטן צוזאַמען מיט זיי." רופט דער באַאַמטער צו נאָך א באַאַמטן, און זיי באַראַטן זיך — און נאָכדעם גיט ער מיר דעם בוי — און מיר פאַרלאָזן עליס איילאַנד 12 ביינאַכט, ווען עליס איילאַנד פלעגט זיך פאַרמאַכן איבער נאַכט.

שפּעטער מיט עטליכע טעג האָט מען זיי, די משפחה זאפראן, באַפרייט פון עליס איילאַנד, און אין א שטיקל צייט אַרום, האָט דער בחור חתונה געהאַט מיט זאפראנ׳ס טאָכטער, און יעדן מאָל, ווען מיר פלעגן האָבן א פּאַרטי ביי אונזער לאַדזש, האָב איך איינגעלאַדן דאָס פּאָר־פאָלק, און איך האָב זיך מיט אים געשפּאַסט וועגן דעם,

וואָס איך האָב אים איינגעשפּאָרט צו שלאָפן נאָך אַ נאַכט אין עלים איילאַנד.

מיין פרוי מלכּה האָט געהאַט אַן אָנקל, טוביה, אין אַדעס, רוס־לאַנד. דער אָנקל טוביה האָט געהאַט אַ טאָכטער, קיטי, זי איז געווען פאַרהייראַט צו אַ מוזיקער, דעניעל ריבס, און נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה זיינען זיי געקומען קיין אַמעריקע.

מיסטער ריבס האָט געשפּילט אויף אַ באַס, און ער האָט געקראָגן אַ רעקאָמענדאַציע צו שפּילן מיט וואָלטער דעמראָש אין זיין אָר־קעסטער. ווי געוויינליך, האָבן מיר, די פאַמיליע ריבס, מיין פרוי'ס קאָזינע, ארויסגעהאָלפן אין דער ערשטער צייט. דער קאָזין, מר. ריבס, האָט אַ פריינט, אַ מוזיקער, מר. פּאַטשוק, און דער פּאַטשוק קומט אָן מיט זיין פאַמיליע אין עלים איילאַנד, און מען וויל זיי ניט אַראָפּלאָזן. מען האָט פאַרלאַנגט 15 טויזנט דאָלער באָנדס פאַר זיי, כּדי זיי אריינצולאָזן קיין אַמעריקע. קומט דער מר. ריבס צו מיר, און איך גיי צו מיין פריינט, לייבאָוויטש, און מיר ביידע גיבן די 15 טויזנט דאָלער באָנדס, און מען נעמט די פאַמיליע ארונטער.

די פּאַטשוק פאַמיליע האָבן זיך צוביסלעך דאָ איינגעריכטעט און געמאַכט אַ לעבן, און נאָך עטליכע יאָר צייט, האָבן מיר צוריק געקראָגן די באָנדס.

אין די ערשטע צייטן, ווען דזשעיקאָב שיף איז געווען דער גרויסער פינאַנסיר און ער האָט געגעבן גרויסע סומען געלט פאַר די גמילות חסדים, „די היברו פרי לאָאַן אַסאָסיאיישאָן". איך בין געווען אַ מיטגליד פון דער פרי־לאָאַן אָרגאַניזאַציע, און פלעג יעדן יאָר צאָלן מייןביישטייער צו זיי. אָרעמע פאַמיליעס פלעגט די אָרגאַניזאַציע ארויסהעלפן מיט באָרגן זיי קליינע סומען אָן פּראָצענט, נאָר זיי האָבן באַדאַרפט האָבן צוויי גוטזאָגערס. אָבער ניט וועגן דעם גיי איך דאָ שרייבן. מיין שכן, און גוטער פריינט, לייבאָוויטש, האָט געהאַט אַ גוטן פריינט, ראַבינאָוויץ, און דער מיסטער ראַבינאָוויץ איז געווען אַ ריטאַירד־מען, אַ „וועל־טו־דו", ווי מען זאָגט אויף'ן ענגלישן לשון, און ער האָט אַוועק געגעבן זיין גאַנצע צייט פאַר דער אינסטיטוציע. איניקע פון מיינע באַקאַנטע, וועלכע האָבן זיך געוואָלט באָרגן געלט

פון דער גמילת חסדים קאַסע, פלעג איך און ליבאָוויטש אונטער־שרייבן, און דער מר. ראַבינאָוויטש פלעגט געבן דאָס געלט. אַזוי אַרום האָט פאַר די נויט־באַדערפטיגע פריינט מיינע ניט גענומען קיין שום צייט צו וואַרטן ביז זיי האָבן געקראָגן דאָס געבאָרגטע געלט.

שפּעטער מיט יאָרן, האָבן מיר געגרינדעט „אַקציעס". און די אַלע, וועלכע פלעגן שפּאָרן געלט אין דער אַקציע, זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי אירע מיטגלידער און האָבן געקענט אַליין באָרגן געלט, אָדער אונטערשרייבן פאַר אַ צווייטן צו באָרגן געלט. און ביי, אין אונזער סאָסייעטי, האָבן מיר אויך געהאַט געגרינדעט אַזאַ מין אַקציע, און די מיטגלידער פלעגן זיך אַזוי אַרויסהעלפן מיט באָרגן געלט, ווען זיי האָבן זיך גענויטיגט.

איך פּערזענליך, האָב באַלאַנגט צו אַ „לאָון סאָסייעטי", וועלכע האָט געהייסן די „פּאַרעם לאָון אַסאָסיאיישאָן", און אַ סך מיינע פריינט האָבן פון צייט צו צייט געבאָרגט געלט דאָרטן, און ווי געוויינ־ליך, בין איך געווען זייער גוט־זאָגער, זייער אונטערשרייבער.

מיין פרוי'ס אַ קאָזין, לייביש רובינשטיין, איז די ערשטע יאָרן, ווען ער איז געקומען פון איראָפּע, איז ער געווען אַ קאָנטראַקטאָר פון הויז־דרעסעס, און דערנאָך אַ מאַנופעקטשורער פון הויז דרעסעס, און שפּעטער מיט יאָרן, האָט ער אויפגעגעבן די דרעס־ביזנעס און האָט געקויפט אַ גאַראַדזש מיט זיינעם אַן איידעם בשותפות. אַ גאַראַדזש איז אַזאַ ביזנעס, וואו מען שטעלט אָפּ אָטאָמאָבילן, מען מאַכט זיי צורעכט, מען וואַשט זיי, מען פאַרקויפט געזאָלין, און סך־הכל ניט קיין שלעכטע ביזנעס. איידער ער האָט געקויפט די ביזנעס מיט דעם איידעם, האָב איך אים אָפּגעראָטן, אַז ער זאָל ניט קויפן צוזאַמען מיט דעם איידעם. איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז אַ ביזנעס דאַרף מען מאַכן שותפות מיט אַ זון, און ניט מיט קיין איידעם. און דער מר. רובינשטיין איז געווען אַ שוואַכער מענטש, און האָט זיך גענויטיגט עמיצער זאָל אים פיזיש אַרויסהעלפן, האָט ער דערפאַר אַריינגענומען דעם איידעם.

אין אַ קורצער צייט אַרום, וויל דער איידעם אַרויסשטופּן דעם שווער פון די ביזנעס. און דער געשלעג איז אַרויסגעקומען פון דעם, וואָס רובינשטיין האָט געוואָלט געבן זיין זון אַ דזשאַב אין גאַראַדזש,

און דער איידעם איז געווען דאַגעגן. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, נאָך דעם אַרומקריגן זיך, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז רובינשטיין זאָל בלייבן ביי די ביזנעס, און דעם איידעם זאָל ער דערפאַר אַרויסצאָלן, און יענער זאָל פאַרלאָזן די ביזנעס.

רובינשטיין וויל באַרגן 3,000 דאָלער אין „פאַרעם לאָאַן קאָר־פּאָריישאָן", און ווען דער אינוועסטיגייטאָר פון דער לייִ־קאַסע איז געקומען אין גאַראַדזש אויסצוגעפינען — און דער איידעם איז נאָך געווען דאָרטן, האָט ער דעם אינוועסטיגייטאָר געזאָגט, אַז ער זאָל ניט גוט-זאָגן דעם לאָאַן פאַר זיין שווער, ווייל ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז רובינשטיין וועט לאַנג ניט זיין אין ביזנעס, ער וועט אין גיכן קראַפּירן.

רובינשטיין קומט צו מיר, אַז איך זאָל אים אונטערשרייבן, און איך שרייב אונטער, און ער קריגט אַ טשעק פון 3 טויזנט דאָלער. ער פאָרט אַהיים און דעפּאָזיט דעם טשעק אין זיין באַנק, און מאָרגן וועט מען דאַרפן ערלעדיגן דעם סעטלמענט, האָט רובינשטיין געקראָגן אַ האַרץ אַטאַקע, און איז געשטאָרבן. דאַן האָב איך אָפּגעשטעלט דאָס אויסצאָלן פון דעם 3 טויזנט דאָלער טשעק. מיינע קינדער זיינען דאַן געווען דאַגעגן, אַז איך זאָל עס טאָן, און אים אונטערשרייבן דעם 3 טויזנט דאָלער לאָאַן; נאָר ווייל איך האָב אים שוין געהאַט צו־געזאָגט, און אַזוי ווי מיינע קינדער זיינען געווען געגן — האָב איך אויסגעמאַכט טשעקס פון מיין פּערזענליכן אַקאַונט און ניט פון דער פירמע.

אין דער צייט, ווען עס איז געווען ביי מיר אין שאַפּ דער סטרייק, ווען איך האָב אָפּגעקויפט די „סטאַר אַמברעלער קאָמפּאַני", האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז עס וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט, אַז פּונקט אַזוי ווי די אַרבעטער זיינען אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן, אַזוי זאָלן די באַלעבאַטים פון אונזער אינדוסטריע זיין אָר־גאַניזירט אין אַ אַסאָסיאיישאָן. איך האָב גערופן מיטינגען פון אַלע אַמברעלער מאַנופעקטשורערס, און דאָס איז געווען אַרום דעם יאָר פון 1917. די מיטלקלאַס מאַנופעקטשורערס זיינען געקומען, און די גרויסע איז נישט אָנגעשטאַנען צו קומען צו די מיטינגען.

איך האָב געספּענדעט פון מיין אייגענער קאַסע עטליכע הונדער־טער, אָבער עס איז גאָר ניט געוואָרן, ווייל זיי זיינען ניט געקומען. איך האָב פון זיך גענומען אַ שיינע פאָטאָגראַפיע, מיט דעם געדאַנק, אַז טאָמער וועט געגרינדעט ווערן די אַסאָסיאיישאָן, און די צייטונגען וועלן וועגן דעם שרייבן, האָב איך זיך צוגעגרייט אַ „קאָט", מען זאָל קענען זיך באַנוצן מיט מיין בילד, אַז איך בין געווען דער ערשטער ארויסצוברייגגען דעם געדאַנק, אַז די באַלעבאַטים דאַרפן זיין אָרגאַני־זירט. אָבער אַזאַ אַסאָסיאיישאָן איז יאָ געגרינדעט געוואָרן, שוין דעמאָלט ווען די ערשטע מלחמה איז אָנגעגאַנגען, און אַלע האָבן גע־וואָלט ארויסצייגן זייער פּאַטריאָטיזם — האָבן דעמאָלט די גרויסע מאַנופעקטשורערס פון אמברעלערס געגרופן אַ פאַרזאַמלונג און אָר־גאַניזירט די אמברעלער מאַנופעקטורערס אַסאָסיאיישאָן.

און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איך האָב אריינגע־נומען מיינע דריי זין פאַר פּאַרטנערס אין מיינע ביזנעס, און אַזוי ווי מיין עלטערער זון, מעקס, איז געווען כמעט אַ געענדיקטער לאָיער, איז ער געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דער אַסאָסיאיישאָן. צווישן די אָמברעלער מאַנופעקטשורערס איז געווען אַן אַמעריקאַנער איד, גע־בוירן פון דייטשע עלטערן, און אויך גאָר אַ פיינער מענטש, און ער איז געוואָרן מיט מיין זון, מעקס, גאָר באַפריינדעט. און אַזוי ווי דער אַלפרעד באַמבערגער איז געווען טעטיק אין דער „פעדעריישאָן אָף דזשואיש טשאַריטיס", האָט ער איבערגעגעבן מיין זון, מעקס, די אַרבעט צוזאַמען נעמען די דאָניישאָנס פון אַלע אָמברעלער באַלע־באַטים, פאַר דער פעדעריישאָן. אין 1926 האָט מען געמאַכט אַ טעסטימאָניעל־דינער פאַר מיין עלטערן זון, מעקס, אָפּצוגעבן אים כבוד און אָנערקענונג פאַר זיין אַרבעט לטובת דער פעדעריישאָן.

מיינער אַ ווייטער קאָזין פון מיין מוטער'ס צד, גדליה יאַמפּאָלסקער און דער זון פון מיין קאָזינע, פייגע, אייב קעימען, האָבן געמאַכט פּאַרטנערשיפּ אין אַ ביזנעס. אייב קעימען האָט זיך אריינגעלאָזט צו פאַבריצירן כעמישע שטאָפן, — טינט, פאַרשידענע קלעב־שטאָף און קרעאַן, און נאָך פאַרשידענע זאַכן, וואָס מען באַנוצט פאַר סטיי־שינערי. אַזוי לאַנג ווי דער גדליה האָט געהאַט זיין משפחה אין

אייראָפּע און האָט ניט באַדאַרפט קיין סך צו פּאַרלעבן, איז די ביזנעס געווען גוט און עס האָט געטראָגן, אָבער אַזוי שנעל ווי גדליה האָט אַריבער געבראַכט זיין משפּחה, און האָט באַדאַרפט מער אויף צום לעבן, האָט עס נישט געטראָגן, און ביידע שותּפים האָבן זיך געמוזט צוטיילן. און אַזוי ווי אייב איז געווען דער בעמיקער, האָט ער גע־מוזט בלייבן ביי די ביזנעס און געדאַרפט אַרויסצאָלן גדליה׳ן זיין חלק. קיין געלט האָט ער נישט געהאַט, האָט ער געמוזט אים אַרויס־צאָלן אין קליינע „נאָוטס״. וואָס קען גדליה טאָן מיט די קליינע נאָוטס? קומען ביידע פּאַרטנערס צו מיר. איך נעם די קליינע נאָוטס און גיב גדליה׳ן „קעש״ פאַר די קליינע נאָוטס, און עס האָט גענומען אַ שטיקל צייט און אייב האָט באַצאָלט די נאָוטס. גדליה איז מיט אַ צייט שפּעטער אַוועק אין דרעס־ביזנעס, און האָט באַגליקט, און אייב איז געבליבן ביי זיינע ביזנעס, און געזוכט און געגישטערט. און ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט ער, אייב קעימען, ערפונדן אַזאַ שטאָף געגן געז־אַטאַקעס, און די רעגירונג האָט אים געגעבן אַ סך געלט פאַראויס צו פאַבריצירן דעם שטאָף, און פייגע, מיין קאָזינע, האָט נאָך דערלעבט צו זיין ביי איר אייניקעל׳ס בר־מצוה, וואו דער שאַמפּיין האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

אייב קעימען האָט שוין אַן אָפיס פון זעקס צימערן אין דער וואָלוואָרט געביידע, און געהאַט אַ ריזיק גרויסן פּלענט אין אָהייאָ סטייט, וואו די טריין טרעקס זיינען אַריינגעגאַנגען ביז צו דער פעקטאָרי.

ווען אייב האָט זיך געפונען אַ מיידל, וועלכע איז דערנאָך געוואָרן זיין פרוי — און די פרוי האָט געהאַט אַ פאָטער, אַן אַלמן, האָט ער חתונה געהאַט מיט אייב׳ס מוטער, פייגע. און ווען אייב האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, און מען האָט געפּראַוועט פּונקט אַזוי רייך און מיט גלאַנץ ווי ביי זיין זונ׳ס בר־מצוה, האָט שוין דעמאָלט זיין מוטער פייגע ניט געלעבט, נאָר זיין שווער, וועלכער איז שוין אויך אַוועק.

צוריק מיט פיר יאָר, ווען מיין לאַדזש האָט פאַר מיר געמאַכט אַ 75־יאָריקן יום־טוב, צו מיין געבורטסטאָג, האָט אייב קעימען מיר צוגעשיקט אַ בריוו, ווייל ער איז געווען פאַרנומען און ניט געקענט קומען, וואו ער דערמאָנט אין דעם בריוו, אַז איך האָב פאַר אים,

פונקט ווי פאַר אַנדערע מענטשן געטאָן, און זיי געהאָלפן זיך שטעלן אויף די פיס, ווען זיי האָבן זיך גענויטיגט.

צוריק מיט צוויי יאָר, האָט גדליה געפּראַוועט זיין גאָלדענע חתונה פון 50 יאָר צוזאַמענלעבן מיט זיין פרוי. אויף די פייערונג איז פאַרגעקומען אין שענסטן פּלאַץ אין ברוקלין, וואו עס זיינען געווען אריבער 250 קאַפּעלס — און זיינע קינדער האָבן געגעבן אַ מתנה פאַר ישראל, 5 טויזנט דאָלער, פאַר אַ קינדער־קעמפּ, צו דער גע־לעגנהייט פון זייער פאָטער'ס יובילייאום.

איך וויל דאָ ווידער דערמאָנען, אַז צו מיין באַנקעט, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן פון מיין לאָדזש צו מיינע 75 יאָר, זיינען געווען די אַנדערע קינדער פון מיין קאַזינע, פייגע, די צוויי עלטערע זין, שמואל און מעקס.

איך ענדער דעם נאָמען פון מיין ביזנעס

אזוי ווי מיינע קינדער זיינען צוריק געקומען פון דער מלחמה, און איך האָב זיי, דריי, אריינגענומען אין מיינע ביזנעס, האָב איך גע־ענדערט דעם נאָמען פון מיין ביזנעס, וואָס האָט זיך געהאַט גערופן „סאָלאָמאָן אָרנסטיין", אויף „סאָלאָמאָן אָרנסטיין ענד סאָנס".

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, און ווען מיינע קינדער זיינען אַוועק אין דער אַרמיי, האָב איך צוגעמאַכט דעם גאַנצן שאַפּ און גאָר ניט געאַרבעט, און ווען זיי זיינען צוריק געקומען, האָב איך צונויפ־געקליבן אַלערליי שטיקלעך, איבערבלייבצן, און צונויפגעשטעלט און אַסאָרטעט, און מיין זון, מעקס, האָט ארויסגעשריבן בריוו צו מיינע געוועזענע קאַסטימערס און פּרובירט קריגן אָרדערס דורך פּאָסט. און איך מיט מיין אינגערן זון, מאַרטי, זיינען געגאַנגען זוכן ביזנעס ארום ניו יאָרקער געגנט, און מיין זון, הערי, האָט זיך באַשעפטיגט אינעווייניג אין שאַפּ און אכטונג געגעבן אויף דער פּראָדוקציע. צו־ביסלעך האָט די ביזנעס אָנגעהויבן צו גיין אויף אַן אַנדער אופן. די שלעכטע קאַסטימערס האָבן מיר אויסגעשניטן. און מיין זון, מעקס, האָט זיך באַוויזן צו זיין אַ גוטער „קרעדיט-מען". ביז איך ביו אליין

געוועזן אין די ביזנעס, האָב איך קיין מאָל ניט געצוויגן אָפּיציעל קיין „פּעי״, נאָר איך פלעג נעמען וויפיל איך האָב באַדאַרפט, און ווען איך האָב באַדאַרפט. נאָר, אַז מען איז שוין מיט נאָך דריי פּאַרטנערס, האָט מען אָפּגעמאַכט, אַז פאַר אַלע פיר צוזאַמען זאָלן מיר אַרויסנעמען הונדערט דאָלער פּעי. פאַר מיר, 50, און פאַר מעקס׳ן און הערי — צו 20, און פאַר דעם אינגסטן, מאַרטי — 10 דאָלער אַ וואָך.

איך בין דעמאָלט אַלט געוועזן אַן ערך 50 יאָר, און וואו איך בין געגאַנגען, ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט ביזנעסלייט, אין פלעצער וואו איך פלעג קויפן רויע וואַרע, האָב איך דערציילט, אַז איך האָב מיין אייגענעם שאַפּ, וואו עס קאָסט מיך ניט קיין רענט, און מיט מיר אַרבייטן מיט מיינע דריי זין, און דערפאַר וועט עס זיין אַן רעפּאָלג. איך האָב עס אַלעמען דערציילט, ווייל איך בין געוועזן זייער אויפגעלעגט און האָב געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן זיך טיילן מיט מיר מיט מיין פרייד.

און עס האָט ניט גענומען לאַנג, און מיר האָבן איינגעלאַדן די עלטערן פון מיין מעקס׳עס מיידל פאַר דינער, זייער פיינע מחותנים, און זייער טאָכטער, אַ בילד שיינע, רויטע מיידל — איר מיידלשער נאָמען איז געווען, אַקסעלראַד.

און וואָס קען מען טאָן, אַז עס איז אַ שלעכטע וועלט? גלייך נאָכדעם, ווי מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, איז מיין מחותן, אַ קראַנקער מענטש, נאָך מער קראַנק געוואָרן, און האָט ניט דערלעבט די חתונה. עס איז געווען אַ שטיקל צייט נאָך דעם טויט פון מחותן, האָט מען זיך אַביסל באַרואיקט, און געמאַכט די חתונה אויף אַ שטילן אופן, אין אַ שוהל, און ביידע קינדער זיינען אַוועק געפאָרן אויף זייער האָנימון.

מיר האָבן געדונגען אַן אַפּאַרטמענט פאַר דעם פּאָר־פּאָלק אויף טעלער עווענױ, טראָץ דעם, וואָס עס איז דעמאָלט געווען אַ מאַנגל אין דירות. מיר האָבן געקויפט אַ „דאַינינג־רום סעט״ פאַר 600 דאָלער, אָבער מען האָט אים ניט דעליווערט. דעמאָלט איז אויך געווען אַ מאַנגל אין מעבל, און עס זעט אויס, אַז עמיצער אַנדערש האָט דעם ביזנעסמאַן געגעבן מער געלט וויפיל מיר, האָט ער עס זיי דעליווערט דעם „סעט״, און ניט צו מיינע קינדער, און מיר האָבן

געהאַט יסורים דערפון. זיינען מיר געגאַנגען אין אַן אַנדער מעבל סטאָר און באַצאָלט 200 דאָלער מערער, און געקראָגן אַן אַנדער סעט און יעדערער איז געווען צופרידן.

מיין קאָזין, יעקב הערשקאָוויטש, וואָס איך האָב געהאַט צו אים דעם אַדרעס פון 52 עלען סטריט, ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, און ער איז געווען דעמאָלט אין די אַמברעלער ביזנעס, האָט מיט דער צייט זיך געביטן דעם נאָמען אויף אָוערבאַך. געווען איז עס דערפאַר, ווייל, ווען ער האָט באַדאַרפט גיין צו מיליטער אין רוסלאַנד, האָט ער זיך געקויפט אַ פאַלשן פּאַס, אַז ער איז געבוירן אין רומעניען, און הייסט, הערשקאָוויטץ, און אויף זיין אמת׳ן נאָמען האָט ער טאַקע געהייסן, אָוערבאַך, איז נאָך זיין אַ צייט דאָ אין לאַנד, האָט ער זיך צוריק גענומען זיין אמת׳ן נאָמען — אָוערבאַך.

אַזוי ווי ער האָט ניט גוט געפילט, האָבן דאָקטוירים אים געהייסן אַריבער ציען זיך קיין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, אין דער סאַוט. ווען מיין פּלימעניק, מאָרים, איז געווען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, איז ער געשטאַנען נעבן אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, און ווען ער פלעגט זיין פריי, האָט ער געהאַט צו וועמען אַריינצוגיין.

די אָוערבאַך׳ס האָבן געהאַט אַ זון, אברהם, און זיי האָבן אים אויפגעבראַכט אַזוי ווי אין אייראָפּעאישע לענדער. זיי האָבן אים געלערנט גמרא און אַנדערע למודים, און זיי האָבן גערעכנט אויסצו־כאַפּן פאַר זייער זון, עפּעס ווער ווייסט וועמען. אָבער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָבן זיי הפנים געביטן זייער באַשלוס.

ביי די אָוערבאַכס האָט געוואוינט דער מרס. אָוערבאַך אַ שוועסטער׳ס אַ מיידל, וועלכע איז געווען ביי זיי אין הויז — אַ גע־קומענע פון אייראָפּע. האָבן זיי געכאַפּט און חתונה געמאַכט זייער זון מיט דער פּלימעניצע, ער זאָל ניט דאַרפן גלייך גיין אין דער אַרמיי.

אין אַ שבת אָדער אין אַ יום־טוב, אַז מיין מאָרים פלעגט אַריינ־קומען צו די אָוערבאַך פאַמיליע, האָבן זיי אים מיטגענומען דאַווענען אין שול, און ער פלעגט אַזוי אַרום אַריינכאַפּן אַן עליה, און אַמאָל מכבד זיין מיט מפטיר. און ווען ער האָט געזאָגט דאָס אַלץ ווי עס

געהער צו זיין מיט'ן טראַפּ, האָבן זיי, די פאַמיליע אָוערבאַך, זיך געפּרעגלט פון נחת. דער אינגערער, אברהם אָוערבאַך און מאָריס אָרנשטיין זיינען פאַרבליבן גוטע פריינט ביז היינטיקן טאָג.

מיר קויפן אַ זומער היים

איינמאָל, איך צורעד זיך מיט מיין טאָכטער, נעסי, און דערצייל איר וואו איך האָב געאַרבעט גרינערהייט, און זי נעמט די מאַפּע אין האַנט און אַ קוק געטאָן, זאָגט זי צו מיר און מיין פרוי, אַז יענע איז אַ וואונדערבאַרער געגנט. אַזוי ווי עס איז דעמאָלט געווען אין מאָנאַט יולי, אין צייט צו האָבן וואַקאַציע, האָט זי אונז צוגערעדט מיר זאָלן אַריבער פאָרן דאָרט פאַר אַ וואָך.

איך שרייב אַ בריוו צו לואי ראַנעס, מיט וועמען איך האָב צו־זאַמען געאַרבעט ביי מר. ברעמען, ווען איך בין דאָס ערשטע יאָר געקומען קיין אַמעריקע, צי ער האָט פּלאַץ פאַר אונז דריי ? עס קומט באַלד אַן ענטפער פון לואי ראַנעס, אַז ער האָט פּלאַץ פאַר אונז. מיר פּאַקן זיך און נעמען די „אירע ריילראָוד טריין" קיין לאָנג־עדי, ניו יאָרק סטייט. מיר גיבן אַריין אונזער געפּעק אויף דער טריין און געטשעקט. אָבער ווען מיר זיינען אָנגעקומען אַהין, פאַר דעם גע־ווענליכן סטיישאָן, נעבן דער „קעלעמס בריק", זאָג איך דעם קאָנ־דוקטאָר, ער זאָל אָפּשטעלן די טריין, ווייל פון דאָרטן איז געווען נענטער צו לואי ראַנעס, און דער קאָנדוקטאָר האָט אָפּגעשטעלט די טריין פאַר אונז, אָבער אונזער געפּעק איז אַוועק ווייטער קיין לאָנג־עדי.

צו מיין ערשטוינען, ווען איך האָב צוריק מיט 27 יאָר פאַרלאָזט דעם אָרט און אַריבער געגאַנגען דעם בריק, איז געשטאַנען אַ מענטש, מיט איין פוס, אָן אַלטער, אַ גראָער, מיט אַ באָרד, וועלכער פלעגט צוזאַמען נעמען די צוויי פּענים פאַר אַריבערגיין די בריק — און היינט אויך, שטייט אַ מענטש אָן אַ פוס און טוט די זעלבע אַרבעט, נאָר ער איז אַ יונגער, שוין אָן אַ באָרד. ווען מיר פרעגן אים, ווי צו פאָרן צו ל. ראַנעס, זאָגט ער, אָן דעם פוס, אַז ער וועט טעלעפאָנירן, און יענער וועט באַלד קומען.

און אזוי איז עס טאַקע געווען — עס איז ניט אוועק קיין מינוט, און עס קומט אָן לואי ראַנעס, וועלכן איך האָב ניט געזען פאַר 27 יאָר — און ער קומט שוין מיט זיין אָטאָמאָביל און נעמט אונז צו זיך און גיט אונז איבער צווי רומס, און פרייט זיך מיט אונז. איך האָב דאָ אָנגעטראָפן גאָר אַן אנדער וועלט, ניט ווי מיט 27 יאָר צוריק, — מיט טעלעפאָנען, מיט אָטאָמאָבילס, נאָר די געגנט איז געווען אזוי ווילד, ניט באַוואוינט ווי מיט 27 יאָר צוריק.

דעם צווייטן טאָג האָבן די פאַרמערס פון דער געגנט געהאַט א גאָטעסדינסט, אין זייער נייעם טשאַפּעל, און מיר גייען אַלע אהין, און איך טרעף אַלע, וועלכע איך האָב געקענט פון ברעמען, ווען איך האָב דאָ געאַרבעט, און זיי אַלע פרייען זיך מיט אונז, און א סך פאַרבעטן אונז פאַר דינער, און מיר גייען אַלע דריי צו דער פאַמיליע בלום, א פלאַט דייטשע פאַמיליע, פאַר דינער. איינער פון דער פאַמיליע בלום ציינט אונז, ווי ער האָט איינגעפיקסט צו מעלקן זיינע קיה דורך א „וועקיום", און ניט מיט דער האַנט. איינער פון די אַרבעטער, וועלכער האָט מיט מיר געאַרבעט מיט 27 יאָר צוריק, ביי מר. ברעמען אַלס פאַלישער, הערי קאַל, האָט זיך געפילט ניט גוט, ווייל ער האָט אונז ניט געקענט איינלאַדן צו זיך אין הויז אריין, ווייל ער האָט ניט געוואוינט מיט זיין פרוי. זאָגט צו אים מיין פרוי, מלכה, אַז זי וועט ביי אים אין הויז מאַכן דינער פאַר אַלעמען, און פאַר אים אויך.

און מיר זיינען געגאַנגען צו אים אין הויז אריין. ער האָט געבראַכט וואַסער פון א ברונען, און האָט אָנגעריסן גרינצייגן פון גאָרטן, און מיין פרוי האָט אָפּגעקאָכט, און מיר האָבן אַלע הנאה געהאַט פון דעם עסן.

אין דעם יוניאָן-לעיק (טייך), וואו איך און מיין ווייב האָבן נאָך אונזער חתונה געכאַפּט 14 פונט פיש, איז ארום דעם לעיק איצט דאָ א אידישער קינדער-קעמפּ. דער קעמפּ פון אינגלעך, הייסט: „קעמפּ איקאָנאַק", און דער מיידלעך-קעמפּ, הייסט: „קעמפּ בלו-ריטש", און צו דעם האָבן זיי נאָך א גרויסן האָטעל פאַר געסט. די באַלע-באַטים, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דעם קעמפּ, האָבן געהייסן, ביק, און אַנדערע פּאַרטנערס, וועלכע זיינען ביי פּראָפעסיע שול לערער.

האָט פּאַסירט, אַז גראָדע יענע וואָך, האָבן זיי געמאַכט אַ מאַס־קאַראַד באַל, בין איך מיט מיין טאָכטער און מיין פרוי געגאַנגען צו דעם מאַסקן־באַל, און מיר האָבן געהאַט אַ „גוט־טאַים".

גראָד האָט אויך געטראָפן, אַז די פאַרמערס ארום האָבן געהאַט אַ „פּיקניק". אַ פּיקניק איז טאַקע ביי זיי אַ פּיקניק, און מען עסט און טרינקט פון כל־טוב. די עסנס זיינען ווי פון אַ בעסטן רעסטאָראַן, נאָר דאָ איז אַלץ אַראַנזשירט אין דרויסן, אויפ'ן פעלד, אויף דער פרייער לופט. איז איינגעפאַלן מיין פרוי צו מאַכן אַ פּלאָדן מיט ניס און אַנדערע גוטע זאַכן, און ברענגען עס אַ מתנה, ווי אַנדערע, וועלכע האָבן געבראַכט מתנות צו דער פייערונג. אַזוי ווי צו דעם פּיקניק זיינען אויך געקומען אידישע פרויען, געסט, וועלכע זיינען איינגע־שטאַנען דאָ אין האָטעל, האָבן זיי באַלד פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ פּלאָדן האָט געמוזט ברענגען נאָר אַ אידישע פאַמיליע. האָבן זיי זיך נאָכגע־פרעגט אויף אונז, און מיר האָבן זיך מיט זיי באַקענט, און זיי האָבן אונז איינגעלאַדן צו זיך אין האָטעל אריין, וואו זיי זיינען איינגע־שטאַנען. מיר האָבן זיך מיט זיי, דורך די צוויי וואָכן צייט, וואָס מיר זיינען דאָרט געשטאַנען, גוט פאַרבראַכט.

אין איין שיינעם, העלן טאָג, זאָגט צו מיר מיין פריינט, לואי ראָנעס, אַז אַזוי ווי ער איז אַ „שער־האָלדער" פון דער טעלעפאָן קאָמפּאַני, און די שער־האָלדערס האָבן אַ מיטינג אין איקאָנאַק, און ער פאָרט מיט זיין אָטאָמאָביל צו דעם מיטינג, און אויב מיר ווילן, קענען מיר מיט אים מיטפאָרן. מיר פאָרן מיט, און אויפ'ן בערגל אין איקאָנאַק איז געווען אַ „דזשענעראַל סטאָר", האָט ער אָפּגע־שטעלט זיין מאַשין ביי דער דזשענעראַל סטאָר. אונז האָט ער איבער־געלאָזט וואַרטן ביים סטאָר, און ער איז אַראָפּגעגאַנגען מיט'ן בערגל, וואו עס איז געווען אַ גרויסער, פון ציגל געבויטער האָטעל, און דאָרט איז אָנגעגאַנגען דער מיטינג פון די שער־האָלדערס.

איך גיי זיך אַזוי אַראָפּ דאָס בערגל, און דערזע אַ שיין געמויערטן האָטעל. איך גיי אַהין אריין אַ קוק טאָן, און דערזע אַ הויז מיט גוטע איינריכטונגען און פאַרליב זיך אין דעם האָטעל.

ראָנעס איז געקומען צוריק פון דעם מיטינג, און מיר זיינען זיך

איך און מיין פרוי מלכה, אין יאָר 1936

צוריק געפאָרן מיט אים אהיים, קיין ברעמען, און נאָך אפּשטיין די פּאָר טעג, זיינען מיר דריי אהיים געפאָרן קיין ניו יאָרק.

אין ניו יאָרק האָבן מיר אַלע דריי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אונ־זער גוטן וואַקעישאָן, און איך אַליין קען דעם האָטעל אין איקאָנאַק, וועלכער איז מיר געפעלן, ניט פאַרגעסן. וואו איך גיי, רעד איך נאָר פון דעם האָטעל.

יעדן ראש השנה, פלעגט מיין פרוי אוועקפאָרן ערגעץ, און דאָס מאָל איז זי געפאָרן צו איר קאָזין, לואי ווינער, א האָטעליר אין ליווינגסטן־מענאָר. פאָר איך מיט מיט איר צו דעם קאָזין ווינער, און דערציי'ל אים וועגן דעם האָטעל, וואָס איך האָב געזען אין איקאָנאַק. מיר נעמען אַן אָטאָמאָביל און איך מיט מר. ווינער פאָרן צו קיין איקאָנאַק. מען קוקט דורך דאָס הויז.

ווען איך בין צוריק געקומען קיין ניו יאָרק פון ראש השנה, האָב איך געשריבן צו לואי ראָנעס, צי דער האָטעל איז צום פאַרקויפן, און ער האָט מיר גלייך געענטפערט, אַז יאָ. און אַ טאָג פאַר יום־כיפור, נעם איך מיין שוועסטער'ס זון, הערי גערשפילד, און מיר פאָרן קיין איקאָנאַק, און מיר פאַרפאָרן צו לואי ראָנעס, און מיר רופן אויפ'ן טעלעפאָן דעם באַלעבאָס פון דעם האָטעל, מר. בלעק, און מאַכן מיט אים אַן „אַפּוינטמענט". און אינדערפרי זיינען, איך און מיין פלימעניק און לואי ראָנעס, צוגעפאָרן צום האָטעל.

אָבער ווען מען האָט אונז געוואָלט מכבד זיין מיט ביר, און דאָס איז געווען אין דער „פּראָהיבישאָן" צייט, ווען מען האָט ניט געטאָרט פּראָדוצירן קיין עכטן שטאַרקן ביר, נאָר עפּעס אַן ערזאַץ, און ווען לואי ראָנעס האָט ניט געוואָלט טרינקען דאָס ביר, ווייל ער איז געווען א פרומער גוי — און אנהענגער פון זיין טשוירטש, האָט ער ניט געוואָלט טרינקען קיין שטאַרקע געטראַנקן, האָב איך אים געטרייסט און אים דערציילט דאַרויף אַ אידיש מעשה'לע וועגן אַ „פּדיון־הבן", פאַר אַן ערטשלינג, — ווען איינער פון די געסט האָט דערקענט דעם כוהן און אויסגערופן, אַז דער כוהן איז ניט קיין כוהן, און ווען יענער רופט דעם כוהן אוועק אויף דער זייט און פרעגט אים: — „סעי, דו ביסטאָך ניט קיין כוהן!" ענטפערט אים דער כוהן, אַז „אַזוי ווי

איך בין טאַקע ניט קיין כוהן, — אַזוי איז דער ערשטלינג ניט קיין בכור.״ און אַזוי האָב איך לויט ראַנעס'ן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזוי ווי יענער איז ניט געווען קיין כוהן, — אַזוי איז דאָס ביר, קיין ביר ניט. און ער האָט מיך געפאָלגט, און דער פרומער גוי האָט פאַרשטאַנען מיין אידישע מעשה און געטרונקען דאָס ביר.

שפּעטער זיינען מיר דריי צוגעפאָרן קיין הענקאָק, ניו יאָרק, צו אַ לאָיער און איך האָב געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט מר. בלעק, אַז איך קויף דעם האָטעל. איך האָב מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז איך קויף ביי אים דעם האָטעל פאַר 14 טויזנט דאָלער, און האָב אים געגעבן 500 דאָלער אַן אַדרויף. מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז איך זאָל אים געבן 7,000 דאָלער קעש און די אַנדערע זיבן טויזנט אויף 14 יאָר, 500 דאָלער יעדן יאָר אויסצוצאָלן, מיט 6 פּראָצענט פאַר דעם קרן.

כדי זיך צו באַוואָרענען, טאָמער וועט מיינע קינדער ניט געפעלן דער האָטעל, קויף איך דעם האָטעל אויף מיין פלימעניק'ס נאָמען, הערי גערשפּילד. עס איז געווען אין אַ שבת, און מיין פרוי, מלכה, איז נאָך דעמאָלט געווען ביי ווינער'ן אין „ייאַיט לעיק ראָוז האָטעל״. איך און דער בוי, הערי, פאָרן צו מיין פרוי אין האָטעל אַריין מיט דעם קאָנטראַקט אין מיין קעשענע, און דאָרט געשטאַנען איבער זונטיק.

נאָך דעם וויק־ענד, בין איך אַליין אַריבערגעפאָרן קיין בינגאַמ־טאָן און סקרענטאָן, פּענסילוועניא, פאַר ביזנעס, און דערווייל איז אונטערגעקומען יום־כיפור. און אַזוי ווי איך בין שוין געווען אין דער געגנט, נאָענט פון איקאַנאַק, בין איך ווידער צוגעפאָרן קיין איקאַנאַק, און פון דאָרטן ווידער אין דעם האָטעל, צו מיין פרוי און געשטאַנען דאָרט איבער יום־כיפור.

נאָך יום־כיפור, ווען איך מיט מיין פרוי זיינען אַהיים געקומען, און די קינדער מיינע זיינען געווען צופרידן, וואָס איך האָב געקויפט דעם האָטעל, און זיי זיינען געווען נייגעריק שוין צו זען, אויף וואָס איך האָב איינגעשטעלט און געגעבן אַן אַדרויף 5 הונדערט דאָלער, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז די גאַנצע משפּחה, איך און מיין פרוי, און מיין עלצטער זון, מעקס, מיט זיין פרוי, מיני, און מיין זון, הערי און מאַרטי, זאָלן אַרויספאָרן זען דעם האָטעל.

מיר קומען אָן קיין איקאָנאָק ביי 8 אַזייגער פרייטיק פאַרנאַכט, און מיר פאַרפאָרן צו דעם האָטעל, און זיי האָבן אונז געגעבן צימערן צום שלאָפן איבער דער נאַכט, און אינדערפרי, ווען עס איז געוואָרן ליכטיג — די קינדער גיבן אַ קוק אין דרויסן אַרויס און דערזעען דעם דעלאַווער ריווער און די געגנט, איז אַ געוואַלדיק נאַטור רייכע און שיינע. מיינע קינדער ווערן באַגייסטערט פון מיין איינקויף, און עס געפעלט זיי אויך דעם בעסטן אופן.

מיר עסן אָפּ ברעקפעסט און דערנאָך לאָנטש, און מיר נעמען אַן אָטאָמאָביל און מיר פאָרן צו קיין קאַלאַקון, אַן עקספּרעס סטיישאָן, און מיר נעמען פון דאָרט די טרעין צוריק קיין ניו יאָרק.

מיר גרייטן זיך צו איבערנעמען דאָס האָטעל. אַזוי ווי דער קאָנטראַקט איז געווען אויף מיין פלימעניק׳ס נאָמען, הערי גערשפילד, האָט מען געמוזט איבערשרייבן דעם קאָנטראַקט אויף אונזער נאָמען, און דערצו מוז הערי גערשפילד מיטפאָרן, ווען מען דאַרף איבערנעמען דעם האָטעל. מיר האָבן געגעבן הערי׳ן 100 דאָלער פאַר זיין פאַר־לוירענער צייט. איך און מיין זון הערי און הערי גערשפילד פאָרן צו קיין איקאָנאָק און מיר אַלע, און ווילי בלאָק, דער באַלעבאָס פון האָטעל און זיינער אַ ברודער, פאָרן צוזאַמען קיין הינסדעיל, פענסיל־וועניא, און אויך לואי ראָנעס איז אויך מיטגעפאָרן מיט אונז איבער־צונעמען אָפיציעל דאָס הויז דורכ׳ן געריכט.

מר. בלאָק׳ס לאָיער און מיין לאָיער און איך, מיין זון הערי, האָבן געמאַכט דעם קאָנטראַקט, און איך מיט מיין זון ווערן אָפיציעל די באַלעבאַטים פון האָטעל.

אין הינסדעיל איז געווען אַ טעגליכע צייטונג מיט דעם נאָמען, „ווערן קאָונטי נוספּייפּער”, און זיי האָבן אַרויסגעשיקט צו אונז, ווען מיר האָבן געשלאָסן דעם קאָנטראַקט פון האָטעל, זייערן אַ רעפּאָר־טער, און איך האָב אים איבערגעגעבן די גאַנצע „סטאָרי” ווי אַזוי איך קום צו קויפן דעם האָטעל. איך האָב אים דערציילט: איך בין אָנגעקומען מיט 27 יאָר צוריק קיין ברעמען און געאַרבעט ביי מר. ברעמען אין דעם וואוד טוירניק שאָפּ 3 יאָר און ווי אַזוי איך האָב דאָרט חתונה געהאַט און געוואוינט מיט מיין פרוי דאָרט, אַ קאָרג

יאָר, און האָב אים דערציילט, ווי מיין עלצטער זון, מעקס, האָט באַדאַרפט געבוירן ווערן, און איך האָב זיך געזאָרגט, אַז דאָרט וועל איך אים ניט קענען אידישן, מל זיין, האָב איך דערפאַר אויפגעגעבן דעם דזשאַב און געפאָרן צוריק קיין ניו יאָרק. אין ניו יאָרק, נאָך אַ שטיקל צייט בין איך אַריין אין די אמברעלער ביזנעס און איצט, נאָך 27 יאָר האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו פאָרן פאַר וואַקעישאָן קיין ברעמען און איך האָב דערזען דעם האָטעל און אים געקויפט.

שפּעטער איז מיין סטאָרי געווען געפּיטשערט אין דער ציטונג, און די נייעס האָט זיך צעטראָגן איבער דער גאַנצער געגנד, ווי אַ וואַלד פייער. און די אַלע איינוואוינער אין דערפל, וועלכע זיינען אין מיין צייט, געווען אין די יאָרן ווי איך, אין די צוואַנציגער יאָרן, מיט וועמען איך האָב זיך גע'חבר'ט און זיי זיינען געווען צופרידן מיט מיר זיך צו חבר'ן. זיי פלעגן מיר זאָגן, אַז יעדער איד, איז אַ פּעדלער, און דאָ זעען זיי גאָר אַ איד, אַן אַרבעטער, און זיי האָבן אַרויסגעוויזן גרויס פריינדשאַפט צו מיר. אָט די אַלע זיינען שוין איצט געווען פאַרהייראַטע מיט פאַמיליעס און זיינען געווען זייער צופרידן צו הערן, אַז איך האָב זיך אומגעקערט אין דער געגנט. זיי האָבן מיך געדענקט ביי מיין נאָמען, סאַלאָמאָן — און אַזוי איז אַרומגעגאַנגען די נייעס: אַז דער אידישער יונגערמאַן, סאַלאָמאָן האָט געקויפט דעם האָטעל, און זיי האָבן אויך איצט אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט ווי צו אַן אייגענעם מענטשן.

דורך דער צייט, ווען מיר זיינען געווען פאַרנומען מיט איבערשרייבן דעם האָטעל, איז מיין פרוי מלכה אָנגעקומען קיין איקאָנאָק און געהאַט שוין איבערגענומען דעם האָטעל און צוגעגרייט אַ נאַכטמאָל פאַר אונז. זי איז געקומען צופאָרן אַהין ווי אַ רייכע לידי און געטראָגן אַן אַלאַסקאַ סיל מאַנטל, וואָס האָט געקאָסט נאָענט צו אַ טויזנט דאָלער.

איידער איך בין אַרויסגעפאָרן איבערנעמען דעם האָטעל איז געווען די פראַגע, ווי אַזוי איך זאָל מיטפירן מיט זיך קאַרגע זיבן טויזנט דאָלער? בין איך געפאַלן אויף אַ פּלאַן. איך האָב אויסגעשריבן אַ טשעק אויף מיין נאָמען פון דער גאַנצער סומע, און די באַנק האָט עס „סוירטיפּאַיד", און ווען מיר האָבן איבערגענומען דאָס הויז, האָב

איך געגעבן דעם טשעק און אונטערגעשריבן זיך אויף דער אַנדערער זייט, און דער מר. בלאָק האָט עס צוגענומען, און דער פאַרקויף איז געוואָרן אָפיציעל.

באַלד האָב איך פאַרהאַנדלט מיט מר. בלאָק צו קויפן דאָס הויז, האָב איך מיט אים אָפּגערעדט, אַז איך דאַרף קריגן די קאָמישאָן, 5 פּראָצענט פון די 14 טויזנט דאָלער, וואָס עס האָט באַטראָפן דאָס הויז. אָבער איצט, ווען ער האָט געזען, אַז איך קויף דאָס הויז פאַר מיר, אויף מיין נאָמען, האָט ער ניט געוואָלט געבן פאַר מיר די קאָמישאָן. און דאָ האָט זיין לאָיער מיך געפרעגט, צי מיר האָבן וועגן דער קאָמישאָן אָפּגערעדט איידער מען האָט געשריבן אַ קאָנטראַקט, און ווען איך האָב אים באַוויזן, אַז יאָ, האָט בלאָק'ס לאָיער מיר גערעכט געגעבן און געהייסן מיר געבן די 700 דאָלער.

פון דעם געלט, האָב איך געגעבן לואי ראָנעס 350 דאָלער, טראָץ דעם, וואָס ער האָט זיך גאָר ניט געריכט אויף דעם, און ער וואָלט עס גאָר ניט פאַרלאַנגט פון מיר. די גויאים אין דער געגנט האָבן פון מיר גערעדט אַלעמאָל, ווי אַן „האָנעסט דזשו", און דאָס איז נאָך מיין מיינונג, ווי אַ איד דאַרף זיך פירן צווישן גויאים, ער מוז זיין אַן אַנשטענדיקער מענטש.

מיין זון, הערי, איז געבליבן מיט מיין פרוי אין איקאָנאָק אין האָטעל, און איך מיט מיין פּלימעניק, הערי גערשפּילד, זיינען געפאָרן קיין ניו יאָרק. מיין פרוי און מיין זון הערי האָבן איינגעהאַנדלט דורך לואי ראָנעס אַ קוה, וואָס זאָל געבן מילך און אָנגעשטעלט אַ מאַן מיט אַ פרוי דערווייל אָנצופירן די ווירטשאַפט פון האָטעל.

דער האָטעל איז געווען צוגעגרייט אויפצונעמען געסט, מיט דעם רעגיסטער־בוך, אָבער קיינער איז ניט געקומען דאָרטן איבערשטיין אַ נאַכט. מיין הערי האָט פּרובירט איינפירן סקווער־דענסעס, און גע־לאָזט וויסן אַרום און אַרום, אַלעמען, אַז אין דער לאָבי פון האָטעל וועט מען טאַנצן מיט מוזיק, און אַלע זיינען איינגעלאַדן צו קומען טאַנצן. צו די טענץ איז געקומען אַן עולם, אָבער צו דעקן די קאָסטן פון האָטעל האָט עס ניט געטראָגן, און אויך ניט אַפילו פאַר די צוויי באַדינער. איך וויל באַמערקן, אַז דער האָטעל האָט געהאַט איינגע־

פיקסט סטים־היט, אזוי, אז ער איז געווען צוגעפּאַסט פאַר אויפנעמען ווינטער־געסט.

דעם 13טן דעצעמבער, 1923, איז געבוירן געוואָרן מיין ערשט אייניקל, נאָרמאַ, די ערשטע טאָכטער פון מיין עלטסטן זון, מעקס, און דעמאָלט איז געווען ביי מיר דער גליקליכסטער טאָג. איך האָב אָפּגערופן אויפ'ן טעלעפאָן אַלע מיינע פריינט און זיי אָנגעזאָגט די בשורה, אז איך בין געוואָרן אַ זיידע.

אזוי ווי מיין מעקס האָט דערזען, אז מען קען זיך ניט ריכטן, אז דער האָטעל זאָל האָבן דורך דעם ווינטער וועלכע עס איז ביזנעס, ווייל אין יענער צייט זיינען ווינציק וואָס מענטשן געפאָרן זומער אין האָטעלן פאַר אָפּרו, און איבערהויפּט ווינטער, איז מיין מעקס אריבער געפאָרן און פאַרמאַכט דעם האָטעל איבער דעם ווינטער.

דורך דעם גאַנצן ווינטער האָבן מיר זיך דערפאַר געגרייט ווי אזוי צו עפענען דעם האָטעל צום זומער סעזאָן. האָבן מיר באַשטעלט אַ גרויסן אויוון אין דער קיך פאַר 750 דאָלער, און געקויפט נייע אויפשטעל בעטלעך, ליילעכער, קישעלעך, צודעקן, איינגעפירט וואַסער אין יעדער רום. נאָך צו דעם אויפגעשטעלט טענטס, אז טאָמער וועלן זיך די צימערן אויספילן.

פון דער ציגל געמויערטער שטאָל (באַרן), האָבן מיר געמאַכט אַ קאַסינאָ, געלייגט אַ גוטען פלאָר צום טאַנצן. באַשטעלט אַ קעכין מיט ווייטערס, אַ דיש־וואַשער. — נאָר צו עפענען פאַר דעקאָרעישאָן־דעי. אזוי ווי מען האָט באַדאַרפט די אַלע זאַכן צוגרייטן, איז מיין פרוי אַוועק געפאָרן עטליכע וואָכן פאַר פסח אהין — און איך פלעג ארויסקומען אהין יעדן וויק־ענד און זען וואָס עס טוט זיך.

אזוי ווי אין מיין שאָפּ האָב איך געהאַלטן צוויי קעץ, הייסט מיר מיין פרוי, למען השם, אז איך זאָל ארויסברענגען די צוויי קעץ אין האָטעל אריין, קיין איקאָנאַק. איך מאַך אַ האָלצערן באָקסל מיט עפענונגען, פאַר לופט, און איך פּאַק אהין אריין די קעץ און נעם די „אירי־עקספּרעס" קיין קאַלעגון, און איך רעכן, אז די עקספּרעס טריין וועט אָנקומען קיין קאַלעקון בעפאָר די לאָקאַל טריין . . . אָבער דער עקספּרעס האָט זיך פאַרשפּעטיגט, און ווען איך בין אָנגעקומען קיין

קאלעקון, איז דער לאָקאַל שוין געווען אוועק, און מער קיין טריינס, ווייס איך, וועט דעם טאָג מער ניט זיין. נעם איך די באָקס מיט די קעץ און לאָז זיך גיין צופוס קיין איקאַנאק, אַן ערך 16 מייל. איך גיי און טראָג די קעץ ביז אייבראַמסוויל, אַ דערפל. איך קלאַפּ אָן ביינאַכט ביי אַ פאַרמער און נעכטיג איבער ביי אים און פאַרטאָג, ווען דער מאָרגן שטערן האָט נאָך געשיינט, בין איך מיט די קעץ ווייטער געגאַנגען. איך קום אָן אין דערפל לוקאוט און גיי אריין אין אַ גאַ־ראַדזש און פרעג צי מען וועט מיך אָפּפירן מיט דעם אָטאָמאָביל קיין איקאַנאַק, און זיי פירן מיך אָפּ קיין איקאָנאַק.

מיין פרוי האָט זיך גאָר ניט געריכט אויף מיר אָנצוקומען אין יענער שטונדע, אינדערפרי, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז קיין טריין גייט ניט אין יענער שטונדע. אָבער ווען די קעץ האָבן דערזען אַזאַ שיינעם דרויסן מיט פעלדער, זיינען זיי זיך צעלאָפן אין אַלע ווינקלען, און מיר האָבן געהאַט נחת צו זען, אַז אַפילו די קעץ איז געפעלן דער האָטעל, וועלכן מיר האָבן איינגעהאַנדלט.

אין דער צייט, ווען איך בין געווען ביי לואי ראָנעס, דעמאָלט, אויף מיין וואַקיישאָן, איידער איך האָב געקויפט דעם האָטעל, האָב איך געדונגען אַ הויז, צו וואוינען איבער דעם זומער, ווייל איך האָב נישט געוואוסט, פריער, אַז איך וועל גאָר פּלוצים קויפן דעם האָטעל. געדונגען דאָס הויז האָב איך פון טאַם קעפּערס, אַ זון, מיט וועמענס פאָטער איך האָב צוזאַמען געאַרבעט ביי מר. ברעמען. פאַר דעם הויז האָב איך אים באַצאָלט 75 דאָלער דעם סעזאָן. און איצט, אַז איך האָב דעם האָטעל, דאַרף איך שוין ניט די הייזקע. האָב איך די הייזקע איבערגעגעבן צו מיין פריינט, בענדזשאַמין לעיבאָוויטש, פאַר הונדערט דאָלער. איך האָב געזאָגט מיין פריינט, אַז די הייזקע האָב איך געדונגען פאַר 75 דאָלער, און איך פאַרלאַנג 100. און אַזוי ווי איך האָב אָבער ניט געוואָלט מאַכן קיין פּראָפיט, האָב איך די 25 דאָלער אוועק געגעבן פאַר טשאַריטי אויף ביידע נעמען, בענדזשאַמין לעיבאָוויטש און סאָלאָמאָן אָרנשטיין.

אויף דעקאָריישאָן דעי איז מיין גאַנצע פאַמיליע מיט מיר ארויס־געפאָרן אין האָטעל אריין, קיין איקאָנאַק, און צום 4טען דזשולייי איז

שוין געווען דער האָטעל איינגעשטעלט מיט אַלע פּערפעקטן און געהאַט געסט אויך און געטאָן ביזנעס.

אַרום יענער צייט האָבן מיר שוין אָנגעהויבן צו דערפילן דעם טעם פון זיין אין די האָטעל־ביזנעס. דאָ איז אַוועק געגאַנגען די קעכין און מיין פרוי האָט באַדאַרפט שטיין אַ גאַנצע נאַכט און פּליקן און רייניגן די טשיקנס, און דאָ איז אַוועק געגאַנגען דער ווייטער — און דאָ, דער דישוואַשער. די מוזיקער, וועלכע מיר האָבן געהאַלטן צום אונטערהאַלטן די געסט, פלעגן זיך אַריינכאַפּן דאָרט, וואו עס זיינען געווען אָנגעגרייט די גוטע זאַכן, און עס אַרויסגנב'ענען, און עס צוטראָגן צווישן די געסט. הכלל, אַזוי האָט מען דורכגעשטופּט דעם סעזאָן, מען האָט זיך אָנגעהאָרעוועט ווי די פערד און צולעצט, נאָך דעם גאַנצן יאָריד, האָט מען באַדאַרפט צוטראָגן געלט צו דעקן די חובות צו דעם גראָסערי מאַן, צום בוטשער, צו די אַרויסהעלפער.

אַזוי ווי מיין זון, מעקס, האָט עס דערזען, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, אַז אונזער אַמבּרעלער פירמע, פון וועלכער ער איז אויך אַ פּאַרטנער, זאָל געבן וועלכע עס איז געלט פאַר דעם האָטעל — צוצולייגן. האָבן מיר דעם האָטעל פאַר דעם ווינטער ווידער געהאַלטן פאַרמאַכט.

מיין אינגסטער זון, מאַרטי, האָט זיך באַקאַנט מיט אַ מיידל, און איז מיט איר אַרומגעגאַנגען אַ צוויי יאָר צייט. ער האָט איר געגעבן אַ דיימאָנד רינג און האָט איר געלאָזט וויסן, אַז ער איז ענגעידזשט. אין אַ שיינעם טאָג, גיט די מיידל אים צוריק דעם רינג, צו מיין מאַרטין, און אונז האָט עס געבראַכט יסורים פון דער פּאַסי־רונג. עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט נאָכדעם, ער האָט אין יענער מיידל פאַרגעסן, און אַזוי ווי ער איז געווען אונזער סיילעסמאַן אויף דעם „ראוד", האָט ער זיך אין ביקאָן, ניו יאָרק, באַקענט מיט אַ מיידל, וועלכע איז געווען צו גאַסט ביי אירער אַ שוועסטער.

די מיידל אַליין איז געווען פון בעיאָן, ניו דזשוירזי, פון אַ זייער פיינער פאַמיליע. און מערקווירדיק, וואָס מיינע ערשטע מחותנים'ס נאָמען איז געווען אַקסעלראָד, און די צווייטע מחותנים — אויך אַקסעלראָד, און איינע מיט די אַנדערע האָבן זיך גאָר נישט אָנגעקערט. די ערשטע זיינען געקומען אַהער פון רומעניען, און די צווייטע, גאָר פון דער ליטע.

איר ווייסט דאָך, אַז אַ וואָגן מיט איין אַקסל קען ניט פֿאָרן, מען מוז האָבן צוויי אַקסלען, צוויי אַקסעלראָדס.

דער פֿאַרשטערטער סדר

אַזוי ווי מיין זון, הערי, איז געווען דער, וועלכער האָט געפֿירט די פֿעקטאָרי, און האָט געטאָן אַלץ, וואָס מען האָט באַדאַרפֿט, מאַכט זיך, אַז ער פֿירט אַ קאַסטן סחורה אויף אַ הענט־טראָק און דאָס הענטל פֿון טראָק גיט אים אַ זעץ אין באָרד־ביין און עס קרעקט דעם ביין. און צו דעם, האָט ער אויף דער זעלבער נאַכט אַ פּראָפֿעסיאָנעלן „פּרייז־פֿייט", און זיין פּאַרטנער האָט בעת דעם פֿייט אים געשלאָגן מיט דער פֿויסט אויף דעם אָרט, וואו עס איז געווען צובראָכן. דאָס אַלץ איז געשען גראָד ערב פּסח, און מען ברענגט אים אַהיים נאָך דעם פֿייט, ביינאַכט, מיט אַן אייזערנעם רייף אַרום דעם באָרד, אַזוי, אַז ער זאָל נישט קריגן קיין „לאָק־דזשאָו".

ווי מען קען פֿאַרשטיין, האָט מען מער קיין סדר ביי מיר אין הויז ניט געפּראַוועט, און מיין הערי האָט צוגעזאָגט מיר און דער מוטער, אַז ער וועט מער ניט פֿייטן אין רינג, און האָלט וואָרט ביז היינטיקן טאָג. עס געפֿינען זיך ביי אים אַ סך בילדער און אויסשניטן פֿון צייטונגען פֿון דער צייט, פֿון ווען ער האָט זיך געפֿייט, און זיין זון, דעיוויד, וועלכער שטודירט איצט אין אַ שיקאַגאָער אוניווערזיטעט אַלס אַרכיטעקט, שטאָלצירט מיט דעם טאַטנ׳ס אַמאָליגע פֿייט־בילדער, גלייך ער וואָלט געווען געווען דער סאַדיגערער רבי.

אַזוי ווי מיין טאָכטער, נעסיע, איז געווען אַ לערערין אין דער עטיקעל קולטשור סקול, און צו דער צייט, האָט מען געוואָלט אויפֿשטעלן אַזאַ סאָרט סקול אין דעמוין, האיעווא, האָט מען זי אויסגעקליבן, אַז זי זאָל אַהין פֿאָרן און איינשטעלן די סקול. זי איז אַוועק געפֿאָרן אַהין און איז דאָרט אָפּגעווען אַ שטיקל צייט און איינגעשטעלט די סקול אויף דעם בעסטן אופֿן.

איידער זי איז געפֿאָרן קיין דעמוין, אַ צייט פֿריער, פֿלעגט זי זיך טרעפֿן מיט אַ בוי, ווילי סאַסקין, און אָבער, אַזוי ווי זי איז געווען

אוועק א שטיק צייט, האָט ער דערווייל חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערע. זי ווידער, איז גאָר געוואויר געוואָרן, אַז זי האָט נאָך אַליין ניט גענוג געלערנט, און אַז עס פעלט איר נאָך אויס „תורה" — און האָט ווידער געוואונען א סקאָלערשיפּ, צו לערנען ווייטער.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז איר קאָלעדזש עדיוקעישאָן האָט מיך ניט געקאָסט קיין סענט, זי האָט אַלעמאָל געוואונען סקאָלערשיפּס, און אַזוי אַרום געהאַט די מעגליכקייט צו לערנען זיך אָן געלט.

זי האָט געלערנט אַן ערך פון 6 יאָר אין דער עטיקעל קולטשור סקול, אין ניו יאָרק, און געקראָגן א „סאַבעטיקעל". דער סאַבעטיקעל מיינט, אַז זי האָט געקראָגן 22 הונדערט דאָלער, כדי צו קענען זיין א יאָר צייט אוועק פון סקול. האָט מיין טאָכטער פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל איר דערלייגן 18 הונדערט דאָלער, און מיט 4 טויזנט דאָלער וועט זי קענען באַזוכן גאַנץ אייראָפּע און אויסטראַליע, עגיפּטן, פּאַלעסטינע און ספּעציעל באַזוכן די שטעט, וואו מען האָט איינגע-שטעלט עטיקעל קולטשור סקולס.

איך בין אַזאַ מענטש, ווען איך האָב דאָס געלט, און מען פרעגט מיך דאַרויף, מאַך איך ניט קיין טענות און גיב. אַזוי איז געווען. איך האָב איר געגעבן די 18 הונדערטער, און מיר אַלע האָבן זי באַגלייט צום שיף און זי איז אוועק.

איר ערשטער אָפּשטעל איז געווען אין ענגלאַנד. פון דאָרט האָט זי געשריבן בריוו. אָבער יעדער בריוו האָט געוואַרט אויף נאָך א פאָרטזעצונג, ווייל קיין איין בריוו פון איר איז געווען א געענדיקטער.

איר גרעסטער חידוש אין ענגלאַנד איז געווען פאַר איר, וואָס זי האָט דאָס ערשטע מאָל געזען דעכער מיט שטרוי באַדעקט, וואָס ביי אונז, וועלכע קומען פון רוסלאַנד, איז די שטרויענע דעכער געווען א געוועגליכע זאַך. און זי האָט געשריבן צו אונז, ווי מען גייט אין ענגלאַנד קאַפּויר, אַנשטאַט וואָס מיר גייען פון רעכטס צו לינקס, גייט מען דאָרט פון לינקס צו רעכטס, און אַז אַן אַמעריקאַנער קומט, ווערט ער צומישט פון דעם איבערבייט, און זיי דערקענען גלייך דעם אויס-לענדער. אַזוי אויך מיט דעם אָטאָמאָביל, וואָס מען טרייבט פאַרקערט ווי ביי אונז, און אַפילו דאָס שרייבן, אַזאַ פשוטע, נאַטירליכע זאַך,

ווי פאַרשרויפן אַ שרויף, פאַרדרייט מען עס דאָס אויך פאַרקערט ווי ביי אונז, אויף לינקס, אַנשטאָט ווי ביי אונז אויף רעכטס.

איז דאָך טאַקע די פראַגע, פאַר וואָס האָט אַמעריקע ניט נאָכ־געטאָן די ענגלענדער, ווען ענגלאַנד האָט אַזוי פיל יאָרן רעגירט איבער איר? איז דער ענטפער אַ גאַנץ פשוטע: — ווייל שפּאַניען און האָלאַנד האָבן דאָ רעגירט אַ סך פריער פון די ענגלענדער, און זייערע מנהגים זיינען דאָ פאַרפעסטיגט געוואָרן פאַר זיי מיט אַזוי פיל יאָרן פריער, דערפאַר האָט ענגלאַנד ניט געקענט איבערמאַכן אונזער אַמעריקע, אַז מיר זאָלן טאָן ווי זיי אַלץ קאַפּויר, אויף דער פאַרקערטער זייט.

מיין טאָכטער האָט זיך געקויפט אַ בייסיקל אין ענגלאַנד, ווייל דאָרטן פאָרן אַלע אויף אַ בייסיקל. נאָך עטליכע חדשים איז זי אַוועק פון דאָרט קיין אויסטראַליען, און פון דאָרטן, קיין עגיפּטן, און פון עגיפּטן קיין פּאַלעסטינע. דאָס איז געווען אין אַ פּריוויטיס, אין דער קאָלאָניע פּתח־תקוה, האָט מען איר ניט דערלויבט אַרויסצופאָרן ביז איבער שבת, ווייל עס איז איינגעפירט דאָרט, אַז מען לאָזט קיינעם ניט פאָרן אום שבת.

אין איינעם פון אירע בריוו־פאָרזעצונגן, האָט זי באַשריבן אַ סצענע, וואָס זי האָט בייגעוואוינט אין פּאַלעסטינע. זי מיט נאָך אַ גרופּע מענטשן האָבן געדונגען אַן אַטאָמאָביל און זיינען געפאָרן. אין דער זעלבער צייט איז אויף דעם וועג געפאָרן אַראַבישע צוויי פרויען מיט אַ קינד אויף אַ וואָגן מיט זייערע בעבעכעס, און קענטיק, האָבן זיי זיך איבערגעצויגן פון איין דירה צו אַן אַנדערער. דער וואָגן מיט די ווירטשאַפט האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער אַטאָ־מאָביל מיט די געסט האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. ביידע טרייבער, פון וואָגן און פון אַטאָמאָביל, זיינען געווען אַראַבער, און זיי האָבן צווישן זיך גערעדט. די געסט פרויען פון אַטאָמאָביל זיינען געוואָרן נייגעריק צו זען דאָס קינד מיט דער פרוי אויפ'ן וואָגן. צו זייער שטוינען, זיינען די אייגעלעך פון קינד געווען קאַליע, און אויף יעדן אייגעלע איז געשטאַנען אַ פליג און זיך געראָיעט אי שמוץ.

ווען דער אנגעלעגנהייט, האָט מיין טאָכטער דעמאָלט געשריבן, אַז זי קריטיקירט דווקא ניט, נאָר דאָס האָט זי געזען. מיט יאָרן

שפעטער, ווען זי איז געפאָרן קיין אינדיע דורך עגיפּטן, האָט זי מיר געשריבן, אַז די אויגן קראַנקהייט צווישן דער באַפעלקערונג איז געווען אין אַ בעסערן צושטאַנד, ווי פריערדיקע יאָרן, ווען זי איז דאָרט געווען.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך פאַר־גלוסט מיין ברודער נחמן'ס אַ זון, דודיע, ער איז געווען דער פערטער זון, וואָס מיין ברודער נחמן האָט געהאַט פון דער ערשטער ווייב, רייזע, צו נעמען אינגלעך פון מיין היים טשערנאָוויץ און דער אומ־געבונג, און זיי געפירט קיין ארץ ישראל, און זיי געמאַכט פאַר חלוצים. אַזוי אַרום, האָט ער אויך אַוועקגעפירט זיין אייגענעם ברודער, יעקב, קיין ארץ ישראל, וואָס מיין ברודער נחמן האָט געהאַט פון זיין צווייטער פרוי.

און אַזוי ווי מיר דאָ פלעגן קריגן בריוו פון דעם יעקב'ן, אַז ער איז קראַנק דאָרטן, און אַזוי ווי מיין טאָכטער, נעסיע, האָט געהאַט אין איר מאַרשרוט אויך צו באַזוכן ארץ ישראל, האָט מען איר געגעבן דעם אַדרעס, וואו יעקב האָט זיך געפונען, און זי האָט אים באַזוכט, און ווען זי איז אַהיים געקומען, האָט זי אונז געזאָגט, אַז אויב מיר ווילן, אַז דער אינגל זאָל בלייבן לעבן, זאָלן מיר אים אַרויסנעמען פון דאָרטן. ווי אַזוי קען מען אים ברענגען קיין אַמעריקע? אויב אַ מיידל, אַן אַמעריקאַנער סיטיזן, פאָרט קיין ארץ ישראל און האָט דאָרט מיט אים חתונה, קען זי אים ברענגען אַהער.

איינער פון מיין ברודער נחמנ'ס זין, ליב, און זיין פרוי, מינע, האָט געהאַט אַ שוועסטער, אַ מיידל, אַן אַמעריקאַנער סיטיזן, און זי האָט געמאַכט די רייזע קיין ארץ ישראל און האָט גענומען דעם בחור צו אַ דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט, אַז אויב דער יונגערמאַן וועט אַוועק פון לאַנד, וועט ער זיין געזונט. זי האָט מיט יעקב'ן געשטעלט אַ חופה און איז גלייך אַליין געפאָרן צוריק, קיין אַמעריקע. שפּעטער מיט עטליכע וואָכן, האָט דאָס יונגע ווייבל גע־שיקט נאָך איר מאַן און ער איז געקומען אַהער און זיך אויסגעגרינט, נאָך אַ קורצער צייט.

די ווייבל איז זייער אַ פעהיגע, און ביידע, מאַן און ווייב,

האָבן זיך געעפנט אַ גראָסערי, און ביז היינטיקן טאָג לעבן זיי זיך גליקליך, האָבן צוויי קינדער און ער, יעקב, איז געזונט און שטאַרק.

אויף דער רייזע פון ארץ ישראל אַהיים, האָט זיך מיין טאָכטער, נעסיע, אָפּגעשטעלט אין ווין אויף עטליכע וואָכן, און זי שרייבט מיר, אַז איך זאָל איר שיקן הונדערט דאָלער טעלעגראַפיש. איך שיק איר גלייך די הונדערט דאָלער, און ווען זי איז געגאַנגען אין דער באַנק אָפּנעמען די הונדערט דאָלער, האָט מען איר געגעבן אָנשטאָט די הונדערט, גאָר פינף הונדערט, ווייל דער קורס איז דעמאָלט געווען, אַז פאַר הונדערט דאָלער האָט מען איר באַדאַרפט געבן פינף הונדערט גולדן, האָבן זיי געמאַכט דעם טעות, און מען האָט איר אויסגעצאָלט די סומע אין דאָלערס.

מיין טאָכטער האָט געמיינט, אַז איך האָב איר געשיקט טאַקע 500, אָנשטאָט 100, און זי האָט דאָס געלט אויסגעגעבן. אין עטליכע טעג אַרום, האָבן זיי זיך אין באַנק ארומגעקוקט, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ טעות, און זיי זיינען געקומען צו איר מאָנען די 400 דאָלער, וואָס זיי האָבן געהאַט איבערגעגעבן.

מיין טאָכטער האָט מיר באַלד טעלעגראַפירט וועגן דער גאַנצער געשעעניש, און זיך געהייסן ארויסשיקן אַנדערע 400 דאָלער, און איך האָב איר באַלד ווידער געשיקט די 400 דאָלער.

ווען איר וואַקאַציע האָט זיך געענדיגט, האָט זי געקראָגן טעלע־גראַפיש צו וויסן, אַז מען פאַרלאַנגט זי זאָל ווידער קומען לערנען אין דער עטיקעל קאָלטשור סקול. איז זי ווידער דאָרטן געוועזן אַ לערערין אַ 6 יאָר צייט. נאָך דעם, האָט זי ווידער פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זי לאָזן אַ יאָר פריי, איר געבן אַ „סאַבאַטיקל". מען האָט איר פאַרלאַנג ניט באַוויליגט, ווייל עס האָט אויסגעפעלט געלט ביי זיי.

האָט זי אָבער, אין יענער צייט, געוואונען אַ סקאָלאַרשיפּ פון דער „ראַקעפעלער פאָונדיישאָן", אויף 2 טויזנט דאָלער, און האָט אויפגעגעבן איר לערעריי דזשאָב אין דער „וואַלדאָ עטיקעל קאָלטשור סקול".

אין דער צייט, ווען איך האָב געהאַט מיין אמברעלער סטאָר אין 187 אָרטשאַרד סטריט, און אין דער צווייטער סטאָר, 185 אָרטשאַרד

סטריט, האָט געוואוינט אַ מענער־שניידער, מר. בערמאַן און זיין פרוי, ראָזא, און צוויי מיידלעך, איינע, די עלטערע, רוטי, און די אינגערע, דזשעני. ווען זיי האָב איך באַשריבן אין דע ערשטע קאַפּיטלעך, אַז די קינדער האָבן זיך צוזאמען מיט מיינע קינדער געבאָדן אין אַ וואַנע, וועלכע מיר פלעגן אַוועקשטעלן אויפ'ן יארד, וואו מיר האָבן געוואוינט.

מיר האָבן אַוועק געמופט אין די בראָנקס, און דער מר. בערמאַן איז געשטאָרבן, און די פרוי, ראָזא, האָט זיך אויסגעלערנט צו מאַכן פּאַרוקן פון האָר, און זי האָט געמאַכט פאַר זיך און פאַר די קינדער אַן אָרים לעבן. די עלטערע מיידל, רוטי, האָט אויך מיטגעאַרבעט מיט דער מוטער ביי די פּאַרוקן, און די אינגערע האָט זיך געלערנט זיין אַ דעזיינערין ביי דרעסעס. מיט איינמאָל, הויבט אָן אריין צו קומען צו דער אינגערער מיידל, דזשעני, אַ בוי, עפּעס אַ נישטיק, אַ גאָרניט, אַזוי ווי מען זאָגט ביי אונז. זיי האָבן צו יענער צייט אויך געוואוינט אין די בראָנקס. אַזוי ווי דזשעני איז געווען זייער אַ שיינע, און דער בוי, אַ קורץ געוואָקסענער, דער בוי איז געווען אַ מעסענדזשער אויף וואָל סטריט, און האָט געכאַפּט דעם שניט פון וואָל סטריט און האָט אָנגעהויבן צו מאַכן געלט.

זיי האָבן חתונה געהאַט און געהאַט דריי מיידלעך, און זיינען רייך געוואָרן ניט אויף קאַטאָוועס, אָבער ווען די דעפּרעשאָן איז געקומען אין 1929, האָבן זיי אַלץ געהאַט פאַרלוירן, און דער וואָל־סטריטער מיליאָנער האָט זיך געוואָלט לערנען פאַר אַ לאָנדרי־מאַן, און זיין פרוי, דזשעני, האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט כאָטש געוואָלט האָבן נאָך 10 יאָר גוטע, ווי זיי האָבן געהאַט פריער ביז איצט, און זי האָט גענומען מאַכן דרעסעס פאַר רייכע פרויען, אָבער קיין רייכטום האָט עס ניט געבראַכט.

דער יונגערמאַן, זיין נאָמען איז דזשאָו גאָלדינג, האָט ער זיך ווידער גענומען דרייען נעבן וואָל־סטריט, און איז ווידער רייך געוואָרן, אָבער גרויס, אַז ער האָט זיך אויפגעבויט 3 גרויסע פּאַלאַצן פאַר זיך, איינעם אין דזשאַמעיקא און איינעם אין די בערג, נעבן שטראַבורג, און איינעם אין מיאַמי.

וואָס־זשע פּאַסירט דערנאָך? דער דזשאָו גאָלדינג צוקריגט זיך מיט זיין ווייב צוליב עפּעס און זיי גט'ן זיך. ער גיט איר א גרויסע סומע געלט, און אַפילו איצט האַלט ער אויס איר מוטער, ראָזא בערמאַן, מיט אַלדאָס גוטס, אין ניו יאָרק אום זומער, און אין מיאַמי, אין ווינטער.

ווי געוועגטליך, דזשאָו הירשהאָרן האָט ווידער חתונה געהאַט.

די אַנדערע עלטערע שוועסטער, רוטי, וועלכע האָט געאַרבעט מיט דער מוטער ביי די פּאַרוקן, האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין א בוק־קיפּער און אָנגעקומען צו מיר אַרבעטן אין דער פעקטאָרי אַלס בוק־קיפּער.

פון אָנפאַנג איז ביי איר די אַרבעט ניט געגאַנגען גלאַטיק. זאָג איך צו איר: — „זאָרג זיך ניט, מיט דער צייט וועסטו זיך איינ־אַרבעטן." און אַזוי איז טאַקע געוועזן. זי האָט זיך איינגעאַרבעט אין דער בוק־קיפּינג פאַך און איז געוואָרן א גאַנץ גוטע בוק־קיפּערן אין אונזער פעקטאָרי, ביז זי האָט חתונה געהאַט. היינט האָט זי צוויי קינדער, אַן אינגל מיט א מיידל.

אַז איך האָב געשריבן וועגן רוטי בערמאַן, מוז איך שוין שרייבן וועגן גאָסי דרוקער אויך. גאָסי דרוקער איז אָנגעקומען צו מיר אַרבעטן אין מיין אמברעלער שאָפּ אַלס „טיפּערן", און דערנאָך איז זי געוואָרן ביי מיר די פאָרליידי פון שאָפּ. רוטי, וועלכע האָט געאַרבעט אַלס בוק־קיפּער און גאָסי זיינען געוואָרן נאָענטע פריינדינעס, ביז היינטיקן טאָג.

די מוטער פון גאָסי דרוקער איז געקומען קיין אַמעריקע פון רוסלאַנד, פון מאָגיליעוו, אויפ'ן דניעפּער, מיט 6 קינדער, 4 מיידלעך און צוויי אינגלעך. ווי געוויינטליך, די מיידלעך זיינען געגאַנגען אַרבעטן און די אינגלעך האָבן געאַרבעט און שטודירט צו דער זעלבער צייט. דער עלטערער האָט אויסשטודירט אַלס דאָקטאָר און דער אינגערער, אַלס דראָגיסט.

די עלטסטע מיידל האָט חתונה געהאַט פאַר א פיינעם יונגנמאַן, גרינבערג, איז זיין נאָמען, און די גאָסי, וואָס איז געוועזן ביי מיר אַלס פאָרליידי, האָט זיך באַקאַנט מיט מיין לאַנדסמאַן, דוד זאַפרין,

וועלכער האָט אויך געאַרבעט אין מיין שאַפּ, אַלס שיפּינג קלוירק, און זיי האָבן חתונה געהאַט.

ווען די מוטער איז געשטאָרבן, און אַזוי ווי דוד זאַפּרין איז געווען מיין לאַנדסמאַן און האָט באַלאַנגט צו אונזער טשערנאָוויצער סאָסייעטי, האָט מען די מוטער געלייגט אויף אונזער סעמעטערי. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, פאַרגלוסט זיך דעם זון, דעם דאָקטאָר, צו קויפן אַן אייגענעם פּלאַט אויף אַן אַנדער סעמעטערי, פאַר דער גאַנ־צער משפּחה, און ער וויל איבערפירן די מוטער׳ס ביינער אויף דער סעמעטערי פון דער פאַמיליע. גייט דער דאָקטאָר צו אַ רב אין איסט בראָנקס, און פרעגט דעם רב. זאָגט דער רב, אַז מען טאָר ניט טשעפּען אַ טויטן. און דער דאָקטאָר און די פאַמיליע האָבן געפאָלגט און ניט געטשעפּעט דער מוטער׳ס ביינער און געלאָזט זי רוהען אין קבר, וואו זי איז געלעגן.

מאַכט זיך דערנאָך, אַז איין טאָכטער פון יענער פרוי, אַ פּאַר־הייראַטע שוין, ווערט קראַנק און שטאַרבט, און דער ברודער, דער דראָגיסט, ווערט אויך קראַנק און שטאַרבט, און דער דאָקטאָר ווערט אויך קראַנק און שטאַרבט אויך. דאָס אַלץ איז געשען כמעט אין איין יאָר צייט. ווען די פאַמיליע וואָלט ניט געפאָלגט דעם רב און איבער־געפירט די מוטער, וואָלטן מענטשן געווען אָנגעהאַנגען זייער טראַגעדיע אין דעם, וואָס זיי האָבן ניט געפאָלגט, און מען וואָלט געזאָגט, אַז ווייל זיי האָבן די מוטער גערירט פון קבר, האָט זי דערפאַר זיי אַלע מיטגענומען מיט זיך. אָבער אין דעם פאַל האָט מען ניט געהאַט אין וואָס אָנצוהענגען די געשעעניש פון די אומגליקן.

גאָסי און דוד זאַפּרין האָבן צוויי פיינע קינדער, פאַרהייראַטע, און דער זון שטודירט נאָך איצט פאַר דאָקטאָר. און לעצטן יאָר איז געוואָרן 25 יאָר זינט זיי האָבן חתונה געהאַט, האָב איך זיי אַריינגע־שיקט אַ פיינעם פּרעזענט צו זייער 25־יעריקן יובילעאום.

25 יאָר אַז איך בין פאַרהייראַט

איך בין געווען אויף דעם ראָוד אין ניו־בריטאַן, און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז עס איז גראָדע יענעם טאָג געוואָרן 25 יאָר, וואָס

מיינע דריי זין מיט זייערע פרויען, אין 1942

פיר דורות ארנסטיין:
איך, מיין זון מעקס, זיין זון לעני, און לעני'ס זון ארווי

איך און מיין פרוי, מלכה, זיינען פאַרהייראַט. איך בין געווען אויפ־געלעגט און איך האָב אַלעמען געטריט מיט אייז קרים און אַנדערע זיסע זאַכן. איך פלעג אַריינקומען אין די סטאָרס פאַר ביזנעס, האָב איך אַלעמען דערציילט וואָס פאַרא טאָג עס איז היינט פאַר מיר, און זיי געטריטעט מיט וואָס איינער האָט נאָר געוואָלט. איך מוז באַ־מערקן, אַז אין ניו־בריטאַן איז אין יענער צייט געווען 33 סטאָרס, וועלכע האָבן געהאַלטן אמברעלערס צו פאַרקויפן, און איך האָב גע־קראָגן פון יעדן סטאָר אַן אָרדער פאַר אמברעלערס. דאָס מיינט, אַז איך האָב געקראָגן 33 אָרדערס.

איך האָב אָפּגערופן אויפ׳ן טעלעפאָן קיין ניו יאָרק מיין פרוי און איר אָנגעזאָגט: — „דו ווייסט, אַז עס איז היינט געוואָרן 25 יאָר זינט מיר זיינען פאַרהייראַט?" פרעגט זי: — „וואָס ווילסטו?" האָב איך איר געענטפערט, אַז: — „נאָך 25 יאָר וויל איך." אָבער דער וואונטש איז ניט מקוים געוואָרן.

ווען מיין פרוי איז אַלט געוואָרן 60 יאָר, האָב איך איר געקויפט 60 רויטע קאַרניישאָנס, און האָב זי סורפּרייזט מיט די בלומען.

די בלומען זיינען ביי איר געווען אַזוי אָנגעלייגט, אַז זי האָט זיי אויסגעטריקנט און זיי באַהאַלטן אין אַ סלאָיעקל, און אינוועניג אַריינגעלייגט אַ צעטעלע, וואו זי האָט אויפגעשריבן: — „די בלומען זיינען פון מיין מאַן צו מיין 60סטן געבורטסטאָג — אין יאָר 1927", און אונטערגעשריבן איר נאָמען — „מלכה אָרנשטיין" — „און די בלומען זיינען פון שמאי אָרנשטיין."

ווי געוויינליך, האָב איך ניט געוואוסט, אַז זי האָט באַהאַלטן די בלומען פאַר אַן אָנדענקן. מאַכט זיך, אַז אין דער נאַכט, ווען מיין פרוי איז געשטאָרבן, אין הויז פון אונזער היים, און גיי זוכן עפּעס, און געפין דעם סלאָי מיט די אויסגעטריקנטע בלומען. ביז היינטיקן טאָל, זינט דעם יאָר 1937, פון איר טויט, האָב איך די אויסגע־טריקנטע בלומען קיינעם ניט געוויזן, נאָר זיי געפינען זיך ביי מיר אין שטוב, אַזוי ווי זי האָט זיי איבערגעלאָזט.

מיין ברודער נחמנ׳ס פערטער זון, דוד, וועלכער האָט געפירט די אינגלעך קיין ארץ ישראל, האָט אים די רוסישע סאָוויעטן רעגירונג אַוועקגעשיקט קיין סיביר אויף צען יאָר פאַר יענעם חטא. און אַז ער

איז נאָך די צען יאָר אהיים געקומען, האָט מען אים ווידער פאַרשיקט, און מען ווייסט אפילו ניט וואו זיין געביין איז אהין געקומען.

מיין אינגערער זון, מארטי, וואָס האָט זיך באַקענט מיט דער מיידל אַקסעלראָד, ביי איר'ס אַ שוועסטער אין הויז, אזוי ווי ער איז געווען אַ שיינער יונג, און וואו ער פלעגט נאָר קומען, האָט מען אים געוואָלט ריידן שידוכים. כדי אויסצומיידן די אַלע אָנשלאָגן פון שידוכים, פלעגט ער זאָגן, אז ער איז פאַרהייראַט. און ווען ער האָט געוואָלט אויסנעמען די מיידל, רעיזי, וועלכע איז היינט זיין פרוי, זאָגט איר די שוועסטער: — וואָס פאַנגסטו אָן מיט אים, ער איז דאָך אַ פאַרהייראַטער מאַן!" ענטפערט איר די מיידל: — „זאָרג זיך ניט פאַר מיר. איך וועל שוין אויסגעפינען, צי ער איז פאַרהייראַט, צי ניט."

ווען עס איז געקומען די צייט פון מאַכן די חתונה, איז עס געווען ביי אירע עלטערן אין בעיאָן, ניו דזשוירזי. אונזער סאָסייעטי האָט געשיקט אַ קאָמיטע פון 14 ברידער צו דער חתונה. געוויינליך, שיקט מען נישט מער ווי צוויי, דריי, און צו אונז האָבן זיי געשיקט גאַנצע 14 לאַנדסלייט צו באַשיינען די חתונה.

ס'איז שוין געווען אַ פּאָר יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און כמעט די אַלע מיינע פלימעניקעס און פלימעניצעס, וועלכע זיינען די אַלע יאָרן אריבער געקומען קיין אמעריקע, זענען שוין געווען פאַר־הייראַט, און די משפחה איז שוין געוועזן אַ גרויסע. פרעגט זיך, ווי אזוי ברענגט מען אַלעמען קיין בעיאָן, ניו דזשוירזי, צו מיין זונ'ס, מארטי'ס, חתונה? זיינען מיינע קינדער געפאַלן אויף אַ פּלאַן. מען האָט געדונגען אַ פּריוואַטן „באָס", וועלכער האָט אריינגענומען 60 מענטשן, צו פירן די מחותנים פון ניו יאָרק אויף דער חתונה, אַ חוץ די טעקסעס און די גרויסע צאָל פּריוואַטע אָטאָמאָבילן, אז עס האָט כמעט אויסגעזען, ווי מיר גייען איינגעמען (אינוויידן) בעיאָן, ניו דזשוירזי.

איך און מיין פרוי, מלכה, און מיט דעם חתן, זיינען מיר אַוועק פון דער היים אַרום מיטאָגצייט, דורך דער ניו דזשוירזי סענטראַל באַהן, און דער כלה'ס אַ ברודער האָט אונז אָפּגעוואַרט ביי דער טריין

און אונז געבראַכט אין הויז פון דער כלה'ס עלטערן, מר. און מרס. אַקסעלראָד.

דאָ האָבן זיך באַגעגנט צווייַ וועלטן. דער פאָטער פון דער כלה, מר. אַקסעלראָד, איז געווען פון וואַלאַזשין, די שטאָט, וועלכע איז באַקאַנט מיט איר ישיבה און פרומקייט, און אויך ער איז געווען אַן אָרטהאָדאָקסישער איד, מיט אַ באָרד, און זיך געפירט אין הויז זייער פרום. און איך, אַ איד פון דער הייַנטיקער צייַט, האָב זיך בייַ אים אין הויז געפירט ווי מיר איז געפעלן, ניט מאַסקירט, ווייַל איך האָס זייער די, וואָס שפּילן דעם פרומען און זייַנען עס נישט, נאָר טוען עס ווייַל עס לוינט זיך זייַ. אַ ראָלע האָט דאָ אויך געשפּילט, וואָס איך האָב געהאַט דעם חתן — און יענער — די כלה. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין בייַ זיך געווען זיכער מיט מייַן פּאָזיציע.

מען זאָגט בייַ אונז, אידן, אַז וואו עס איז דאָ אַ שמחה, מוז עפּעס פּאַסירן. נאָך אונזער אָנקומען איז אין שטוב אַן איבער-קערעניש. דער מחותן, דער כלה'ס פאָטער, איז פּלוצים שווער קראַנק געוואָרן. מען האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ער מעג גיין צו דער חתונה, און אים איז בעסער געוואָרן.

איך און מייַן פרוי, און דער מחותן מיט זייַן פרוי, און דער חתן מיט דער כלה, זייַנען מיר אַלע צוזאַמען צוגעפאָרן צו דעם זאַל פון דער חתונה, און אונזערע געסט האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען, און איך מיט מייַן פרוי זייַנען געשטאַנען בייַ דער טיר און האָבן זיך מיט אַלעמען געקושט.

די צערעמאָניע איז דורכגעפירט געוואָרן, און מען האָט געטאַנצט, און עסן איז געווען צוגעגרייט לרוב, פון די בעסטע מאכלים, און די מוזיק האָט געשפּילט, און דער עולם האָט פייַן פאַרבראַכט און געטאַנצט ביז אין ווייַסן טאָג אַרייַן.

אין דער צייַט פון מייַן אינגסטן זון'ס, מאַרטי'ס, חתונה, איז שוין מייַן מיטלסטער זון, הערי, געגאַנגען מיט אַ מיידל, וועלכע ער האָט באַגעגנט אין מייַן האָטעל אין איקאָנאַק, און די עלטערן פון דער מיידל, און די מיידל זייַנען אַלע געווען בייַ דער חתונה.

עס האָט נישט גענומען קיין סך צייַט, און איך מיט מייַן פרוי,

מלכה, האָבן געפירט די קינדער צו דער חופה. דער כלה׳ס נאָמען איז געווען, נעלי עקשטיין.

די חתונה איז געווען אַ פיינע חתונה, געקעיטערט פון אַ קעי־טערער, אין ברוקלין.

ביי מיין עלטסטן זון, מעקס, איז געבוירן געוואָרן זיין צווייטע קינד, אַ אינגל, און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך מיין פרוי׳ס פאָטער, וועלכער האָט געהייסן, לייב, רופט מען אים, לעני, אין אמעריקע. און איך האָב שוין צוויי אייניקלעך, און ביי מיין זון, מארטי, מיט זיין פרוי, דעיזי, איז געבוירן זייער ערשטער זון. האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן, אברהם. רופט מען אים דערפאַר: אלווין! און ביי מיין זון, הערי׳ן, איז געבוירן געוואָרן אַ זון, און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן, דוד — און מען רופט אים, דייוויד. און ביי מיין זון, מארטי, איז געבוירן געוואָרן דאָס צווייטע קינד, אַ מיידעלע, און מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן, נעסי, נאָך מיין פרוי׳ס מוטער, און מען רופט זי גאָר: — נאָואמי.

און איך און מיין פרוי זיינען שוין גליקליכע זיידע און באָבע — מיט פינף אייניקלעך.

דעם צווייטן זומער, ווען עס איז געקומען דער סעזאָן פון די זומער־פלעזשורניקעס, און מיר האָבן ווידער געעפנט דעם האָטעל אין איקאָר־נאָק, מיט אַלע קליפערלעך, און געסט זיינען געווען — און ביזי איז מען געווען, אפילו מיט די „קלעניקעס", וואָס האָבן צו יענער צייט געבושעוועט אין די מאָונטענס. אָבער צו קיין פרנסה איז דאָס נישט געקומען. נאָך דעם סעזאָן האָט מען געמוזט צוברענגן געלט פון די אמברעלער ביזנעס אין ניו יאָרק.

אזוי האָבן מיר זיך אָפּגעמוטשעט 4 סעזאָנען מיט באָרדערס — און דערנאָך, ווידער 4 יאָר — האָבן מיר שוין געפּרובירט צו האָבן בלויז רומערס, אָן עסן, און עס האָט ווידער נישט געטויגט. איינער אַ אינגל פון די רומערס, האָט אים זיך פארגלוסט צו קריכן אויף אַ בוים, וואָס האָט געהאנגען מיט זיינע צווייגן איבערן וועג, און ער איז אראָפּגעפאלן און זיך גוט צוהרג׳עט, און מען האָט אים געמוזט אריין געבן אין בינגאמטאָן, אין אַ האָספּיטאָל.

און דורך דעם פאַל פון דעם אינגל, האָט אָפּגעשראָקן אַלע אַנ־דערע געסט, וועלכע זיינען באשטאַנען פון 10 פאַמיליעס, און זיינען מער שוין נישט געקומען דעם נעקסטן סעזאָן.

דערוויל האָט זיך אונטערגערוקט די דעפּרעסיע אין 1927, און עס איז ביי קיינעם נישט געבליבן אין קעשענע אויף אַ קאָפּע קאָפּע, און ווער שמועסט נאָך, צו פאָרן אויף אַ דאַטשע, אין די מאָונטענס. אַלע זיינען איבערגעקומען אויף רעליף.

איינער פון מיינע געסט, וועלכע האָבן געוווינט ביי מיר אַ רום פאַר'ן סעזאָן, האָט געהאַט אַן אָטאָמאָביל, און האָט געוואוינט אין בראָנזוויל. האָט ער מיט אונז אָפּגערעדט, אַז ווען ער וועט פאָרן מיט זיין אָטאָמאָביל קיין איקאָנאַק, וועט ער אונז מיטנעמען. מיר האָבן אים באַדאַרפט באַגעגענען ביי דער ברוקלין ברידזש. שטעלט אייך פאָר, אַז אין דער צייט, וואָס איך און מיין פרוי, האָבן באַדאַרפט וואַרטן ביז דער אָטאָמאָביל וועט אונז אָנקומען צו נעמען, איז יעדע רגע צוגעקומען צו אונז אַן אַנדער דזשענטעלמאַן, און האָט געבעטן אויף אַ "קאָפּ קאָפּי".

הערט אַ מעשה, איך האָב פאַרדונגן בלויז איין רום פאַר'ן סעזאָן, און איך האָב גענומען אַ פופציג דאָלער אַ דעפּאָזיט, און דערפאַר, ווייל קיין אַנדערע רומערס זיינען ניט געווען, האָט יענער פאַרלאַנגט די פופציג דאָלער צוריק. איך האָב אים געגעבן די פופציג דאָלער און זיי זיינען זיך אַהיים געפאָרן.

וואָס טוט מען ווייטער, מיט דעם האָטעל? האָב איך באַשלאָסן, דעם האָטעל אוועק צו שענקן צו דער „פעדערייישאָן אָף דזשואיש טשאַריטיס".

זיינען געקומען צוויי מענטשן פון זייער אָפּיס און האָבן באַטראַכט דעם האָטעל, און עס איז זיי געפעלן. זיי האָבן אויסגעאַרבעט פּלענער מיט פאַרשידענע צייכנונגן, ווי אַזוי דער האָטעל זאָל דינען פאַר אַ בוי'ס קעמפּ פאַר זייער אָרגאַניזאַציע. צו דעם, האָבן זיי אָבער פאַר־לאַנגט, אַז איך זאָל זיי נאָך געבן אַ דאָניישאָן פון 20 טויזנט דאָלער קעש, איבערצואַרבעטן דעם האָטעל אין אַ קעמפּ. איך וויל באַמערקן, אַז דעמאָלט בין איך נאָך שולדיק געווען 26 הונדערט דאָלער אַ

מאַרטגעדזש אויפ'ן האָטעל. האָב איך געוואָלט דאָס אַלעס באַצאָלן און זיי איבערגעבן אַ „קלירן דיד". זיי זיינען אַוועקגעפאָרן, און מיר מער ניט געענטפערט, ווייל איך האָב ניט איינגעשטימט זיי צו געבן נאָך 20,000 דאָלער מיט דעם האָטעל. איך בין אייגנטליך ניט געווען אומשטאַנד אין יענער צייט אַזאַ סומע אַוועק צו געבן.

מיין אידייע איז, ווען מען זאָל געווען שיקן די צוויי מרגלים פון מענטשן, וועלכע זיינען אַליין די געבערס פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָלטן זיי געווען איינגעשטימט עס צוצונעמען, נאָר אַזוי ווי מען האָט געשיקט עפּעס צוויי באַאמטע, וועלכע זיינען געוואוינט צו נעמען און מאַכן אַליין אַ לעבן פון דער טשאַריטי, וואָס יענער גיט, איז דערפאַר גאָר ניט געוואָרן.

ביי אונז זאָגן די גויאים אַ גלייכווערטל: — „ניע זאמינאַטיע, ניע פּראָדאַטע, און ניקאָמו דאַרמו דאַרעוואַטע", וואָס מיינט אין אידיש: — ניט צו אויסבייטן, און ניט צום פאַרקויפן און ניט אפילו עמיצן אַוועק צו שענקן.

איצטער, וואָס טוט מען ווייטער מיט דעם האָטעל? זאָגן צו מיר מיינע קינדער: — „מען דאַרף גאָר ניט טאָן. מען דאַרף ניט פאַרקויפן און ניט אַוועקשענקן. מיר, אונזער משפּחה, וועט נוצן דעם האָטעל פאַר אַ זומער־היים." און אַזוי איז עס געבליבן. יעדן זומער פאָרן מיינע קינדער מיט זייערע קינדער אַהין אַרויס און מען פאַר־ברענגט זייער גוט. מיינע קינדער ברענגען אַרויס זייערע גוטע פריינט אַהין און מען נעמט ביי קיינעם קיין פּעני ניט. און יעצט, אין די לעצטע צוואַנציג יאָר, האָב איך פאַרגעניגן פון דעם האָטעל, ווייל אַזוי לאַנג ווי די געסט צאָלן ניט, איז שוין גוט. נישטאָ קיין געלט, איז נישטאָ קיין טראָבל.

אין דער צייט, ווען איך פלעג נאָך פאָרן אויפ'ן ראָוד פאַרקויפן מיינע אמברעלערס, בין איך איינמאָל געווען אין באָפאַלאָ, און אַזוי ווי איך בין שוין געווען דאָרט, האָב איך באַשלאָסן אַריין צו פאָרן זען די ניאַגאַראַ־פאָלס. איך בין פאַרטיג געוואָרן מיט מיינע קאַס־טימערס דורכן טאָג און איך האָב זיך אָפּגעעסן נאַכטמאָל, און נאָכ־דעם, גענומען די טראָלי־קאַר און אַריבער געפאָרן צו די ניאַגאַראַ־פאָלן. עס איז געווען אין מיטן זומער, אַ וואַרימע נאַכט, ווען איך האָב

געזען די פּאַנאָראַמע פון די ניאַגאַראַ־פאָלס, בין איך אזוי באַגייסטערט געוואָרן, אז איך האָב זיך ניט געקענט אָנזעטן מיט דער רייכער שיינ־קייט פון דעם וואַסער־פאַל. איך בין אַרומגעגאַנגען און אַלעס גוט באַטראַכט. איך בין אַריבער געגאַנגען דעם בריק אויף דער אַנדערער זייט קאַנאַדע, און דאָרט פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט, ביז עס איז טאָג געוואָרן.

איך בין ווידער אַריבער געפאָרן קיין באָפאַלאָ, און בין אַ גע־זעטיגטער פון דער רייכער אומגעבונג און איינדרוקן אהיים געפאָרן.

מיט אייניקע יאָרן שפּעטער, ווען די דעפּרעסיע איז אָנגעקומען, און מיינע ביזנעס זיינען געוואָרן זייער שלעכט, און מיר האָבן גע־שניטן די ווייִדזשעס פון אונז אַלעמען, וועלכע מיר האָבן געצויגן פון די ביזנעס, איז מיר געווען זייער שווער און ניט געוואוסט ווי צו ערקלערן מיין פרוי, און איר געבן צו פאַרשטיין ווי שלעכט עס האַלט עקאָנאָמיש מיט די ביזנעס. האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי אזוי:

— „איך וועל דיר געבן מיין גאַנצע „פּעי” און דו ליינ עס אוועק אין דער „דאָלער סייווינגס בענק” אויף ביידע נעמען, און טו דערמיט וואָס דו ווילסט, ווייל מער האָב איך ניט, און ווינציגער אויך ניט.”

אזוי ווי זי האָט דעמאָלט געוואָלט מאַכן אַ רייזע צו אירע ברידער אין דעטרויט, האָב איך באַשלאָסן מיט איר מיטצופאָרן האַלבוועגס, און איר ווייזן די ניאַגאַראַ־פאָלס. זיינען מיר ביידע אַרויסגעפאָרן און גענומען אַ פּולמאַן מיט אַ סליפּער ביז ניאַגאַראַ־פאָלס. דאָרטן זיינען מיר פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, אָפּגעעסן פרישטיק, גענומען אַ טעקסי און מיר פאָרן אָנקוקן ניאַגאַראַ־פאָלס. איך קען מיר נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט ערקלערן, וואָס קוקנדיק דאָס צווייטע מאָל אויף די ניאַגאַראַ־פאָלס, בין איך מער ניט געווען באַגייסטערס פון דער שיינקייט, נאָר גאָר פאַרקערט, איך בין געווען ענטוישט. איך בין מיר צוריק אוועק געפאָרן אהיים, קיין ניו יאָרק, און מיין פרוי איז זיך אָפּגעפאָרן צו איר משפּחה קיין דעטרויט.

איך וויל מאַכן די באַמערקונג, אז איך אַליין פאַרשטיי ניט קלאָר די סיבה, אָבער פון דעמאָלט אָן, פון דער רייזע צו די ניאַגאַראַ־פאָלס, האָב איך מיט מיין פרוי שוין גליקליך ניט געלעבט. צי עס האָט געווירקט די שלעכטע פינאַנציעלע לאַגע אין לאַנד און אויך פון

אונזערע ביזנעס, ווײַס איך ניט און איך קען ניט ערקלערן. איין זאַך, גליקלעך האָבן מיר שוין ניט געלעבט מער, דאָס אַלץ.

די פינאַנציעלע לאַגע ביי מיר איז שלעכט, קיין אַמברעלערס קען מען ניט פאַרקויפן. און אַזוי ווי מיין אינגסטע שנור, דעיזי, האָט אַ ברודער, וואָס איז אַ ספּעציאַליסט אין דער נידעל־טרייד, האָט זיך מיין אינגסטער זון, מאַרטי, דורכגערעדט מיט אים, אַז מען זאָל פּרו־בירן מאַנופעקטשורן בייבי־העמדלעך, און זיי פאַרקויפן צו די צען־סענט סטאָרס. געזאָגט און געטאָן. אַוועק גערוקט דעם אַמברעלער פּלענט אין אַ ווינקל און אויפגעשטעלט אַ פּלענט צו מאַכן די קינדער העמדלעך. קיין אַמברעלערס האָט מען ניט געטראָגן, אָבער קינדער־לעך האָט מען געמאַכט.

אַזוי ווי איך האָב ניט געהאַט פאַר זיך אַליין קיין אַרבעט ביי די העמדלעך, בין איך אַוועק פאַר דעם גאַנצן זומער אין מיין האָטעל אין איקאָנאַק. איך האָב זיך געפונען וואָס צו טאָן דאָרט. איך האָב געפיינט, געפייפערט און געגאַנגען מיט די אייניקלעך כאַפּן פיש אין עדעמס־לעיק, און אַזוי פאַרבראַכט דעם גאַנצן זומער.

איך האָב אָנגעהויבן צו באַמערקן אין די צייטונגען, אַז עפּעס איז ענטשטאַנען אַן „ען־אַר־עי", און איך האָב ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז.

דער סעזאָן האָט זיך געענדיגט אין די בערג, און איך האָב פאַר־מאַכט די זומער וואוינונג און אַהיים געקומען. איך קום אין שאָפּ אַריין, זע, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן רודערן, מען האָט אָפּגעשטעלט מאַכן די העמדלעך און מען אַרבעט שוין אַמברעלערס. די אַסאָסי־איישאָן פון די אַמברעלער מאַנופעקטשורערס האָט זיך פאַרפליכטעט צו פאַרגרעסערן די ווייַדזשעס פון אַלע אַרבעטער אין טרייד, דערמיט זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו קויפן די פּראָדוקטן, וואָס זיי פאַבריצירן.

אין דעם דאָרף בערעזעווקע, וואו איך בין געבוירן געוואָרן, און וואו מיין משפּחה האָט געוואוינט, איז געווען אַ משפּחה, דוד קאָוואַל, האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען אַ קאָוואַל. אין יענער צייט, ווען איך בין אַוועק געפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער געהאַט אַ אינגל פון אַ יאָר צוועלף, און מען האָט אים גערופן, בורקע. געהייסן האָט ער, ברוך, נאָר מען האָט אים פאַרצויגן — „בורקע".

אין יאָר 1930, קומט צו מיר צוגיין אַ גרויסער, אַ הויכער, אַ געזונטער איד און זאָגט צו מיר, אַז ער איז ברוך מאַרגאַריטאַ, און ער איז דוד קאָוואַל׳ס זון פון בערעזעווקע, מיין לאַנדסמאַן. ער איז געקומען קיין אַמעריקע מיט זיינעם אַ זון, דייוו. ער, ברוך, האָט אי־בערגעלאָזט אין רומעניען אַ פרוי מיט 5 גרויסע, דערוואַקסענע קינדער, און ער זאָגט צו מיר, אַז ער וויל זיי ברענגען קיין אַמעריקע. ער וויל, אַז איך זאָל פאַר אים „סיינען" אין דער „מאָרים־פּלאַן" באַנק פאַר דריי הונדערט דאָלער. איך האָב צו יענער צייט געהאַט אין מיין לאַדזש אַ לאָאַן סאָסייעטי, האָב איך אים געמאַכט פאַר אַ מיטגליד ביי מיר אין לאַדזש און ער האָט געקראָגן געבאָרגט די דריי הונדערט דאָלער. ער, ברוך, האָט גלייך געשיקט נאָך זיין פרוי מיט די קינדער. דאַרף זיך טרעפן, אַז דער גרויסער איד, ברוך מאַרגאַריטאַ אַרבייט צו יענער צייט אין אַ מעבל געשעפט און פאָרט מיט אַ פור מעבל, און ער האָט אַן אַקסידענט און צוברעכט זיך אַ פוס — און מען לאָזט מיר גלייך וויסן.

בין איך געגאַנגען צו אים, וואו ער האָט געוואוינט, דערציילט ער מיר, אַז ער מוז יעדן טאָג, פון די איסט בראָנקס פאָרן קיין ברוקלין צום דאָקטאָר. אָנהאַלטנדיק זיך אויף די קוליעס, מוז ער אַזוי אַרויף קריכן אויף דעם עלעוויטעד טריין און דערנאָך אַרונטער גיין צום סאָבוויי. קום איך און דערצייל מיינע קינדער די געשיכטע, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט ברוך מאַרגאַריטאַ, און מיין עלטסטער זון, מעקס, הויבט אָן צו טעלעפאָנירן צו מיין קאָמפּענסיישאַן דאָקטאָר און צו יענעם דאָקטאָר פון ברוקלין, און האָט אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז אַנשטאָט אַז ברוך זאָל דאַרפן פאָרן קיין ברוקלין צום דאָקטאָר, איז מיין קאָמ־פּענסיישאַן דאָקטאָר געגאַנגען צו ברוך׳ן אויף זיין קוואַרטיר אים באַ־האַנדלען.

דאָס געלט, וואָס ברוך האָט געשיקט איז אָנגעקומען צו דער פאַ־מיליע, און זיי האָבן געקראָגן אַ גוטע שיף פון טריעסט, און אין עטליכע וואָכן איז דאָס ווייב מיט די 5 קינדער אָנגעקומען אין קעסל־גאַרדן. ברוך דאַרף זיי גיין אָראָפּנעמען. דאָ גייט ער מיט אַ צעבראָ־כענעם פוס און אויף קוליעס. נעם איך און שטעל אוים מיינעם אַ טשעק אויף 5 הונדערט דאָלער צו ברוך מאַרגאַריטאַ, און „סוירטיפיי"

עס אין דער באַנק. ער גייט מיט דעם טשעק אין קעסל-גאַרדן און ווייזט דעם טשעק פון די 500 דאָלער, און מען גיט אים אַרויס זיין פאַמיליע.

אזוי ווי די קינדער, וועלכע זיינען געווען אַלע דערוואַקסענע, זיינען זיי געגאַנגען גלייך אַרבעטן, און פון דעם, וואָס די קינדער האָבן פאַרדינט פון זייער אַרבייט, האָט ער מיר אָפּגעצאָלט די 300 דאָלער, וואָס די סאָסייעטע האָט אים געהאַט אויסגעבאָרגט. אין אַ שטיק צייט אַרום האָט זיך ברוך אַרויפגעאַרבעט, און האָט זיך געקויפט אין לעיק האָנטינגטאָן אַ האָטעל. דעמאָלט האָב איך אים ווידער געהאָלפן מיט אַ לאָאַן פון 500 דאָלער. דעם האָטעל האָט ער געקויפט בשותפות מיט זיין פאַרהייראַטער טאָכטער.

מיר זיינען זיך געבליבן פריינט ביז צו זיין אָפּשטאַרבן, און די פרוי מיט די קינדער פירן דעם האָטעל אין לעיק האָנטינגטאָן.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז אין דער צייט, וואָס ברוך האָט ביי מיר געבאָרגט דאָס געלט צו קויפן דעם האָטעל, און ער האָט באַדאַרפט אַרויספאָרן עפענען דעם האָטעל, האָט ער געקראָגן אַן האַרץ־אַטאַק, און די דאָקטוירים האָבן אים געהייסן ליגן אין בעט. אָבער מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער איז אים בעסער געוואָרן און ער האָט עטליכע יאָר אָנגעפירט מיט דעם האָטעל.

אין ווינטער פלעגן זיי וואוינען אין העיסטינג, ניו דזשוירזי, וואָס איז איצט באַקאַנט אַלס דער פּראָדזשעקט „רוזוועלט". מען רופט עס רוזוועלט, ווייל פּרעזידענט רוזוועלט האָט געהאָלפן בויען דעם פּראָ־דזשעקט דאָרט.

איך פלעג פון צייט צו צייט צופאָרן וויזיטן די מאַרגאַרעט משפחה אין העיסטינג. מאַכט זיך, אַז אין אַ שבת פאָר איך קיין העיסטינג, און בין ביי זיי צו גאַסט, און מען פאַרברענגט גוט און איך פאָר מיר אַהיים. מיט 4 טעג שפּעטער, קומט צו מיר אַ זון פון מאַר־גאַרעט'ס משפחה, און ער דערציילט מיר, אַז דער פאָטער איז פּלוצים געשטאָרבן.

אזוי ווי מיר האָבן געהאַט אַ לייַ־קאַסע אין לאָדזש, און די מיט־גלידער, און אויך דער לאָדזש האָבן געהאַט אַריינגעלייגט צו ביסלעך געלט אין דער לאָאַן סאָסייעטע, און אַזוי ווי די דעפּרעסיע האָט זיך

שוין אָנגעהויבן צו פילן, גאָר שטאַרק, שטאַרק, האָבן אייניקע אָנגע־הויבן צו שרייען, אַז דאָס געלט, וואָס דער לאַדזש האָט אינוועסטעט אין דער לייַ־קאַסע, איז קאַפּוט, פאַרפאַלן. האָב איך אָפּגעשטעלט צו באָרגן געלט, און פון דעם ערשטן געלט, וואָס איז אַריינגעקומען, אָפּגעצאָלט צום ערשטן צום לאַדזש, און דאַן צוביסלעך יעדן מיטגליד אויסגעצאָלט, וואָס ער האָט געהאַט אַריינגעלייגט אין דער לייַ־קאַסע.

איך וויל היינט זאָגן, אַז איך בין שטאָלץ מיט יענער פירונג פון דער לייַ־קאַסע, ווייל אַלע האָבן געקראָגן זייער געלט צוריק, און עס איז קיינעם קיין פעני ניט פאַרלאָרן געגאַנגען.

איך וויל, איר זאָלט ניט מיינען, אַז עס איז געווען אַ לייכטע אַרבייט, וואָרום די בעל־חובות האָבן פשוט, ניט ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט, נאָר זיי האָבן ניט געקענט צאָלן. איך האָב מיט זיי אָפּגע־מאַכט, אַז איך וועל קומען צו זיי אַהיים יעדע וואָך און זיי זאָלן מיר געבן 50 סענט אַ וואָך אויף דעם חוב.

איך פלעג פאָרן צו זיי אַהיים נאָך די 50 סענט. די ערשטע פּאָר וואָכן האָבן זיי זיך געשעמט און געגעבן די 50־סענטיקע, אָבער, אַז עס איז נישטאָ, נעמט מען אַראָפּ די בושה און מען האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז נעקסטע וואָך זאָל איך ניט קומען, ווייל זיי ווייסן, אַז זיי וועלן ניט האָבן. אַזוי האָב איך זיך אָפּגעפּלאַגט, ביז איך האָב ענדליך איינגעקאָלעקטעט און יעדן באַצאָלט.

מיינער אַ לאַנדסמאַן פון בערעזעווקע, איז דאָ געווען אין ניו יאָרק, זיין נאָמען איז, איזי קאָוואַלסקי. האָט ער געהאַט אַ סטענד פון פּרוכט אין איסט בראָנקס. נאָך דער ערשטער מלחמה, ווען געלט איז געווען לרוב, האָט ער זיך געקויפט אַן אָטאָמאָביל און שבת פלעגט ער גיין אין שול און מנדב זיין אַ 50 דאָלער אַ נדר, כאָטש דער סטענד איז געווען אָפן און מען האָט געלייזט געלט אום שבת. און צווישן זיינע פריינט און באַקאַנטע האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ גביר. אַז מען האַלט איינעם פאַר אַ גביר, פּאַסט עס דען ער זאָל שטיין מיט אַ סטענד פון פּרוכט? וויל עס קויפן אַ סטעישיאָנערי סטאָר, און קויפט אַזאַ סטאָר. ער האָט זיך געהאַט פריינט אַ סך, האָט ער אָנ־געבאָרגט וואו ביי איינעם 400 און 500 דאָלער, וויפיל עס האָט זיך געלאָזט, און אַריינגעלייגט אין דער סטאָר. פרעגט זיך טאַקע, וואו

קומט א פרוכט-פעדלער צו א סטיישיאָנערי סטאָר? האָט ניט גענומען לאַנג און האָט פאַרלוירן דאָס גאַנצע געלט און איז אַרויס ריין — אָן א סענט.

אַזוי ווי ער איז געוועזן א מיטגליד אין מיין לאָדזש און איז געוועזן שולדיג פאַר א פּאָר קוואַרטעל דיוס, און מיר האָבן אים ניט געוואָלט שטרייכן, בין איך אַריבער געגאַנגען צו איזי קאַרמאַן. צו יענער צייט, ווען אים איז גוט געגאַנגען, האָט ער געביטן זיין נאָמען פון קאָוואַלסקי אויף „קאַרמאַן". איך קום צו צום טיר פון זיין וואוינונג, זע איך, אַז ביי דער טיר שטייען צוויי באָטלס מילך, וועלכע דער מילכמאַן האָט דאָ איבערגעלאָזט פאַר דער פאַמיליע קאַרמאַן. איך קום אַריין אין שטוב צו זיי און קריג ניט קיין געלט פאַר דער דיוס פון דער לאָדזש, אָבער, אַז דער מילכמאַן לאָזט נאָך איבער מילך, האָב איך געקלערט, איז נאָך ניט אַזוי שלעכט די פינאַנציעלע לאַגע ביי זיי.

איך קום צום מיטינג צו מיין לאָדזש און רעפּאָרט, אַז קאַרמאַן איז אין עקאָנאָמישע שלעכטע אומשטענדן, און כדי מען זאָל אים ניט שטרייכן פון לאָדזש, נעם איך, באַצאָל פאַר אים די דיוס. עס גייט ווידער אַוועק צוויי קוואַרטעל, איך קום ווידער צו דער פאַמיליע איזי קאַרמאַן. זאָגט ער צו מיר, אַז עס מאַכט זיך אים צו קויפן א סטענד פון פרוכט, און ווען ער האָט נאָר וואו זיך צו באָרגן 50 דאָלער, קען ער קויפן דעם סטענד. זאָג איך צו אים, אַז איך וועל אים שאַפן די 50 דאָלער, און כדי אים צו איבערצייגן, אַז איך מיין עס ערנסט, נעם איך אַרויס פון קעשענע 10 דאָלער און גיב אים אַדרויף און זאָג אים, אַז אין א פּאָר טעג וועל איך צוברענגען די אַנדערע 40 דאָלער. איך נעם זיך צו דער אַרבעט צו שאַפן דאָס געלט. קומט צו מיר מיין פּלימעניצע, בעקי אַרנשטיין, און דערציילט מיר, אַז איזי קאַרמאַן'ס פרוי האָט איר דערציילט, אַז איר מיידל וואָלט געגאַנגען ערגעץ זוכן אַרבעט, נאָר זי האָט נישט קיין מאַנטל אָנצוטאָן, און דאָ איז קאַלט אין דרויסן. זאָג איך צו מיין פּלימעניצע, בעקי: — „נאַ דיר 15 דאָלער און גיב דער מיסעס קאַרמאַן, און זאָג איר, אַז דו באָרגסט איר דאָס געלט, כדי צו קויפן א מאַנטל פאַר דער מיידל." איך האָב געטראַכט, אויף דעם אופן ווי איך וועל שאַפן די

50 דאָלער, וועל איך באקומען נאָך 15 דאָלער. און אזוי איז דאָס געוועזן. איך האָב זיי צוגעטראָגן אין הויז אריין, דעם באַלאַנס, די 40 דאָלער, און ווי עס ווייזט אויס, האָט די פאַמיליע קאָרמאַן באַדארפט די 50 דאָלער צו באַצאָלן דעם רענט, אז מען זאָל זיי נישט ארויסשטעלן אין גאַס מיט זייער באַלעבאַטישקייט.

ס'האָט ניט לאַנג גענומען און עס קומט צו מיר ווידער איזי קאָרמאַן, איך זאָל פאַר אים סיינען אין דער גמילת־חסדים, פאַר צוויי הונדערט דאָלער. האָט מען באַדארפט האָבן צוויי אונטערשרייבערס. איינעם האָט מען ניט גענומען, מען האָט געפאָדערט צוויי. גיי איך צו מיינעם א גוטן ברודער, נחום פּויליקמאַן, און בעט אים, אז ער זאָל זיין דער צווייטער אונטערשרייבער, כדי איזי קאָרמאַן זאָל קריגן די 200 דאָלער געבאָרגט.

מיר האָבן אים ביידע אונטערגעשריבן, און ער האָט געקראָגן די 200 דאָלער, און ער האָט גלייך געעפנט א סטאָר פון פּרוכט. דער סטאָר איז ניט געגאַנגען, ווייל עס איז געווען אין דער דיפּרעסיע צייט, און דער עולם האָט ניט געקויפט, און איזי קען ניט צאָלן די וועכנטליכע צאָלונגען, וואָס האָט באַטראָפן 4 דאָלער א וואָך. און ווייל מיין לאַנדסמאַן, נחום פּויליקמאַן, האָט מיר ערקלערט, אז ער האָט זיך אונטערגעשריבן פאַר דעם „לאָאַן" פאַר מיר, ווייל איך בין צו אים געקומען און ניט פאַר איזי'ן, און איך האָב אים געהייסן — האָב איך געמוזט באַצאָלן די 200 דאָלער.

מיט עטליכע יאָר שפּעטער, ווער איך געוואויר, אז איזי קאָרמאַן ארבעט אין א פּרוכט סטאָר אַלם קלווירק. נעם איך און שרייב צו אים א בריוול, און פרעג אים, טאָמער קען ער אָנהויבן שיקן יעדן מאָנאַט צו 5 דאָלער אויף דעם חוב. איזי קאָרמאַן האָט אָנגעהויבן שיקן צו 5 דאָלער יעדן מאָנאַט, ביז ער האָט באַצאָלט דעם גאַנצן חוב, און מיר זיינען געבליבן גוטע פריינט.

אזוי ווי די אַנדערע פריינט פון איזי קאָרמאַן, וועלכע האָבן אים געהאָט געבאָרגט געלט, האָבן געהערט, אז ער האָט מיר אָפּגעגעבן דעם חוב, האָבן זיי אָנגעהויבן קומען מאָנען זייערע חובות, אָבער ער האָט קיינעם קיין צוברעכענע פּעני נישט באַצאָלט.

מיין אידייע איז, אַז איזי קאַרמאַן האָט מיר יאָ אָפּגעגעבן, איז עס געווען דערפֿאַר, ווייל איך האָב אים געבאָרגט אין דער צייט, ווען איך האָב געוואוסט, אַז ער איז אַן אָרימאַן און וועט ניט קענען צו־ריקצאָלן. און די אַנדערע פֿריינט, וואָס האָבן אים געבאָרגט, איז עס געווען אין דער צייט, ווען זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז אַ גביר. ווען זיי ווייסן דעמאָלט, אַז ער איז אַן אָרימאַן, וואָלטן זיי אים ניט געווען געבאָרגט. נו, קלערט זיך איזי: — זאָלן זיי איצט גיין מאָנען צו איזי קאַרמאַן, דעם גביר.

אין די ערשטע קאַפּיטלעך האָב איך געשריבן, אַז איך האָב גע־האַט אַ קאַזין, דעם פֿעטער איטשע׳ס אַ זון, מענדל אַן עלוי, וועלכער האָט געהאַט זייער אַ גוטן קאָפּ צום לערנען. און דאָרט ווערט דער־ציילט, ווי ער האָט זיך געביטן מיט זיין חבר מיט די ווייבער. דער קאַזין מיינער איז שפּעטער, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַוועק קיין אַרגענטינע מיט זיין גאַנצער משפּחה. פֿיר פֿון זיינע קינדער זיינען געקומען קיין אַמעריקע און 4 זיינען מיט אים דאָרטן אין אַר־געַנטינע.

זיין טאָכטער, אַ בילד שיינע מיידל, אַ בלאָנדע און פֿיין געראָטן מיט אַלע מעלות טובות, האָט זיך אויסגעלערנט צו מאַכן לײדיס־העטס, און האָט שיין פֿאַרדינט. אָבער אַזוי ווי די ערשטע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך צו־ביסלעך חתונה געהאַט צווישן זיך, ווייל די אַמעריקאַנער געבוירענע פֿון די אימיגראַנטן עלטערן ווילן ניט חתונה האָבן מיט די אייראָ־פּעאישע געבוירענע.

כדי ניט צו פֿאַרבלייבן אומפֿאַרהייראַט, האָט זי זיך אַרויסגענומען סיטיזן־פּייפּערס און באַשלאָסן צו פֿאָרן צוריק קיין אייראָפּע צו איר געבורט-שטאָט און דאָרטן חתונה האָבן מיט אַ מאַן, און אים שפּעטער קענען באַציען קיין אַמעריקע. זי, טאַניאַ, האָט זיך געקויפֿט אַ שיפֿס־קאַרט צווייטע קלאַס, און געמאַכט אַ רייזע. זי האָט דאָרטן זיך אָפּ־געזוכט אַ פֿיינעם בחור, מיט׳ן נאָמען, שאַפּיראָ, און חתונה געהאַט, און צוריק געקומען אַהיים קיין אַמעריקע.

אָבער ווען די דעפּרעסיע איז דערווייל דאָ געוואָרן אין לאַנד, און עס איז שווער צו פֿאַרדינען, זי וויל שיקן נאָך איר מאַן, נאָר זי האָט

ניט קיין געלט. קומט זי צו מיר און דערציילט מיר, אז זי וויל ערגעץ באָרגן 200 דאָלער, צו ברענגען איר מאַן. איך וויל דאָ באַמערקן, אז די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געווען אין לאַנד האָב איך זי ניט געהאַט באַגעגנט, נאָר איך האָב געוואוסט, אז זי איז דאָ. זאָג איך צו איר, אז איך וועל זען, אז זי זאָל קריגן געבאָרגט די נויטיגע 200 דאָלער. און זי האָט געשיקט נאָך איר מאַן. און ער איז געקומען און זי האָט אים אַריינגענומען אין אַ שאַפּ פון ליידיס־העטס, און זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן אַ לעבן. זיי האָבן איין קינד, אַ פיין מיידעלע, זיי רופן זי — שוירלי. זיי וואוינען אין די בראָנקס, אין די „שלום־עליכם הייזער" און לעבן זיך גליקליך.

מיין שוועסטער קעניע'ס אַ זון, מאַרטי גערשפילד, איז איר אינגסטער זון. ער איז געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט זיינע דריי שוועסטער און אַן עלטערן ברודער. ער האָט זיך שנעל אויסגעריכט און אַזוי ווי ער איז געווען אַ שפּאָרזאַמער בחור, האָט ער זיך צונויפגעלייגט אַ 15 טויזנט דאָלער, און האָט געוואָלט חתונה האָבן, און האָט זיך ניט געקענט צוקלויבן קיין מיידל. און אַזוי ווי איך פלעג צו יענער צייט האַלטן אין איין אַרומגיין קאָלעקטן פאַר אונזער לאָאַן־סאָסייעטע, איין מאָל אין אַ זונטיק אינדערפרי, קום איך אַריין צו מיינער אַ קוזינע, דזשעני שיינדל, וואָס הייסט נאָך מיין מוטער, דעם פעטער יאַנקעל'ס אַן אייניקל. זי איז דעמאָלט געווען פאַרהייראַט צו איר צווייטן מאַן, און דאָרט ביי זיי איז געווען אַ מיידל, וועלכע איז געווען די טאָכטער פון איר צווייטן מאַן און זיין ערשטער פרוי.

העראיך דאָרטן אין שטוב, אז די מיידל האָט געאַרבעט ביי דער פירמע „אַלעקסאַנדער", אין די בראָנקס, אין אָפיס, און איבער עפּעס אַ זאַך, האָט זי פאַרלאָזט די שטעלע. ווי איך הער נאָר די געשיכטע, פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, אז דאָס מיידל וואָלט געווען אַ גוטער זווג פאַר מיין שוועסטער'ס זון, מאַרטי גערשפעלד, און איך זאָג צום מיידל'ס פאָטער, בערל בערענסאָן: — „איך האָב אַ גוטן שידוך פאַר אייער טאָכטער, טאַקע מיין שוועסטער'ס אַ זון."

זאָגן זיי: — „אדרבא, ברענג אים און מיר וועלן אים זען".
איך גיי אַריבער צו מיין שוועסטער'ס קינדער און דערצייל זיי פון

מיין געדאַנק, און מיין שוועסטער'ס קינדער קענען גראָד דאָס מיידל, ווייל אין דער צייט, וואָס איך האָב געפּרובירט טאָן ביזנעס אין איקאַנאַק, אין מיין האָטעל, האָבן די שוועסטערס פון מארטי גערשפעלד געזען די מיידל אין האָטעל און זי איז זיי זייער געפעלן געוואָרן דעמאָלט. און איצט, געפעלט זיי אויך דאָס מיידל זיך מיט איר משדך צו זיין.

איך מאַך אַן אַפּוינטמענט פאַר קומענדן זונטיק, אַז מארטי און דאָס מיידל זאָלן זיך באַגעגענען — און איך האָב אים געבראַכט דעמאָלט צו די בערענסאָנס אין שטוב אַריין און שטעל אים פאָר — און לאָז איבער און גיי מיר אַוועק.

עס גייט אַוועק בלויז עטליכע וואָכן, ווער איך געוואויר, אַז מען האָט שוין געדונגען אַ האָל און מען מאַכט זיך גרייט צו אַ חתונה. און מארטי האָט געעפנט דעם טייסטער מיט זיינע 15 טויזנט דאָלער און ער באַצאָלט פאַר אַ זייער שיינער חתונה אין אַ האָל; ער באַצאָלט פאַר חתונה קליידער פאַר דער גאַנצער כלה'ס משפחה און ער מעבלט אויס אַ הויז מיט דעם שענסטן און בעסטן. אַ קליינינקייט, אַן אַמעריקאַנער געבוירענע מיידל איז זיך מפקר און נעמט אַ אייראָ־פּעאישן בחור, וועלכער האָט געהאַט אַ גראָסערי — איז דאָס דאָך געווען אַ גרויסע דערגרייכונג פאַר מארטי'ן, דעם אימיגראַנטן אינגל.

איך מוז דאָ באַמערקן, אַז איך בין צו דער חתונה ניט געווען, ווייל עס איז דעמאָלט געווען די דעפּרעשאָן צייט, און איך בין מיט מיין פרוי געווען אַוועק פון שטאָט, — אין קאַנטרי, און עס איז געווען שווער דעמאָלט צו ספּענדן די רייזע־קאָסטן פון דאָרט קיין ניו יאָרק. און מארטי מיט זיין ווייב, סאָפיע, לעבן זיך גליקליך, זיי האָבן צוויי פיינע קינדער.

מיין שוואָגער, דוד קאָרנפעלד, דער מאַן פון מיין פרוי'ס שוועס־טער, אסתר, האָט געהאַט אַ מוטער אין דאָרף שענדעריוועקע, לעבן קליין טשערנאָוויץ. און די מוטער האָט געהאַט 4 קינדער פון איר צווייטן מאַן, ניט פון מיין שוואָגער, דוד'ס פאָטער. דער צווייטער מאַן אירער, ווען זי האָט מיט אים געהייראַט, איז געווען אַן אַלטער מאַן, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער. ווי געוויינליך, איז דער אַלטער מאַן געשטאָרבן און געלאָזט אַן אַלמנה מיט 4 יתומים, אַ

אינגל און 3 מיידלעך. די עלטערע מיידל האָט געהייסן, גיטל, און די צווייטע האָט געהייסן, רחל, און דער זון, איציק, און אַ קליין מיידעלע, רייזל.

מיין שוואָגער, דוד קאָרנפעלד, האָט געשיקט נאָך דער עלטערער מיידל, און זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינען, און זיי ביידע, גיטל און דוד האָבן געשיקט נאָך דער מוטער מיט די דריי קינדער, און מען האָט זיי געבראַכט קיין אַמעריקע. זיי האָבן זיך אַביסל אויסגעגרינט און געקראָגן אַ דירה, און די עלטערע מיידל, גיטל, האָט אין אַ צייט אַרום חתונה געהאַט.

צו גיטעל׳ס מוטער אין שטוב האָבן אָנגעהויבן אַריין צוקומען צוויי בחורים. אייענר, אַ אינגערער פון אַ יאָר 25 — און דער צווייטער, שוין אַן עלטערער בעטשלער פון אַ יאָר 50. ביידע, צוויי פיינע יונגעלייט. האָט דער בחור פון 25 זיך פאַרליבט אין דער מיידל, וועלכע איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 20, און איר שוועסטערל, וואָס איז דעמאָלט נאָך קיין 12 יאָר ניט אַלט געווען, האָט זיך פאַרליבט אין דעם אַלטן בעטשלער.

פון דער ליבע פון דער עלטערער מיידל מיט דעם בחור פון 25, איז געוואָרן אַ שידוך, טאַקע אַ גלייכער שידוך, און זיי האָבן מיט מזל חתונה געהאַט. און אַזוי ווי די קלענערע שוועסטער איז דעמאָלט אַלט געווען קוים נאָך קיין 12 יאָר ניט, האָט זי אָנגעהויבן צו שרייען, אַז זי איז פאַרליבט אין דעם אַלטן בעטשלאָר. אַזוי ווי די אינגערע מיידל איז אויסגעוואַקסן אין דאָרף שענדעראָווקע, און האָט געקענט רעדן שוואַך אידיש, האָט זי געזאָגט: — „מיר דיך נישט נעם — מיר שטאַרב״. הכלל, מען האָט איר צוליב געטאָן, און מען האָט זי חתונה געמאַכט צו אירע 12 יאָר מיט דעם אַלטן בחור פון 50.

אין יענער צייט, איז געווען אַ קלאַנג, אַז אין דיטרויט פאַרדינען אַרבעטער 5 דאָלער אַ טאָג. האָבן אַלע אָנגעהויבן צו לויפן קיין דיטרויט. מיינע ביידע שוואָגערס, מענדל פישטיין, מיין ווייב׳ס ביידע ברידער, ישראל און מענדל, און דער שוואָגער דוד קאָרנפעלד מיט זיין בני-בית און זיין מוטער מיט דעם זון, וואָס איז נאָך איבער־געבליבן אין שטוב, און אויך די צוויי פּאָרלעך, וואָס האָבן ערשט חתונה געהאַט, זיינען אויך אַוועק קיין דיטרויט זוכן פּרנסה. דאָרט,

אין דיטרויט, האָט די אַלטע מוטער זייערע געפונען אַ פּאַרמעגליכן מאַן, און אויך חתונה געהאַט. דאָס יונגע ווייבל, רייזעלע, האָט טאַקע צו 13 יאָר געהאַט אַ קינד, אַ מיידעלע.

איך בין גראָדע אין יענער צייט געווען פאַר ביזנעס אין דיטרויט, און מען האָט מיך גענומען אין האָספּיטאַל צו ווייזן די בייבי, וואָס די 13־יאָריקע מאַמע האָט געהאַט פון דעם 51־יאָריקן מאַן. אין אַ צוויי יאָר אַרום האָט זי ווידער געבוירן אַ מיידעלע. זייער פּרנסה איז באַשטאַנען פון פּעדלען. ער איז געווען אַ פּעדלער פון פאַרשידענע זאַכן, און די קליינע רייזל, זיין פרוי, איז זיך צעוואָקסן, און איז צו 30 יאָר געווען אַ שיינע, בלאָנדע פרוי — און ער, איר מאַן, אַן אַלטער שוואַכער מאַן, און אַן אָרימאַן נעבעך, נאָך דערצו. און ער, דער קראַנקער שוואַכער מאַן, האָט געקראָגן אַ האַרץ אַטאַקע און איז אין אַ קורצער צייט געשטאָרבן. און זי, רייזל, האָט שנעל חתונה געהאַט מיט איר געליבטן, אַ רייכן פּאָון־בראָקער, וועגן וועמען איר מאַן האָט שוין פון פריער געוואוסט, אַז זי טרעפט זיך מיט אים. דער פּאָון־בראָקער איז געווען אַ יונגערמאַן, אין רייזל׳ס יאָרן, און ווען איר מאַן האָט דערזען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט מען זיך אָנגעהויבן קריגן — און דאָס האָט אפשר פאַרשנעלערט זיין טויט.

איצטער איז זי אַ שיינע, רייכע לידי, און לעבט זיך זייער גליקליך, מיט אַ סך דיימאָנדס און אַלערליי רייכע קליידער.

גראָדע, ווען די מעשה מיט רייזעל׳ס מאַן האָט פּאַסירט, און ווען רייזעל האָט חתונה געהאַט מיט דעם נייעם מאַן, בין איך געווען פאַר ביזנעס אין דיטרויט; האָט רייזעל פאַר מיר פאָרגעשטעלט איר מאַן, און זאָגט צו מיר: — „שמאי, וואָס זאָגסטו צו מיין שיינעם מאַן?״

זונטיק, איז די גאַנצע משפחה — קרובים, צוליב מיר געגאַנגען זען אַ אידיש טעאַטער־שטיק. איך שטיי מיר אַזוי אין דער לאָבי פון טעאַטער, הער איך ווי די רייזעל׳ס אַ מיידל, פון אַ יאָר 16, רעדט צו אַ צווייטער מיידל, איר חבר׳טע, און דערציילט איר, אַז זי איז געווען באַזוכן אַן „אָלד עידזש האָום״, און זי זאָגט, אַז די אַלטע דאָרט האָבן קיין שכל ניט. און די רייזעל׳ס מיידל, מאַכט קלאָר צו דער צווייטער מיידל און גיט איר צו פאַרשטיין: — „אַז ווי קענען די אַלטע לייט

האָבן שכל, אַז זיי האָבן אין דער אַלטער היים ניט געטרונקן קיין אַרענדזש־דזשוס?"

מיין שטיף־ברודער, יוזיפ, האָט געהאַט אַ מיידעלע פון זיין ערשטער פרוי, און דאָס מיילעדע איז אויפגעוואַקסן אין דער אַלטער היים, ביי מיין שטיפמוטער און ביי שוועסטער שרה און מיין שוואָגער שמואל גרינשפאַן. און ווען מיין שוועסטער שרה איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט זי מיטגענומען מיט זיך די מיידעלע, נעסיע, הייסט זי. און דאָס מיידל איז אויסגעוואַקסן, וועלכע איז געווען פאַררעכנט ביי מיין שוועסטער אין הויז ווי אַן אייגן קינד. מיין שוועסטער האָט זי חתונה געמאַכט פאַר אַ יונגן מאַן, מאָרים שאַפּיראָ. זיי האָבן געהאַט אַ גראָסערי, און ביידע, מאַן און פרוי, האָבן געאַרבייט גוט אין דער גראָסערי און האָבן געמאַכט ביי אַ 15 טויזנט דאָלער אין אַ קורצער צייט.

און די נעסיע שאַפּיראָ האָט געבוירן אַ מיידעלע, פּוירלי, האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן. האָט דער פאָטער פון קינד מיט גרויס שמחה אַוועק געלייגט אויף דעם קינד'ס נאָמען, אין דער „טאַיטל גאַראַנטיע טראָסט קאָמפּאַני", 5 טויזנט דאָלער, און זיי האָבן אויס־גערעכנט, אַז ווען דאָס קינד וועט אויסוואַקסן, וועט עס האָבן די 5 טויזנט דאָלער, און דערווייל וועט קיינער ניט האָבן קיין רעכט צו באַנוצן די סומע, נאָר עס וועט ליגן אין דער באַנק, און עס וועט אָנוואַקסן פּראָצענט פון געלט.

אין אַ קורצער צייט האָט זיך זיי גראָד פאַרגלוסט צו פאַרקויפן די גראָסערי אין ניו יאָרק, און זיי האָבן געקויפט אַן אַנדערע גראָסערי אין ברוקלין. און די ביזנעס זיינען ניט געגאַנגען אין דער נייער גראָסערי, און עס איז געווען אַ טאָטאַלער דורכפאַל.

אין איינעם אַ זונטיק, גיי איך מיט מיין פרוי, מלכה, צו גאַסט צו מיין שוועסטער שרה. דאָרטן, ביי מיין שוועסטער, איז דאָ דאָס יונגע ווייבל, נעסיע שאַפּיראָ מיט איר מיידל. און מען זיצט און מען פאַרברענגט גוט אויף אַ פריילעכן אופן. מיטאַמאָל קלאַפּט עמי־צער אין טיר. אַ טעלעגראַם איז געקומען פון ברוקלין, מסתמא, פון שאַפּיראָ'ס שכנים. אין טעלעגראַם איז דאָ, — אַז שאַפּיראָ מאָרים, האָט גענומען די „געז" און איז טויט . . .

מיר אַלע אין הויז נעמען אַ טעקסי, און מען פֿאָרט קיין ברוקלין זען, וואָס איז געשען. מיר קומען צו שאַפּיראָ'ס וואוינונג. זעען מיר אַ סך מענטשן אַרום הויז, מיט פּאָליס־ליַיט, און אַ וואָגן אַקסידזשען, און מען פּרובירט שאַפּיראָ'ן ראַטעווען, אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿן, ער איז געווען טויט.

אין דער משפּחה האָט מען דערנאָך דערציילט, אַז אייגנטליך, איז שאַפּיראָ געווען אַ קרבן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואו ער איז געווען פֿאַר'גאַזט — און דאָס אַפּנים, האָט אים געמאַכט ניט אינגאַנצן גייסטיק באַלאַנסירט — און ער האָט זיך, זעט אויס, אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד, און דערפֿאַר האָט ער זיך געאיילט אַוועק צו ליגן אויף דעם קינד'ס נאָמען די 5 טויזנט דאָלער, אין פֿאַל מיט אים זאָל ניט עפּעס פּאַסירן.

מ'האָט שאַפּיראָ מקבר געווען ווי מען איז מקבר אַלעמען, און שוין.

אין דער צייט, ווען איך האָב באַשלאָסן מער ניט צו טאָן קיין ביזנעס מיט מיין האָטעל אין איקאָנאַק, האָבן מיר עטליכע זומערן אַרויסגענומען אייניגע אָרימע פֿאַמיליעס מיט קינדער, אינגאַנצן אָן געלט, און מיר האָבן זיי געגעבן דאָס הויז אינגאַנצן אומזיסט. איז נעסיע שאַפּיראָ מיט איר מיידעלע אויך געווען איינע פֿון זיי.

גראָדע איז געוועזן אַ פֿרוי מיט אַ מאַן און צוויי מיידעלעך ביי אונז אין האָטעל, אויך פֿון די אָרימע. און ביי דער פֿאַמיליע איז געווען אַ קוואַרטיראַנט, אַן עלטערער בחור, דזשעק מאַנדעל — אין די בראָנקס. האָט די פֿרוי גערעדט אַ שידוך דעם בחור פֿאַר נעסיע'ן, מיט אַ באַדינג, אַז מען זאָל איר באַצאָלן 100 דאָלער שדכנות־געלט. אַזוי ווי נעסיע האָט ניט געהאַט צו געבן די 100 דאָלער, האָב איך געגעבן די 100 דאָלער. געוויינליך, האָט דער יונגערמאַן ניט געטאָרט וויסן, אַז מען האָט אים פֿאַרקויפֿט פֿאַר הונדערט דאָלער צו אַ שיינער, פֿעהיגער יונגער אלמנה.

זיי האָבן ביידע אין אַ קורצער צייט חתונה געהאַט. ער איז געווען אַ פּרעסער, און אַזוי ווי זי איז געווען אַ ביזנעס־ליידי בעפֿאָר, האָט מען ווידער געעפֿנט אַ גראָסערי, און ער איז אויך געוואָרן אַ גראָסערי־מאַן, און נעסיע האָט אים אויך געבוירן אַ מיידעלע.

די „טאַיטל גאַראַנטי טראַסט קאָמפּאַני" האָט זיך דערוויל דער־קלערט באַנקראָט און קיינעם ניט געוואָלט באַצאָלן אַ פּעני. די באַנ־קראָטירטע באַנק האָט געהייסן די מאַנערס גיין צו די אַלע הייזער, אויף וועלכע זיי האָבן געהאַט אינוועסטעט געלט, אַז זיי זאָלן אַליין איינמאָנען דאָס געלט. שפּעטער אָבער, האָט אַ העכערער געריכט אַרויסגעגעבן אַ פּסק, אַז די „טאַיטל גאַראַנטי" איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם געלט — און דאָס מיידעלע האָט געקראָגן די 5,000 דאָלער, דעמאָלט, ווען זי איז געגאַנגען חתונה האָבן מיט אַ ספּרדישן אידישן יונגענמאַן. ער איז אין די אָטאָמאָביל ביזנעס און מאַכט אַ פיינעם לעבן, און זיי האָבן צוויי קינדערלעך, אַ אינגעלע מיט אַ מיידעלע.

איך וויל באַמערקן, אַז די 5 טויזנט דאָלער זיינען מסתמא צונויץ געקומען דעם יונגן פּאָר־פּאָלק, און, וואָס מאָרים שאַפּיראָ האָט געוואָלט פאַרזאָרגן זיין קינד, איז ניט געווען אַרויסגעוואָרפן. אין יענער צייט האָט דער שטיפ־פּאָטער, דזשעק מאַנדעל, געהאַט טענות, אַז אים קומט אַ טייל פון דעם געלט, ווייל ער האָט אויפגעכאָוועט דאָס מיידל, אָבער מען האָט אים גאָר ניט געגעבן.

ווען איך האָב געקויפט דעם האָטעל אין איקאָנאַק, איז געווען איינגעפיקסט אַ בוילער צו מאַכן „סטים". און ווען מיין זון, מעקס, איז אַהין אַרויסגעפאָרן און באַשלאָסן צוצומאַכן דעם האָטעל ביז ספּרינג, האָט מען אים נאַראַיעט איינעם אַ דייטש, מר. קעלי, ער זאָל צומאַכן דאָס וואַסער מיט דעם סטים פאַר'ן ווינטער, עס זאָל ניט פּלאַצן.

האָט דער מר. קעלי פאַרשלאָסן דאָס וואַסער מיט דעם סטים, און מיר האָבן פאַרמאַכט די געביידע און אַהיים געפאָרן. צום נייעם זומער סעזאָן, ווען מיר זיינען אַרויסגעפאָרן, האָט מיין פרוי און מיין זון, הערי, באַלד אויסגעפונען, אַז דער בוילער איז געווען געפּלאַצט, און מען קען ניט מאַכן מער קיין סטים. האָט מיין פרוי און מיין זון געמאַכט אַ סוד דערפון און מיר ניט אויסגעזאָגט, ווייל זיי האָבן מיך ניט געוואָלט קרענקן. זיי האָבן גערעכנט, אַז זומער דאַרף מען במילא ניט קיין סטים־היט, וועט מען וואַרעמען הייסע וואַסער פאַר'ן געברויך אויף אַן אַנדער אופן, און זיך באַגיין אָן דעם בוילער. און דער סוד האָט אָנגעהאַלטן עטליכע יאָר, און מען האָט מיר ניט

אויסגעזאָגט, ביז שפּעטער יאָרן, דורך אַ צופאַל האָב איך אויסגעפונען.

און אַז מען האַלט אין האָטעל באָרדערס, מוז מען זיין געבן עסן; דאַרף מען האָבן הינער — קויפט מען זיי. קויפט מיין זון, הערי, ביי דעם מר. קעלי הינער און גיט אים אַ דעפּאָזיט און לאָזט די הינער ארומגיין דאָרט, ביי אים, ביז ער וועט זיי דאַרפן האָבן. און אין אַ צייט אַרום קומט מיין זון, הערי, צו קעלי׳ן נאָך די הינער, ענטפערט ער, אַז די הינער, וואָס הערי האָט געקויפט, האָט מען צוגעגנב׳עט. — „נאָר טאַקע, מיינע הינער האָט מען גע׳גנב׳עט — אָבער זיינע ניט!" קעלי האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער גנב, וועלכער האָט גע׳גנב׳עט די הינער איז אַריין אין שטאַל און אויסגעקליבן בלויז די הינער, אויף וועלכע מיר האָבן געגעבן אַ דעפּאָזיט אויף זיי. און מר. קעלי האָט נאָך פאַרלאַנגט די 75 דאָלער באַלאַנס, וואָס עס איז אים נאָך געקומען פאַר די הינער. ער האָט אונז אָנגעקלאָגט דאָרט אין קאָונטרי, אין דעם לאָקאַלן געריכט, וואו דער „דזשאַסטיס אָף פּיס" איז אויך געווען אַ דייטש. צום טרייעל האָבן מיר איבערגעגעבן גענוי, ווי מיר האָבן מיט אים זיך אויסגענומען — און דער סוף איז געווען, אַז דער דייטש, דער „דזשאַסטיס־אָף־פּיס", האָט גע׳פּסקנ׳ט, אַז מיר דאַרפן קעלי׳ן צוצאָלן די 75 דאָלער.

אַזוי ווי מיר האָבן געפילט, אַז מען איז באַגאַנגען אַ גרויסע אומ־גערעכטיגקייט קעגן אונז, האָבן מיר אַפּעלירט צו אַ העכערן געריכט קיין הינסדעיל. האָט גענומען אַ זעקס, זיבן מאָנאַט ביז די „קעיס" איז פאָרגעקומען, און מיר האָבן אָנגעשטעלט גראַדע אַ זייער פיינעם לאָיער און זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש, און דער קעלי האָט געהאַט אַ לאָיער, מסתמא פון „קלו־קלוקס־קלען", און דער טרייעל איז פאָר־געקומען פאַר אַ „דזשורי" פון 12 געשוואוירענע, נאַטירליך, אַלע פון זייערע חברה. דאָרט האָט קעלי ערקלערט, אַז איך בין אַ ניו יאָרקער איד, און ער — אַ תושב, ער וואוינט דאָרטן — דאַרפן זיי אים צו־פּסק׳ענען. דער סוף איז געווען, אַז עס האָט ניט גענומען קיין 10 מינוט און די דזשורי האָט באַשלאָסן, אַז מיר זיינען שולדיג קעלי׳ן די 75 דאָלער. אויב אַזוי, האָבן מיר באַדאַרפט באַצאָלן די קאָסטן פון טרייעל, וואָס האָט אָנגעטראָפן אַרום 300 דאָלער.

קעלי'ס לאַיער האָט אַרויסגעבראַכט פאַר דער דזשורי, אַז מיר האָבן אויף זיכער אַליין אַרויסגעגנב'עט די הינער און קעלי, נעבעך, איז גאָר ניט שולדיק. קעלי'ס לאַיער האָט געטענה'ט, אַז מיר האָבן דאָך געקענט די הינער, וואָס מיר האָבן געקויפט, און דערפאַר איז פאַר אונז געווען גרינג צו דערקענען די הינער ביים גנב'ענען. אַי, וואָס קעלי האָט געהאַט עטליכע הינט, וואָס האָבן געהיט דעם שטאָל, און קיינער האָט גאָר נישט געקענט צוקומען אַהין? דאָס איז ניט געווען קיין טענה פאַר דער דזשורי. וואָס מיר האָבן געזאָגט, איז ניט געווען וויכטיג — נאָר וואָס קעלי האָט געזאָגט, איז געווען וויכטיג, ווייל ער וואוינט דאָרט, און ער גיט אָפּ זיין שטימע פאַר זיי אין עלעקשאָן צייט. נו, אַ ברירה האָבן מיר געהאַט? מיר האָבן באַצאָלט און געמוזט פאַרגעסן אין דעם.

ווען מיין שוואָגער, שמואל גרינשפּאַן, מיין שוועסטער שרה'ס מאַן, האָט שוין געבראַכט זיין פאַמיליע פון אייראָפּע, פאַרגלוסט זיך אים צו קויפן אַ האָטעל אין ליבערטי, אָבער ווען מען האָט געבראַכט די באָרדערס, האָט מען זיי געבראַכט קיין פּוירנדעיל, און דערנאָך האָט מען זיי געפירט קיין ליבערטי. דאָס האָט מען געטאָן מיט דעם צוועק, כדי די באָרדערס זאָלן זיך ניט שרעקן צו קומען צו זיי אין האָטעל, וואָס איז געווען אין ליבערטי, וואָס איז אַ פּלאַץ, וואו אַלע לונגן קראַנקע פאָרן זיך היילן.

דאָס איז געווען אין דער זעלבער צייט, ווען איך האָב געקויפט דעם האָטעל איז איקאָנאַק. ווי געווענליך, זיינען די אַלע באַקאַנטע אונזערע און קרובים, וואָס אונטער געווענליכע אומשטענדן, וואָלטן זיי געווען אונזערע געסט אין האָטעל, אָבער אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט די אמברעלער פעקטאָרי אין שטאָט, האָבן אונזערע קרובים און באַ־קאַנטע, גערעכנט, אַז ער, גרינשפּאַן, נויטיגט זיך, אַז מען זאָל אים גיכער פּאַטראָניזירן ווי אונז.

מיין שוואָגער גרינשפּאַן האָט אָפּגעהאַלטן דעם האָטעל איין סעזאָן, און האָט דערלייגט 10,000 דאָלער און אַרויס נקי. יענעם, וואָס ער האָט פאַרקויפט דעם האָטעל, האָט ער שוין ניט געקענט איינ־ריידן, אַז עס איז ניט אין ליבערטי, ווי ער האָט איינגערעדט די באָר־דערס, און האָט געמוזט דעם האָטעל פאַרקויפן פאַר גאָר־ניט.

מיין שוואָגער איז געגאַנגען צוריק צו זיינע פריערדיקע ביזנעס פון צו זיין אַ קאָנטראַקטאָר פון וואַשעבל קינדער־סוטלעך. דעם נייעם שאַפּ האָט ער געעפנט אין פאָל־ריווער, מאַסאַטשוסעטס, און דער דזשאַבער איז געווען אין ניו יאָרק. אַזוי ווי מיין שוואָגער האָט דאָרט געהאַט אַ גרויסן פלענט, האָט דער דזשאַבער באַשלאָסן, אַז מען זאָל די סוטלעך פּאַקן און שיקן צו די קאָסטימערס פון דער פעקטאָרי פון פאָל־ריווער.

אין דער זעלבער צייט, אין אַ פרייטיק־נאַכט, קריג איך אַ טעלעפאָן פון מיין שוואָגער, שמואל גרינשפּאַן, אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן פרייטיק צו נאַכט דעם מאָלצייט, מיט די גוטע געפילטע פיש מיט די לאָקשן, מיט טשיקן מיט צימעס, מיט אַ קוגעלע, און מיין שוועסטער ,שרה, האָט געזאָלט אַריינגיין אין קיך עפּעס אויפרוימען, — איז זי געפאַלן אויפ׳ן שוועל און געשטאָרבן. איך האָב גענומען די טריין ביינאַכט און בין אַריבער געפאָרן קיין פאָל־ריווער און געזען, אַז מען זאָל איר קערפּער ברענגען קיין ניו יאָרק מקבר צו זיין. דעם שוואָגער נעם איך מיט מיר אויפ׳ן טריין, ווייל ער איז זייער אַ נערוועזער, און ברענג אים קיין ניו יאָרק. געוועגליך, די גאַנצע משפּחה אונזערע זיינע אַלע געוואָרן אויפגערודערט פון דער פּלוצליכער געשעעניש און מען האָט זי מקבר געווען.

אַזוי ווי די דזשאַבערס האָבן געהאַט איינגעריכטעט זייער שיפּינג־רום נעבן דער פעקטאָרי, וואו זיי האָבן געהאַט אויך זייער קאַטינג־רום, האָבן די דזשאַבערס געזען, אַז שמואל גרינשפּאַן און זיין פּאַרט־נער גייען אַרום מיט די הענט אין די קעשענעס, און זיי האָבן אַ „בוי״, וועלכער פירט אָן מיט דער פעקטאָרי, ווייל דער בוי און די אַלע אַרבעטער זיינען איינגעאיבט אין דער אַרבעט און ווייסן גענוי יעדע זאַך צו מאַכן. האָט זיך דער מאַנופעקטשורער באַרעכנט, וואָס דאַרפן זיי די צוויי קאָנטראַקטאָרס, אַז זיי זאָלן אַלע מאָל וועלן מער געלט און האָבן טענות? זיינען זיי געפאַלן אויף אַ פּלאַן — און זיי שלאָגן פאָר די קאָנטראַקטאָרס, אָפּצוקויפן דעם שאַפּ פאַר 14 טויזנט דאָלער.

אָט די צוויי ניט ערפאַרענע „ביזנעסלייט״, די קאָנטראַקטאָרס, האָבן דערהערט אַזאַ גרויסע סומע, ווי 14 טויזנט דאָלער! עס איז דעמאָלט געווען אָן ערב יום־כּפּור, איז איין פּאַרטנער געבליבן אין

דער פעקטאָרי און שמואל גרינשפאַן איז געקומען אהער צו דער טאָכ־טער אויף יום־טוב, און ער דערציילט מיר די געשיכטע פון די 14 טויזנט דאָלער. זאָג איך, אז עס איז ניט ראטזאם צו פארקויפן. זאָגט ער מיר, אז ער האָט שוין מורא טאָמער וועט דער פאַרטנער זיינער פארקויפן דעם שאָפּ אָן אים. נעמט ער און דרייט זיך אום, און פאָרט צוריק קיין פאָל־ריווער אום יום־כיפור נאכט.

ער איז געקומען אהין, מיט דער מיינונג ניט צו פארקויפן, אָבער די 14 טויזנט דאָלער האָבן זיי ניט געלאָזט לעבן. דער מאגנעט פון אזא גרויסע סומע געלט האָט געצויגן און זיי האָבן ענדליך פארקויפט דעם שאָפּ צו די מאנופעקטשורערס.

פון דאָרטן זיינען ביידע פארטנערס אוועק אין א קליין שטעטל, אין ראָזעטא, פענסילווייניא, געארבעט מיט נייע ארבייטער, וועלכע האָבן ניט געקענט די מלאכה, און די ארבייט, וואָס זיי האָבן ארויס־גענומען פון די דזשאבבערס, האָט מען ניט געמאכט ווי מען האָט באַ־דארפט, האָט מען זיי מער ניט געוואָלט געבן קיין ארבעט. האָבן זיי אזוי לאנג אָנגעהאלטן דעם נייעם שאָפּ, ביז זיי האָבן פארלוירן די 14 טויזנט דאָלער, און אויס. שמואל גרינשפאַן איז געגאנגען צוריק און געוואָרן א פרעסער, און דער אנדערער פארטנער איז געוואָרן צוריק אַן אפרייטאָר, און זיי האָבן געארבע ביי יענעם.

אזוי ווי איך האָב געשריבן אין די ערשטע קאפיטלען, אז מיין שוואָגער, שמואל גרינשפאַן, האָט חתונה געהאט מיט מיין שטיף־שוועסטער, עטיע, וואָס מיין פאָטער האָט געהאט פון דער צווייטער פרוי, און עטיע איז געשטאָרבן, האָט שמואל חתונה געהאט מיט מיין אינגערער שוועסטער, שרה. מיט עטיען האָט ער נישט געהאט קיין קינדער, און מיט שרה'ן האָט ער געהאט א מיידעלע, און מען האָט איר א נאָמען געגעבן נאָך עטיע'ן — און אזוי ווי עטיע האָט געהייסן צוויי נעמען, עטיע רבקה — האָט מען דאָס מיידעלע גערופן „רעבעקא".
און מיין שוועסטער שרה האָט נאָך דערלעבט חתונה צו מאכן איר טאָכטער רעבעקא, און נאָך שרה'ס טויט האָט די טאָכטער זיך געג'עט מיט איר מאַן. און אזוי ווי שמואל האָט געוואוינט ביי דער טאָכטער, און אז די טאָכטער האָט זיך גע'גט מיט איר מאַן, האָט ער געמיינט, אז ווייל ער וואוינט דאָרט, האָט ער איבערגעשלאָגן די ליבע פון די

קינדער, און כדי ער זאָל נישט זיין מיט זיי — האָט ער נאָכאַמאָל חתונה געהאַט מיט אַ דריטער פרוי. און מיט דער דריטער פרוי איז ער זיך ווידער צוגאַנגען, און האָט אַ פערטן מאָל חתונה געהאַט, אָבער זיי וואוינען באַזונדער. ער וואוינט ניט מיט איר, מיט דער פערטער ווייב אויך ניט. וואָס, ווער, און פאַרוואָס, ווייס איך נישט, אָבער דערפאַר האָט ער נחת פון זיין טאָכטער „בעקי". זי האָט זיך געפונען אַן עלטערן בחור, אַ לאַנדסמאַן, גאָר אַ פיינעם יונגנמאַן, און זי האָט מיט אים חתונה געהאַט און זיי לעבן זיך גליקליך. קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט, נאָר זיי האָבן אַדאָפּטירט אַ מיידעלע, און זיי רופן דאָס קינד נאָך מיין שוועסטער שרה: — סוזי . . .

אין דער צייט, וואָס מיר האָבן געהאַט די באָארדינג הויז אין איקאָנאַק, האָבן מיר געהאַט אַ שאָופער צו דער מאַשין, וועלכע האָט אָפּגענומען די געסט פון סטיישאָן. האָט זיך מיין פרוי פאַרגלוסט צו פאָרן מיט אים קיין לעיק־האָנטיקטאָן, צו קויפן פיש אויף שבת. זי קויפט איין די פיש און אַנדערע זאַכן און זיי פאָרן צוריק. אויפ'ן בערגל נעבן דזשענעראַל סטאָר, קערט זיך איבער די מאַשין, און מיין פרוי פאַלט אַרונטער אונטער דער מאַשין, און ווערט גוט צוקלאַפּט, און זי מיט דער מאַשין און דער שאָופער זיינען געבליבן ביי אַ קאָזין אין לעיק האָנטיקטאָן, און מיר קריגן אַ טעלעפאָן וועגן דעם עקסידענט, און שפּעטער איז געקומען דער שאָופער אַהיים, און איך בין ביינאַכט אַוועק מיט דער טריין קיין לעיק האָנטיקטאָן צו מיין פרוי.

די געסט פון האָטעל האָבן זיך גענומען ראַשן, אַלע זיינען געפאָרן קיין לעיק האָנטיקטאָן זען זיך מיט מיין פרוי, און דעם דאָקטאָר פון איקאָנאַק האָט מען אויך מיטגענומען אַהין.

איך בין געבליבן אַ פּאָר טעג מיט מיין פרוי צוזאַמען. מיט דעם דאָקטאָר פון איקאָנאַק איז אויך מיטגעקומען מיין אינגסטע שנור, וועל־כע איז דעמאָלט געווען אַ כלה צו מיין אינגסטן זון, מאַרטי. זי בלייבט מיט מיין פרוי אין לעיק האָנטיקטאָן, ביז איבער לעיבאָר־דעי. נאָך לעיבאָר־דעי ברענגט מען מיין פרוי אַהיים אין „וויל־טשער", און עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט און זי איז געזונט געוואָרן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איך האָב אַריינגענומען מיינע דריי זין צו מיר אין די אַמברעלער ביזנעס, האָבן מיר דעמאָלט

פראָדוצירט אַן אמברעלער פאַר מענער. און דער שירעם איז געווען פון דער בעסטער קוואַליטעט, בעסער ווי וועלכער אין מאַרקעט. אויף די דראָטן איז געווען מיט אַ מעטאַלענעם בלעכל באַצייכנט „סאָרינס", וואָס מיינט: „עס אָרענשטיין ענד סאָנס". אַלעס, וואָס עס איז געווען אין דעם שירעם איז געווען פון די צוגעקליבענסטע סחורה, פון די בעסטע וואָס עס קען נאָר זיין. און מיין זון, מעקס, איז געגאַנגען אַהין, וואו מען פּרובירט, „טעסטעד" אוים אַראָפּלאַנען, און דער שירעם האָט געקאָנט אויסהאַלטן דעם ווינט פון 40 מיין אַ שטונדע. און אויך האָט מיין זון אַרונטער גענומען אַ פאָטאָגראַף, ווי ער שטייט און טעסטעד דעם שירעם און דערפון געמאַכט אַ גאַנץ גרויס בילד פאַר אַדווערטייזינג. נאָך דעם האָבן מיר געהאַט דורך אַ פּובליסיטי אַגענט. אַ צאָל „סטאָרים" אין די ציַיטונגען, אין די אידישע און ענגלישע, וועגן דעם נייעם סאָרט אמברעלער. אויך האָבן מיר אַ שטיק צייט געהאַט אַ פולן פּיידזש אַדווערטייזמענט אין דער וואָכנבלאַט, „די סאַטורדעי איווניננ פּאָסט". מיר האָבן דעמאָלט געספּענדט אַריבער 10 טויזנט דאָלער אויף צו אַדווערטייזן דעם אמברעלער.

אין יענער צייט, ווען מיר האָבן געהאַלטן אין אַנאָנסירן וועגן דעם נייעם שירעם, איז אָנגעגאַנגען אַן אויסשטעלונג פון פאַרשידענע סחורה'ס אין ניו יאָרק, אין „גרענד סענטראַל פּאַלאַס". און דאָרטן, אין דעם גרענד סענטראַל פּאַלאַס, האָבן מיר געהאַט אויסגעשטעלט אונזער נייעם אמברעלער, מיט דעם גרויסן „טעסטינג בילד", וואו מיין מעקס פּרובירט אוים דעם אמברעלער אין דער לופט, און מיר האָבן באַזונדער אָנגעוויזן אויף יעדן שטיקל פון די מאַטעריאַלן, פון וועלכע דער אמברעלער ווערט געמאַכט, פון אָנפאַנג ביז ענד.

אָבער איך מוז דערציילן, אַז מיר האָבן מיט דעם נייעם אמברע־לער קיין ערפאָלג נישט געמאַכט. עס איז מיין מיינונג, אַז די שולד איז געווען, וואָס מיר האָבן דעם שירעם בלויז אַ קורצע צייט אַדווער־טאַיזד און דאַן אויפגעהערט. איך גלויב זייער שטאַרק, אַז אויב מען אַדווערטאַיזט איינמאָל, מוז מען אָנהאַלטן דאָס אַדווערטאַיזן פאַר גאָר אַ לאַנגע צייט, און אָנהאַלטן די „נייעם" פאַר די אויגן פון קויפער אויף שטענדיק.

אזוי ווי מיין לאדזש באלאנגט צום אָרדן „ברית שלום" פון פילא־דעלפיא, און אזוי ווי איך בין פון תמיד אָן אן אקטיווער טוער אין אונזער לאדזש, לאָקאל 319, און אזוי ווי דער אָרדן ברית־שלום האָט איינמאָל געמאכט א טעסטימאָניאל דינער פאר איינעם, וועלכער האָט גוט געארבעט פאר דעם אָרדן, און איך און נאָך מיטגלידער האָבן פארנומען א טיש פון 10 ביי דעם טעסטימאָניאל, האָבן אייניגע מיט־גלידער אונזערע, פון לאדזש לאָקאל 319, אָנגעהויבן צו רעדן, אז מען דארף מאכן פאר מיר אזא טעסטימאָניאל דינער ווי פאר יענעם. די מיטגלידער האָבן דעם פאָרשלאג געבראכט צו אונזער מיטינג פון לאדזש, און עס איז דורכגעגאנגן איינשטימיג, אז זיי גייען מיר מאכן אזא טעסטימאָניאל דינער.

דעם 18טן אָקטאָבער, 1936, האָט מען געפראוועט דעם דינער אין א בראָנקסער זאל. איך געדענק שוין נישט גענוי אין וועלכן פלאץ דאָס איז געווען. דער דינער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שיינער מוזיק און טענץ, און לאנגע ספּיטשעס. עס זיינען געווען ארום 50 קאָפּעלס, און עס איז געווען יום־טוב'דיק.

איינער פון די מיטגלידער, וועלכער איז אלעמאָל ביי אונז אין לאדזש געווען „דער בארימטער ספּיקער", האָט מורא געהאַט, אז איך וועל ניט קענען האלטן מיין רעדע צו יענעם באנקעט, און איך האָב געזען ווי ער איז געשטאנען און געציטערט, האָב איך אָנגעפאנגן צו דערציילן זיי גאָר פון אָנפאנג. זיי דערציילט, ווי איך האָב געגרינדעט דעם לאדזש, און ווי איך האָב פארנומען יעדן אמט, וואָס עס איז נאָר געווען צו באקליידן. אָנגעפאנגן האָב איך מיט זיין פּרעזידענט, און דאַן פינאנץ סעקרעטאר, און דאַן פּראָטאָקאָל סעקרעטאר און טרעזשו־רער, און דאַן האָט מען מיך געמאכט פאר האָנארערי פּרעזידענט, וואָס עס מיינט, אויף תמיד. און איצט, האָב איך אָנגענומען דעם אמט פאר אינער־גארד, ווייל אלע ווארפן זיך מיט דעם אמט, איז עס ביי מיר דער גרעסטער אמט און עהרע, וואָס איך שטיי ביי דער טיר. און ביז היינטיקן טאָג ארבעט איך פאר דעם מיטינג, און זע, אז אלע זאָלן קומען, און עס איז געווען צייטן, ווען איך האָב געהאַט צוגעגרייט צו די מיטינגען קאַפּע און קייק, און געזען, אז עס זאָל תמיד זיין פריילעך און לעבעדיק ביי די מיטינגען.

און מיין לאדזש ברודער, דער „באַרימטער ספּיקער", האָט מיך גאָר ניט געקענט אויסלויבן פאַר מיין ספּיטש, וואָס איך האָב געהאַלטן, וועלכער האָט אים איבערראַשט, ווייל ער האָט זיך גאָר ניט געריכט, אַז איך זאָל האַלטן אַזאַ מין רעדע און אָנווייזן גענוי די געשיכטע פון לאָדזש און דערציילט גענוי, ווי דער לאָדזש איז געוואָקסן פון שטופע ביז שטופע. מיין רעדע האָט דעמאָלט געדויערט כמעט אַ דריי־פערטל שטונדע, און מיין קול, גלויב איך, טראָגט זיך גאַנץ שטאַרק און מאַכט דעם געהעריגן איינדרוק.

ביי דעם טעסטימאָניעל האָט מען מיך פּרעזענטירט מיט אַ „סקראָל", און מיין פרוי, מלכה'ן, האָט מען אויך פּרעזענטירט מיט אַ בלומען־טאָפּ פאַר איר אַרבעט פאַר דעם לאָדזש, זי איז געווען אַ וויצע־פּרעזידענטין אַ שטיק צייט, און איינמאָל אויך אַ דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאָן פון אָרדן. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיין ליבע פרוי מלכה האָט פאַרברענגט און געטאַנצט צוזאַמען מיט אַלע פריינט און אונזער גאַנצע משפחה. נאָך דעם איז זי קראַנק געוואָרן.

אַזוי ווי מיט יאָרן פריער, איידער מיר האָבן געהאַט דעם האָטעל, פלעג איך און מיין פרוי פאָרן אין די מאָונטענס איבער יום־טוב, און אָנפאַנגענדיק פון ראש־השנה ביז איבער סוכות געשטאַנען דאָרטן, און דערנאָך, ווען מיר האָבן געהאַט דעם האָטעל אין איקאַנאַק, פלעגט מיין פרוי פאָרן איבער די יום־טובים קיין אַטלאַנטיק סיטי, און איך פלעג צופאָרן צו איר פאַר די „וויק־ענדס". איינמאָל, אַ זונטיק פאַר ראש השנה, איז געווען אַן עקסקוירשאָן או מען האָט גערעכנט גענוי אַ העלפט פון פּרייז פון טיקעטס. האָב איך געקויפט צוויי טיקעטס פאַר דעם פּרייז, וואָס איין, אַ ריטוירן טיקעט וואָלט געקאָסט, און איך מיט מיין פרוי זיינען צוזאַמען אַרויסגעפאָרן קיין אַטלאַנטיק סיטי. מיר האָבן ביידע פאַרבראַכט איבער דעם טאָג אין אַטלאַנטיק סיטי, און איך האָב זי דאָרט איבערגעלאָזט און איך בין אַהיים געפאָרן.

דאָרטן, אין אַטלאַנטיק סיטי, האָב איך באַגעגנט לאַנדסלייט, פון דער גראָסמאַן משפחה, פון מיין היים. זיי זיינען געווען דריי שוועסטער: גאָלדע, בתיה און איטע. די אינגסטע שוועסטער, איטע, איז געווען גע'גט פון איר מאַן, און זי האָט נאָך געוואָלט, אַז ער זאָל איר

געבן אַ אידישן גט. זי האָט ניט געוואוסט וואו אייגנטליך ער געפינט זיך. איינע פון די גראָססמאַן טעכטער האָט געהאַט אַ באָארדינג הויז אין אַטלאַנטיק סיטי, און אַן אײדעם פון דעם באַרימטן חזן זיידל ראָוונער, איז געווען ביי זיי אין באָארד און ער האָט געוואוסט וואו דער איטע׳ס מאַן געפינט זיך. און אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַן עקסטראַ טיקעט פון דעם עקסקורשאָן, וואָס מיין פרוי האָט גענוצט צו פאָרן קיין אַטלאַנטיק סיטי, האָבן די פרויען און מיין פרוי אָריינ־געדעכנט, באַשלאָסן, אַז איטע זאָל אויסנוצן דעם געבליבענעם טיקעט און מיטפאָרן מיט מיר קיין ניו יאָרק, און איך זאָל איר העלפן געפינען דעם מאַן און העלפן איר קריגן אַ אידישן גט. איטע איז מיט מיר מיטגעפאָרן קיין ניו יאָרק. מיר האָבן דעמאָלט געוואוינט אין אַ פלעט פון פיר רומס אויף סאַיפערס עווענױ, בראָנקס. זוך איך פאַר איטע׳ן אַן אָרט, וואו איינצושטיין אין ניו יאָרק. איך פיר זי אַרום צווישן די לאַנדסלייט, צו געפינען פאַר איר אַ פּלאַץ. וואו איך קום, איז ניטאָ קיין אָרט. דאָס איז ניו יאָרק, און יעדער געלעגער אין די וואוינונג פון די לאַנדסלייט איז פאַרנומען.

הכלל, איז ניט געווען קיין ברירה, און איך זאָג איר, אַז זי וועט קענען שלאָפן אין מיין אַפּאַרטמענט די עטליכע נעכט, וואָס זי דאַרף זיין אין ניו יאָרק. איך בין מיט דער איטע׳ן אַרומגעגאַנגען זוכן איר מאַן, און ווען מיר זיינען שוין געקומען נאָענט צו דער טיר, וואו ער איז געווען, האָט איטע חרטה געהאַט און האָט געזאָגט, אַז עס איז איר אוממעגלעך איר מאַן צו באַגעגענען, און זי איז צוריק געפאָרן קיין אַטלאַנטיק סיטי, מיט דעם זעלבן, וואָס זי איז געקומען.

און אַז מיין פרוי, מלכה, איז אין אַטלאַנטיק סיטי געוואָר געוואָרן, אַז איטע איז געשלאָפן אין מיין אַפּאַרטמענט, ווען עס איז קיינער דאָרט ניט געווען, נאָר איך מיט איטע׳ן, האָט זי זיך געהאַלטן אין איין ברוגז׳ן מיט מיר. איך ווידער פון מיין זייט, קען שווערן, אַז איך האָב דאָ גאָר ניט געמיינט, נאָר פשוט דער פרוי געבן אַ פּלאַץ, וואו איבער־צונעכטיגן. אָבער מיין פרוי האָט זיך דאָס ניט געוואָלט גלויבן, אַז איך בין אומשולדיק פון וועלכער עס איז אוואַנטורע. ס׳איז דאָ אַ אידיש ווערטל: „אַז איינער איז געקומען צום רבי׳ן נאָך אַ „תשובה״. פרעגט אים דער רבי, אין וואָס עס באַשטייט זיין זינד? ענטפערט

ער, אז ער איז געפּאָרן מיט אַ ווייבל אויף איין וואָגן. פרעגט אים ווידער דער רבי: — „האָסטו פאַרטשעפּעט דאָס ווייבל?“ ענטפערט ער, אז „ניין!“. זאָגט אים דער רבי: — „אויב אזוי, גיי אהיים און נעם אַ בינטל מיט היי און קייע שטרוי, ווייל דו ביסט אַ גרויסע בהמה.“ דאָסזעלבע מעג מען זאָגן אויף מיר אויך.

און יעדן יאָר, וואָס מיין פרוי פלעגט פאָרן קיין אַטלאַנטיק סיטי אויף יום-טובים, פלעגט זי זיך נאָכפרעגן ביי דער איטע'ן און פאָרשן, צי זי האָט ניט צומאָל זיך באַגעגנט מיט מיר. אָט אזוי קען מען אַמאָל אומשולדיק אריינפאַלן און זיך ניט קענען ארויספּלאָנטערן.

אין די ערשטע קאַפּיטלעך האָב איך געשריבן, אז איך האָב ארויס־גענומען אַן אינשורענט פּאָליסי ביי מיין לאַנדסמאַן און גוטן פריינט, יעקב זוסמאַן פון פילאַדעלפיא, אויף טויזנט דאָלער צו צאָלן צוואַנציג יאָר צייט. ווען עס איז געבוירן געוואָרן מיין ערשט אייניקל, נאָרמאַ, פון מיין עלטסטן זון מעקס, און זיין פרוי מיני, האָב איך דעם אייניקל געוואָלט געבן עפּעס אַ וויכטיגן פּרעזענט, עס זאָל האָבן אַ האַפט און און עס זאָל זיך אָנזען. האָב איך באַשלאָסן, איך זאָל די טויזנט דאָלער פּאָליסי אַוועק געבן אַ פּרעזענט צו מיין ערשט אייניקל, נאָרמאַ. געזאָגט און געטאָן. דער רעכנונג איז געווען, אז ווען דאָס מיידל וועט ענדיגן היי־סקול, זאָל די טויזנט דאָלער דינען צו באַצאָלן דעם קאָלעדזש. די פּאָליסי איז דעמאָלט אָלט געווען עטליכע יאָר אינ־גאַנצן. און אז עס איז געבוירן געוואָרן מיין צווייטער אייניקל, דוד, ביי מיין צווייטן זון, הערי, און זיין פרוי, נעלי, און אויך ביי מיין זון, מעקס, איז געבוירן געוואָרן נאָך אַ בוי, לעני, און ביי מיין אינגסטן זון, מאַרטי, איז געבוירן געוואָרן אַ זון, אלווין און אַ מיידל נעמי.

וואָס טוט מען דעמאָלט? ווי מאַכט מען, אז די אַנדערע קינדער זאָלן ניט ווערן אייפערזיכטיג, וואָס איך האָב דעם ערשטן אייניקל געגעבן טויזנט דאָלער אַ מתנה. און וואָס טוט מען, אז זיי זאָלן ניט זאָגן, אז איך האָב דאָס ערשטע אייניקל פון אָנקל מעקס ליבער ווי זיי אַלע? איך און מיין פרוי, מלכה, זיינען געפאַלן אויף אזאַ פּלאַן: אזוי ווי אונזער לאַדזש האָט געהאַט אַ לאָון סאָסייעטע, וואָס צו יענער צייט זיינען די לאָון אַקציעס געווען איבעראַל אזוי ווי די שוועמלעך אין וואַלד, האָבן מיר באַשלאָסן צו קויפן שערס פון די

„אקציעס״, און אויסגערעכנט, אַז ווען יעדער אייניקל וועט אַלט ווערן 16 אָדער 17 יאָר, זאָל די שערס ווערט זיין צו טויזנט דאָלער, און עס זאָל בלייבן פאַר יעדן אייניקל טויזנט דאָלער. מיר האָבן גענוי אויסגערעכנט וויפיל שערס צו קויפן, און מיר האָבן די שערס צוביס־לעך אויסגעצאָלט. אָבער, אַז עס איז געקומען די צייט פון „דעפּרעשאָן״ אין יאָר 1929, און די לאָון סאָסייעטיס האָבן זיך געמוזט אויפלייזן, און ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, אַז אין אונזער לאָון־סאָסייעטי איז קיינעם ניט פאַרפאַלן געוואָרן קיין געלט, און אַזוי האָבן אויך מיינע אייניקלעך געקראָגן זייערע געלטער אויסגעצאָלט, וויפיל די סומע האָט באַטראָפן צו יענער צייט. אָבער ווען מיינע אייניקלעך האָבן געענדיגט היי־סקול, האָב איך זיי דער־לייגט צו יענעם באַלאַנס פון די שערס, יעדן צו טויזנט דאָלער, און זיי האָבן עס גענוצט פאַר קאַלעדזש עקספּענסעס.

די צייט לויפט, מיין פרוי ווערט קראַנק און מען האָט זי אָנגע־הויבן פירן צו דאָקטוירים. דאָס איז געווען אין די „דעפּרעשאָן״ יאָרן, און מיין טאָכטער, נאַדיאַ, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מיין פרוי מיט די אַלע דאָקטוירים און זי האָט געוואוסט, אַז אונזער געשעפט איז ניט גוט געגאַנגען פינאַנציעל. האָט זי געוואוסט, אַז מיר האָבן ניט געהאַט די פינאַנצן זי אַריין צו געבן אין אַ פּריוועט־רום אין מאָונט סינאַי האָספּיטאַל, און זי האָט זי אַריין געגעבן אין וואָרד.

ווען די מוטערס פון מיינע שנורן האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אָנגעהויבן אַגיטירן צו זייערע טעכטער, אַז עס איז ניט גלייך אַזאַ זאַך, ווען זיי האָבן אונז געהאַלטן פאַר רייכע מענטשן. און וואָס וועט שוין זיין מיט זיי, חלילה, וואָס זיי זיינען אַליין אָרימע מענטשן? האָבן די שנורן אָנגעהויבן צו באַדערן מיין טאָכטער וועגן דעם ענין וואָרד. אָבער זי האָט שוין גאָר ניט געקענט טאָן, ווייל איין מאָל, אַז מען גיט אַריין אַ קראַנקן אין וואָרד, קען מען אים שוין נישט טרענספערן פאַר סעמי־פּריוועט. און זי האָט שוין געמוזט זיין אין וואָרד און האָט דאָרט דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע, און נאָך צוויי מאָנאַט צייט איז מיין פרוי אַהיים געקומען. זי איז געווען אין דער היים נאָך אַ צען מאָנאַט צייט, און איז ווידער קראַנק געוואָרן, און מ׳האָט זי ווידער אַריינגעגעבן אין מאָונט סינאַי האָספּיטאַל. אין אַ

קורצער צייט ארום, האָט מען זי ווידער אהיים געשיקט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ יאַריד מיט נוירסעס, פּריוואַט נוירסעס, דינסטן — און אַ שוואַרצע מיידל צו טאָן די הויז־אַרבייט, האָבן מיר אויך צו־גענומען. מיר האָבן געהאַלטן אין הויז שטענדיק אַ נוירס פאַר מיין קראַנקער פרוי. און צו דער שטענדיגער נוירס האָט מען נאָך באַ־דאַרפט צונעמען נאָך צוויי נוירסעס; הכלל, 3 נוירסעס, צו אַכט שטונדן יעדערע, האָבן זיי געאַרבייט, אַ חוץ וואָס מיין טאָכטער, נאַדיע, און מיינע דריי שנורן זיינען געווען באַשעפטיגט אַרום דער קראַנקער. דער הויז־דאָקטאָר האָט געגעבן אָן אַ שיעור מעדיצינען, אַזוי, אַז ווען זי איז געשטאָרבן, האָט מיר דער דראָגיסט צוריק געגעבן 50 דאָלער פאַר די מעדיצינען אין הויז, וועלכע זיינען נאָך ניט געווען גערירט. איצט קען מען האָבן אַ באַגריף, וואָס עס האָט אָפּגעקאָסט די מעדיצינען, וואָס מיין פרוי האָט פאַרנוצט אין דער צייט פון איר קראַנקהייט.

ווען עס איז געקומען די לעצטע טעג פון שטאַרבן, האָב איך אַליין געמוזט מיין פרוי באַדינען, ווייל די אַלע אָנגעשטעלטע האָבן זיך ניט געוואָלט צורירן צו איר, ווען איר קערפּער איז געווען אַזוי האַלב אָפּגעשטאָרבן און האָט ניט מער פונקציאָנירט.

דעם 17טן דעצעמבער, 1937, אין אַ פרייטיק, 6 אַזייגער אינדער־פרי איז זי אויסגעגאַנגען; שטיל אָן גערודער. מיין טאָכטער און די נוירסעס, האָבן געטאָן, וואָס מען האָט באַדאַרפט. מען האָט אָפּגע־רופן צו דעם אונדערטייקער. דער אונדערטייקער איז געקומען נעמען דעם טויטן קערפּער. ער זעט, ווי עס זיצן 3 מיידלעך, מיין טאָכטער מיט די צוויי נוירסעס, און עסן ברעקפעסט אין קיך, און עס איז שטיל. קיינער איז נישטאָ אין הויז אַ חוץ זיי און מיר. דער אונדערטייקער האָט אַוועק גענומען דעם קערפּער, און איך בין מיטגעפאָרן מיט דעם קערפּער.

אין דער צייט פון מיין פרוי׳ס קראַנקהייט, ווען זי האָט אַליין פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישטאָ קיין רעטונג, און אַז זי וועט שטאַרבן, האָט זי זיך געשפּאַסט מיט די נוירסעס און מיט מיין טאָכטער און אָנגעזאָגט, צו מיין טאָכטער, אַז מען זאָל איר מאַכן אַ שיין קלייד, אַ ווייס זיידן קלייד, וועלכע מיין טאָכטער האָט אַליין אויפגענייט פאַר איר דורך דער צייט. מיין פרוי האָט ניט געזען די דרעס, נאָר מיין

טאָכטער האָט געקויפט דעם זייד און עס אויפגעטראָגן, עס זאָל זיין גרייט. מיין פרוי האָט אָנגעזאָגט, אַז דער אַנדערטעיקער זאָל זי פאַרפוצן נאָכ׳ן טויט און מען זאָל זי ליגן אויף דער זאָפּע ניט אויף דער ערד, און אָנגעזאָגט, למען השם, אַז מען זאָל זי האַלטן דריי טעג; מען זאָל זיך ניט איילן מיט דעם באַגראָבן. און אָנגעזאָגט יעדן קינד באַזונדער, אַז זיי זאָלן זיך ניט לאָזן „רייסן קריעה", איינצושניידן די קליידער פאַר א סימן, ווייל זי האָט געזאָגט, אַז די קינדער האָבן שוין א ריס אין הארצן במילא.

נאָך דעם, ווי דער אַנדערטעיקער האָט מיין פרוי׳ס קערפּער ארויסגענומען פון הויז, זיינען געקומען צולויפן די שנורן און פאַרלאַנגט נאָר מען זאָל מיין פרוי׳ס קערפּער ברענגען צוריק אַהיים און זי זאָל ליגן אין הויז, אין פּאַרלאָר, ביז צו דער לויה. האָב איך געזאָגט צו די דריי זין: — „איך וועל זי הייסן ברענגען צוריק אין הויז מיט איין באַדינג! אַז איר קינדער זאָלט זיצן מיט דעם מת די אַלע דריי טעג, און מען זאָל פאַר קיין פאַל ניט אריינגעמען א פרעמדן „זיצער". די קינדער האָבן איינגעשטימט צו דעם און מען האָט מיין פרוי׳ס קערפּער צוריק געבראַכט אין הויז אריין, און זי געליגט אין א ספּעשל קערידזש אין אונזער בעד־רום. זי האָט אויסגעזען ווי לעבעדיק און קיינער האָט זיך נישט געשראָקן, ווען מען איז אריין געקומען צו אונז.

דער טאָג איז געווען שבת. א גאַנצן טאָג זיינען געקומען פאַרשידענע באַקאַנטע און קרובים און מען איז געזעסן, מען האָט געשמועסט, גערויכערט און פאַרשטאַנען, אַז דעם טויטן קען מען שוין נישט לעבעדיק מאַכן. דעם טאָג קומט מיינע א פּלימעניצע, חוה טרוי, און לויפט צו צום טויטן קערפּער. זי נעמט מאַכן געוואַלדן און שרייען און וויינען. לויף איך אריין צו איר און פרעג, וואָס זי פירט זיך אויף ווי א ווילדער מענטש און מאַכט געוואַלדן? האָט זי מיר געענטפערט, אַז א אינגל איז ביי איר קראַנק, דערפאַר בעט זי ביי דער פאַרשטאָרבענער, אַז זי זאָל זיך מיהען, דער בויטשיק זאָל געזונט ווערן. שטיל איך זי איין, און ערקלער איר, אַז לויט ווי איך פאַרשטיי, קען דער טויטער איר גאָר נישט העלפן אין אַזא ענין, און זי איז שטיל געבליבן. זי איז געווען די איינציגע, וואָס האָט געמאַכט געוואַלדן ביי אונז אין

הויז, די אַנדערע האָבן זיך אויפגעפירט רוהיג, שטיל, אריינגערעכנט מיינע אַלע קינדער. מיינע דריי זין האָבן זיך געביטן די גאַנצע צייט, וואָס דער קערפּער איז געווען אין הויז, יעדער צו עטליכע שטונדן, זיינען זיי געשטאַנען ביי דער מוטער'ס קערפּער.

זונטיק אינדערפרי, זיינען געקומען מיין פרוי'ס צוויי ברידער, איינער, ישראל, און דער צווייטער ברודער, מענדעל פישטיין. מיט א צייט פריער, ווען מיין פרוי איז שווער קראַנק געווען, זיינען די צוויי ברידער אויך געקומען זי באַזוכן. מיין פרוי האָט דעמאָלט געזאָגט צו די צוויי ברידער: — „איצט, קענט איר ביידע מיך זען, און איך קען זען אייך אויך, איז דאָס גוט. אָבער, חלילה, ווען איר קומט נישט אין צייט, נאָר שפּעטער, ווען איך בין שוין טויט, דעמאָלט וואָלט איר מיך יאָ געקענט זען און איך אייך — ניט, איז בעסער." און זי איז געווען צופרידן, וואָס זיי זיינען זי געקומען זען ווען זי האָט נאָך געלעבט.

אין דער צייט פון דער לויה, זיינען געקומען הונדערטער מענטשן, און אויף דער גרענד קאָנקאָרס זיינען געשטאַנען הונדערטער מענטשן אין דרויסן פון אונזער וואוינונג, און די גאַס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן, פון די אַלע סאָסייעטיס, וואָס מיין פרוי האָט באַלאַנגט און געווען אַקטיוו אין זיי. מיין פרוי האָט געהאַט א זייער ריינעם דיבור, און האָט זיך געקענט אוועקשטעלן פאַר אַן עולם, און געהאַט דעם מוט און געוואוסט וואָס צו רעדן.

רעכן איך אויס דאָ סאָסייעטיס, צו וועלכע זי האָט באַלאַנגט און געווען טעטיג: — צו דער „ערשטער בערטשאַנער סאָסייעטע", צו „דער לײדיס אָקזילערי", צו „קליין־טשערנאָוויצער סאָסייעטע", צום „האיאס", אימיגראַנטן סאָסייעטע, צו דער „היברו דעי־נוירסערי", צו דעם „ביקור חולים", קאָנוואַלעסענט האָום, צו דער „האָום אָף דאָטהער אָף דזשעיקאָב", און צו „ר' יצחק אלחנן" ישיבה, און צו דעם בראָנקס לאָדזש „ברית שלום 319".

אזוי ווי זי איז געווען אייניקע מאָל א דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאָן פון דעם אָרדן ברית־שלום, זיינען געקומען עטליכע פון די פירער פון יענער אָרגאַניזאַציע, פון ברית־שלום, צו דער לויה פון מיין פרוי.

דער ברית-שלום אָרדן האָט אין אַ געוויסער צייט געקליבן געלט פאַר אַ סקאָלאַרשיפּ אין דער העברעאישער שפּראַך, און דעמאָלט איז מיין פרוי געווען ביי דער קאָנווענשאָן; האָט זי געגעבן 100 דאָלער פאַר דעם צוועק.

היינטיקן 19טן דעצעמבער, 1950, ווערט 13 יאָר זינט עס איז פאָרגעקומען די לויה פון מיין פרוי, און ביז היינטיקן טאָג רעדן אונ־זערע שכנים נאָך דערפון, ווייל דער חידוש איז געווען, און איז גע־בליבן ביי אַלעמען, וואָס מיר האָבן נישט געמאַכט קיין רעליגיעזע לויה.

קיין רעליגיעזע צערעמאָניע האָבן מיר טאַקע נישט דורכגעפירט, נאָר רעדנער זיינען געווען אַ גרויסע צאָל, וועלכע האָבן אויסגערעכנט אַלע אירע מעלות טובות, וואָס זי האָט נישט געלעבט קיין פּוסטן לעבן פון אַ דורכשניט־פרוי.

נאָך מיין פרוי׳ס אָפּשטאַרבן

אַזוי ווי מיר האָבן געהאַלטן אַ דינסט־מיידל אין הויז, אַ שוואַרצע, איר נאָמען איז געווען, פּאָלינע, און זי האָט געפירט די הויז ווירט־שאַפט. זי פלעגט קומען יעדן טאָג און זיין אין הויז 8 שטונדן צייט, איז דאָס הויז געווען אין אָרדענונג, ריין. סאַפּער אָפּגעקאָכט. די מיידל פלעגט מיר זאָגן, אַז אויב איך וועל קומען אין צייט פאַר דעם נאַכטמאָל עסן, וועט זי אַליין וואַשן דאָס געשיר, און אויב איך וועל קומען שפּעט, וועט איך אַליין מוזן וואַשן דאָס געשיר. דאָס נאַכטמאָל איז אַלעמאָל געווען אָנגעגרייט איבער אַ קליין פייערל, ווען איך פלעג קומען שפּעט אַהיים. אַזוי איז די פּאָלינע אָפּגעוועזן אין מיין הויז אַ צוויי יאָר צייט נאָך מיין פרוי׳ס טויט. און איך האָב געהאַט מיר אַ ריינע היים און האָב פון קיין טראָבל נישט געוואוסט.

דאַרף זיך מאַכן, אַז די מיידל צורעדט זיך מיט מיין טאָכטער, נאַדיאַ, און זי געפעלט מיין טאָכטער, און מיין טאָכטער רעדט זי צו, אַז זי זאָל זיך נעמען בעסער און גיין שטודירן. מיין טאָכטער קלערט איר אויף און זאָגט, „אַז אַזאַ פיינע קלוגע מיידל ווי דו, זאָל סקראָבן פלאָרס? בעסער גיי אין סקול, ועסטו אויף עפּעס אויסשטודירן.״

און זי, די שווארצע פּאָלינע, האָט די רייד פון מיין טאַכטער אריינגע־נומען אין קאָפּ־אריין, און גענומען גיין אין „נאַיט־סקול״. אין די צוויי יאָר צייט, וואָס זי איז געווען אין מיין הויז, איז פּאָלינע געגאַנגען אין סקול און זיך זייער גוט געלערנט. דער סוף איז געווען, אַז זי האָט געוואונען אַ סקאָלערשיפּ פאַר איר קאָלעדזש בילדונג און איז אוועק אין דעם אוניווערזיטעט, און היינט איז זי אַ לערערין פון לאַטיין.

ווען פּאָלינע האָט געענדיגט די אוניווערזיטעט, האָט זי געשריבן צו אונז אַ בריוו, וואו זי האָט געדאַנקט מיין טאַכטער, וואָס זי האָט זי ארויפגעפירט אויף דעם וועג. מיין טאַכטער האָט איר געשיקט אַ מתנה 50 דאָלער, און איך האָב איר געשיקט 10 דאָלער און אַ רעגענשירעם.

פּאָלין האָט ווידער געענטפערט, און דערציילט אַלץ, ווי שווער עס איז איר אָנגעקומען ביז זי האָט געענדיגט. זי האָט נישט פארגעסן צו דערמאָנען, אַז זי איז די גאַנצע צייט געגאַנגען אין די קליידער, וואָס מיינע אייניקלעך האָבן איר געשאָנקען, ווען זי איז געווען מיט מיר און האָט נישט באדארפט קויפן קיין קליידער די גאַנצע צייט פון איר שטודיום.

די פּאָלינע האָט זיך אַמאָל אויסגעשפּראָכן צו מיר, ווענן מיין טאַכטער נאַדיאַ, און געזאָגט, אַז אַלע מענטשן זיינען אַזוי שלעכט, און זי קען גאָר נישט פארשטיין ווי עס האָט זיך גאָר גענומען אַזאַ גוטע נשמה ווי מיין טאַכטער.

די גאַנצע צייט ווי די מיידל, פּאָלינע, איז געווען אין הויז, האָב איך נישט געוואוסט פון קיין טראָבל. מיין הויז איז געווען ריין און שיין, און מיין עסן איז געווען צו דער צייט. איך פלעג איינלאַדן די פרויען פון די סאָסייעטעס, צו וועלכע מיין פרוי פלעגט באַלאַנגען, צו מאַכן קארד פּארטיעס אין הויז, פאַר וואָלטעטיגע צוועקן. און די מיידל פלעגט צוגרייטן אַלץ פאַר זיי. און אַז די פּאָלינע איז אוועק שטודירן, האָב איך זיך נישט געקענט צוקלויבן קיין אַנדער דינסט־מיידל אויף איר פּלאַץ. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון מיידלעך, אפילו צום רייניגן דאָס הויז בלויז. איך פלעג איבערלאָזן אויף אַ פּלאַץ אונטער דער טיר די שליסל, זיי זאָלן נעמען די שליסלען, אריינ־גיין און אויסרייניגן. איך פלעג איבערלאָזן דאָס געצאָלט, דאָס געלט

אויך אין הויז, זיי זאָלן זיך נעמען און קענען גיין אהיים נאָך דעם, ווי זיי וועלן רייניגן דאָס הויז. זייער אָפּט האָט פּאַסירט, אַז איך האָב דאָס אַלץ באַזאָרגט, און דאָס מיידל איז נישט געקומען. איז דאָס הויז געשטאַנען אומריין — און איך האָב זיך קיין עצה נישט געקענט געבן און געמיינט, אַז די וועלט איז צו ענד.

אויף איינמאָל, קום איך אהיים און געפין, אַז דאָס מיידל איז יאָ געווען רייניגן דאָס הויז, נאָר זי האָט פאַר זיך געקויפט „פּאָרק און בינס", און האָט עס אויפגעוואַרעמט, אָפּגעגעסן און האָט אפילו דאָס טעפּל נישט אויסגעוואַשן.

איך וויל גיין נעמען מיין נאַכטמאָל און דערזע דאָס אומריינע טעפּל פון די פּאָרק און בינס, וואָס איך האָב עס ביי מיין לעבן נישט געגעסן. און ווען זי איז ווידער געקומען צו מיר, האָב איך איר דאָס פאַרגעהאַלטן, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אַ שמוציק, נישט געוואַשן טעפּל. האָט זי מיך שטאַרק באַליידיגט און געזאָגט, אַז עס איז אַ ליגן.

דעמאָלט מאַך איך אַ באַשלוס מיט זיך אַזוי: — „ווילסט לעבן, מוזטו אַליין קאָכן און רייניגן דאָס הויז."

און אפילו מיט וואַשן די וועש, האָב איך אויך געהאַט דיזעלבע צרות. איך באַשטעל דעם לאָנדרי-מאַן צו קומען נאָך דער וועש פאַר זיבן אַזייגער אינדערפרי, איידער איך גיי צו דער אַרבייט. איז ער עטליכע מאָל געקומען אין צייט. אָבער מיט דער צייט, איך זע, ער קומט נישט, און איך וואַרט מיט דעם גאַנצן באַרג וועש. ווער איך געוואָר פון די שכנים, אַז אין קעלער פון הויז איז דאָ אַ וואַש-מאַשין. באַשליס איך, אַז די קלענערע וועש זאָל איך וואַשן אין קעלער אין דער וואַש מאַשין, און די גרעסערע, די ליילעכער מיט די העמדער, קען איך אוועקטראָגן אין דער לאָנדרי, ווען איך וויל און האָב צייט, און קען זיי אָפּנעמען ווען איך האָב צייט.

און אַזוי גיי איך אָן מיט מיין לעבן די לעצטע צען יאָר.

יענעם ווינטער, נאָך מיין פרוי'ס טויט, כדי זיך אַביסל צו צע־שטרייען, בין איך אוועק געפאָרן קיין דעטרויט צו וויזיטן מיינע צוויי שוואָגערס, מיין פרוי'ס צוויי ברידער. דאָס איז געווען איבער „וואַ־שינגטאָנ'ס בוירטדעי." און איך האָב זיך דאָרט אַביסל אַמוזירט.

זיי זיינען מיט מיר צוגעפאָרן צו דעם טייך, וואו די פאָרד פאַמיליע האָט געוואוינט און מיר האָבן גענומען פאָטאָגראַפיעס.

אין א שיינעם זונטיק־טאָג, נאָך א גרויסן אויסגעפּאַלענעם שניי, פאַרווילט זיך מיר צו נעמען מיינע קלענערע אייניקלעך און מיט זיי אריבערפאָרן און זיי ציינגן די סטעטשו אָף ליבערטי. פאַר דעם צוועק האָב איך אָנגעקויפט פאַרשידענע נאַשערייען פאַר די קינדער, און ארום צען אזייגער אינדערפרי זיינען זיך די קינדער צונויפגעקומען.

איך בין מיט זיי אוועקגעפאָרן צו דער בעטערי פּאַרק, און מיר האָבן גענומען די פערי־באָוט און מיר זיינען אריבערגעפאָרן צו דער סטעטשו אָף ליבערטי. מיט מיר זיינען מיטגעווען מיין אייניקל לעני, מיין מעקס'עס זון; אלווין, מיין מארטינ'ס זון; דייוויד, מיין הערי'ס זון; און נעמי, מיין מארטי'ס מיידעלע. און די קינדער האָבן זיך זייער אמוזירט, אָנקוקנדיק די „סטעטשו", און האָבן ארויפגעקלעטערט ביז ארויף אויבן, צו דער העכסטער הויך. די קינדער זיינען ארומגעלאָפן, געליארמט, געשריגן, און זייער ווידער־קול האָט זיך געטראָגן, אזוי, אז אלע ארום האָבן געהערט זייער צופרידנקייט מיט דעם באזוך פון דער סטעטשו אָף ליבערטי. זיי האָבן זיך איינגעשטילט, ווען זיי זיינען גאַנץ מיד געוואָרן פון דעם ארומלויפן, און דערנאָך זיינען מיר ארויפגעגאנגן צוריק אויף דער פערי־באָאוט.

פאַרנדיק צו דער סטעטשו אָף ליבערטי, זיינען זיי געווען אזוי פאַרטיפט אין דעם געדאַנק, אז זיי זאָלן קומען צו דער סטעטשו און ארויפלויפן די טויזנטער טרעפּ, און קיין זאַך האָט זיי ניט אינטערעסירט אויף דער שיף, וואָס האָט זיי געפירט אהינצו. אָבער צוריק צו וועגס, האָבן זיי געפונען א געוואַלדיגן אינטערעס אין סואווענירס, וואָס עס איז געווען אויסגעשטעלט אויפ'ן שיף, און זיי האָבן געוואָלט, יעדער פון זיי האָט געוואָלט, עפּעס אהיימברייינגן צו האָבן אן אָנדענקן פון דעם שיפל, און פון דער רייזע. זיי האָבן געוואָלט אלעס אויסקויפן, וואָס עס איז געווען אויסגעשטעלט. דער פאַרקויפער פון דער שיף איז ניט געווען זייער פאַרנומען, ווייל עס איז געווען אין ווינטער, און עס זיינען געווען ווייניג מענטשן אויף דער שיף, אז אונזער פאַמיליע איז כמעט געווען די איינציג רייזנדע. האָט זיך דער פאַרקויפער אָפּגעגעבן מיט מיינע אייניקלעך און זיי וועגן אלץ ערקלערט,

און זיי זיינען גרייט צו קויפן אַלץ. נאָך איין זאַך, קיין געלט האָבן זיי ניט געהאַט גענוג אַלץ אויסצוקויפן. אין זייערע קעשענעס האָט יעדער אייניקל געהאַט מסתמא עטליכע פּענים, אָדער אפילו דאַימס. און דאָ וויל דער פאַרקויפער פאַר יעדן סואוועניר עטליכע דאָלער אַ שטיק. איך בין געשטאַנען און צוגעקוקט און הנאה געהאַט ווי זיי דינגען זיך און באַרגענען מיט דעם פאַרקויפער, און איך האָב זיי ניט פאַרגעשלאָגן אַרויסצוהעלפן מיט געלט. איך האָב געוואָלט זען, וואָס פאַרא עצה זיי וועלן זיך אַליין געבן אין אַזאַ פאַל, ווען זיי האָבן ניט גענוג געלט. די עלטערע פון מיינע אייניקלעך זיינען דעמאָלט געווען סך הכל, אין די יאָרן פון צען און צוועלף, און איך האָב געוואָלט זען, ווי אַזוי זיי וועלן אויפנעמען די שוועריגקייטן פון לעבן, און צו וואָס פאַר אַ מיטל זיי וועלן זיך דערטראַכטן און אָננעמען, כדי ניט אַהיים צו פאָרן מיט ליידיקע הענט.

בין איך געשטאַנען און געזען, ווי זיי האָבן צווישן זיך אַליין אַן עצה געגעבן: זיי האָבן געבאָרגט איינער ביים אַנדערן — און פאַר־שטאַנען, אַז זיי מוזן קויפן די ביליגערע סואוועניִרס און ניט די טייע־רע, וואָס קאָסטן גאַנצע דאָלערס, נאָר וועלכע קאָסטן צענדליקע פּענעס.

אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך געזען, ווען איך בין אַלט געווען אין דעם עלטער פון מיינע אייניקלעך, און זיך דערמאָנט קלאָר, ווי איך האָב שוין דעמאָלט געאַרבעט אַלס אַ טאָקער און פאַרדינט מיין ברויט, ווי איך האָב געדרייט דאָס רעדל מיט די פיס און צוגעאַרבעט מיט די הענט — און אַז איך האָב פאַרגליכן די שוועריגקייטן פון מיינע אייניקלעך אין דעם געגעבענעם מאָמענט, און מיינע שוועריג־קייטן אַלס אינגל אין זייערע יאָרן, האָב איך ערשט פאַרשטאַנען דעם חילוק פון מיין פאַרלוירענער יוגנט אויף יענער זייט ים, און די פריי־לעכע און אינטערעסאַנטע יוגנט־יאָרן, וואָס די קינדער האָבן דאָ אין דעם אַמעריקאַ.

נאָך דעם אַלעמען האָבן די קינדער זיך משמח געווען מיט די אַלע נאַשערייען, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך — און אַז זיי זיינען אַהיים געקומען און דערציילט זייערע מאַמעס, וואו זיי זיינען געווען, וואָס זיי האָבן געזען, וואָס זיי האָבן געקויפט, און וואָס זיי האָבן גענאַשט — איז ביי מיינע שנורן געווען זייער אָנגעלייגט, וואָס

איך האָב אינזין געהאַט מיטצונעמען פאַר די קינדער די אַלע נאַשע־רייען.

ווי מיינע שנורן האָבן מיר איבערגעגעבן, ווען די קינדער זיינען אַוועק פון הויז האָבן מיינע שנורן זיך געזאָרגט: — וואָס וועלן די קינדער עסן? זיי וועלן קומען אַהיים הונגעריקע! אָבער ווען די קינדער האָבן דערציילט, אַז דער גרענד־פּאַ האָט געהאַט מיט זיך אַלע גוטע זאַכן, האָבן מיינע קינדער זייער הנאה געהאַט, וואָס איך האָב זיך צוגעגרייט מיט די נאַשערייען פאַר די אייניקלעך.

און אַזוי האָט זיך געגרוקט די צייט. דער „ברית־שלום" אָרדן האָט געהאַט אַ קאָנווענשאָן אין אַטלאַנטיק סיטי. איך בין געווען אַ דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאָן, און בין אַהין געפאָרן אויסגעקליידט מיט צוויי זומערדיקע אַנציגער, און נאָך אַנדערע קליינינקייטן, און זיך גע־פילט געהויבן. עס איז געווען אַן אויסערגעוויינליכער קאָנווענשאָן. דעמאָלט האָט מען באַדאַרפט בייטן דעם הויפּט (גרענד) סעקרעטאַר. עס זיינען געווען אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן, וועלכע האָבן אַגיטירט, אַז מען זאָל דעם סעקרעטאַר איצט אויסבייטן אויף אַן אַנדערן. יענער סעקרעטאַר איז געווען שוין פאַר יאָרן מיט דער אָרגאַניזאַציע. די קריטיקער האָבן אָבער געוואָלט אַ אינגערן סעקרעטאַר, און זיי האָבן אָנגעווענדט אַלערליי דריידלעך, און מ'האָט אים אויסגעביטן אויף אַ אינגערן. דריי טעג האָט מען זיך אַרום גע'הרג'עט, און ענדליך האָט מען דעם געוועזענעם סעקרעטאַר צוגעזאָגט, אַז מען וועט אים במילא צאָלן זיינע שכירות, און אַזוי איז מען פון אים פּטור געוואָרן. איך אַליין בין געווען פאַר דעם אַלטן סעקרעטאַר, מאַרטין ליוואַי, אַז ער זאָל בלייבן אין אַמט. נאָר איך האָב בלויז פאַרבראַכט 3 טעג אויף דער קאָנווענשאָן, און ווען איך האָב געזען, אַז עס נעמט קיין ענדע ניט, בין איך אַהיים געפאָרן, און האָב שפּעטער געהערט וועגן דער געשעעניש, אַז מען האָט דעם אַלטן סעקרעטאַר אַראָפּגעזעצט.

אַזוי ווי נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען עס איז געוואָרן אַ גרויסער מאַנגל אין וואוינונגען, האָבן מענטשן געפונען אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו געפינען וואוינונגען. זיי פלעגן נאָכקוקן אין די צייטונגען, וואו עס זאָל זיך ניט טרעפן, וואו עמיצער איז געשטאָרבן, און געגאַנגען אויף יענעם אַדרעס און פּרובירט קריגן די דירות. אַזוי, כמעט אַזאַ

פלאַן האָבן געהאַט די אַלמנות, גרושות, וועלכע ווילן הייראַטן. זיי זוכן וואו אַ פרוי איז שטערבליך קראַנק, הויבן זיי אָן צו פאַרפּאָלגן דעם מאַן מיט באַקענען זיך מיט אים, מיט גוטע ריידעלעך, מיט געבן עצות, איידער די פרויען שטאַרבן נאָך. אַזוי האָבן מיך אָנגעהויבן צו פאַר־פאָלגן עטליכע פרויען. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז כדי אויסצו־מיידן די פרויען „כאַפּערקעס", האָב איך געמוזט גיין אַהיים צו מיין הויז דורך אַנדערע, זייטיגע וועגן, זיי זאָלן מיך ניט באַגעגענען.

איינע, אַ יונגע פרוי, מיין שנור'ס אַ קוזינע, האָט אַריינגעצווינגען זיך אין דער צווייטער הויז פון מיר, און פלעגט קומען אין הויז אַריין, און פלעגט אויך ענטפערן דעם טעלעפאָן, כאָטש די שוואַרצע דינסט־מיידל איז געווען דעמאָלט אין שטוב.

איינמאָל רופט מיך מיין שנור אויפ'ן טעלעפאָן, און די פרוי ענטפערט איר. מיין שנור, הערענדיק איר קול, מיינט שוין, אַז איך האָב חתונה געהאַט מיט איר קוזינע, וועלכע איז געווען אַן אַלמנה.

איך האָב געהאַט אַ לאַדזש־ברודער. ער האָט געהאַט אַ שוועס־טער, אַן אַלמנה. איינעם אַ זונטיק, איך פאָר קיין מאָונט־וואַוירנען, אין דער קאָנוואַלעסענט היים, זיך צו טרעפן מיט מיינעם אַ פריינט. איך גיב אַ קוק, דאָרטן אין דער קאָנוואַלעסענט היים, דעם לאַדזש־ברודער'ס שוועסטער קומט צו צו מיר און פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל גיין זיצן מיט איר צוזאַמען ביים טיש עסן סאַפּער, פאַר וועלכען יעדער באַזוכער האָט געוועהנליך געקויפט טיקעטס, און האָט געקענט עסן נאַכטמאָל דאָרטן. זאָג איך צו דער מאַדאַם, אַז איך בין געקומען מיט מיין קאָמפּאַני, מר. און מרס. לוקאַטשער, און איך קען ניט איבערלאָזן מיי קאָמפּאַני און גיין זיצן מיט איר. נאָר איך האָב איר געגעבן אַ טיקעט פון די בילעטן, וואָס איך האָב געהאַט איינגעהאַנדלט און באַצאָלט פאַר'ן נאַכטמאָל. איך האָב איר געזאָגט, אַז זיצן ביים עסן, וועט זי מוזן איינע אַליין. זי האָט צוגענומען דעם טיקעט, נאָר אינמיטן סערווירן דעם סאַפּער איז זי צוגעקומען צו מיר, און פאַרלאַנגט איך זאָל איר געבן אַ דאָנײשאָן פאַר אַ געוויסער אינסטיטוציע, און איך האָב איר ניט אָפּגעזאָגט און געגעבן.

אויפ'ן וועג אַהיים, אין דעם עלעוויטער־טריין, שפּאַס איך מיט איר און זאָג איר, אַז: „אויב איר זענט אַזוי נייגעריק מיך צו זען,

קען איך אייך געבן מיין שליסל און איר קענט קומען ווען איר ווילט, און ווען אייער האַרץ גלוסט.״

שפּעטער מיט אַ וואָך צייט, האָב איך געקראָגן פון איר אַ שיין בריוועלע, וואו זי האָט מיך איינגעלאַדן צו קומען — איך זאָל זי טרעפן דאָרט אין אַ סאָסייעטע, וואו זי איז געווען איינע פון די אַקטיווע טוערינס. איך האָב אויף דעם בריוו נישט געענטפערט.

מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָבן מיר געהאַט אין אונזער סאָסייעטע אַן אינסטאַליישאָן-סאַפּער, און איך גיב אַ קוק — דיזעלבע פרוי איז דאָ, זי האָט געהאַט באַצאָלט אַ 7 דאָלער פאַר דעם נאַכטמאָל, און גלייך איז זי צוגעקומען צו מיר. איך האָב זי גענומען און געגאַנגען צווישן אַלע מיינע באַקאַנטע און זיך געשפּאַסט און זי פאָרגעשטעלט, אַז זי איז דאָס געווען מיין ערשטע כלה, וועלכע האָט זיך גע׳שדכנ׳ט צו מיר נאָך מיין פרוי׳ס אָפּשטאַרבן.

זי, די פרוי, איז געווען אַ שיינע, אינטעליגענטע פרוי, מיט אַ שיינער פיגור און אַ פיינעם פּנים — און ווען זי האָט מיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט, איז ערשט געווען אַ צוויי-דריי וואָכן נאָך איר מאַנ׳ס טויט.

אַזוי האָט זיך אָוועקגערוקט אַ יאָר, און מען האָט געשטעלט פאַר מיין פרוי מלכה אַ מצבה. איך האָב געמוזט נאָכגעבן אַלע שנורן, אַז צו דער „ענוויילונג״ האָט מען געבראַכט אַ רב, ער זאָל זאָגן תפילות. אָבער איך האָב זיך געהאַט מיין וועג. איך האָב מיטגע־בראַכט אויף דעם ביתעולם, אַלע רעסיטס, וואָס איך האָב געפונען, וועלכע מיין פרוי האָט אַוועק געגעבן צו פאַרשידענע טשאַריטי אינ־סטיטוציעס. דאָרט, ביים אויפדעקן דעם שטיין, אָנשטאָט אַ קדיש, האָב איך געהאַלטן אַ רעדע ביים קבר, און יעדן געוויזן די רעסיטס, און געזאָגט, אַז איך וויים גאָר ניט, פונוו אַנען מיין פרוי מלכה האָט געקענט אַזויפיל אַוועקגעבן צדקה, ווייל איך האָב איר גאָר אַזוי פיל געלט ניט געגעבן.

מיין לאַדזש האָט געוואָלט מאַכן אַ „געיט״ צו דער סעמעטערי, וועלכע איז אויף קינג סאָלאָמאָן סעמעטערי. האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן ביכלעך מיט ראַפּעלס. האָב איך זיך אונטערגענומען צו פאַר־קויפן 5 ביכלעך, 50 ראַפּעלס, 10 סענט אַ ראַפּעל. איך האָב זיי

צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיי געבן אַן אמברעלער פאַר יעדן ביכל, ווער עס וועט נעווינען דעם ראַפעל, וועט קריגן אַן אמברעלער.

אַזוי ווי איך האָב זיך אונטערגענומען צו פאַרקויפן 5 ביכלעך מיט ראַפעלס, האָב איך געזוכט קונים, און וואו איך האָב עמיצן באַגעגנט אין „פאָר־פּאַרק", אויף די קאָנקאָרס, לעבן מיין וואוינונג, האָב איך פאַרקויפט צו עטלעכע מענטשן מיינע ראַפעל־טיקעטס. עס זיצן צוויי פרויען אין פאָר־פּאַרק, און איך באַט זיי אָן צו קויפן פון מיר די ראַ־פעלס; זיי רירן זיך ניט און זאָגן ניט צי זיי נעמען, צי ניט. לעבן די פרויען זיצט אַ מאַן, מיינער אַ פריינט, שיין געקליידעט און אַ זייער אינטערעסאַנטער מענטש, און ער נעמט און באַצאָלט פאַר די צוויי ראַפעל טיקעטס פאַר די צוויי פרויען, און ער גיט זיי די טיקעטס.

ווען מען האָט געראַפעלט די ביכלעך, האָט איינער אַ פאָריער, ראָזענבלאַט, געוואונען דעם אמברעלער. איינע פון די צוויי פרויען, פאַר וועלכע מיין פריינט האָט באַצאָלט פאַר די ראַפעל טיקעטס, האָט מיך אָנגעהויבן צו באַלעסטיגן, ווען זי האָט מיך באַגעגנט אין פאָר־פּאַרק, און מיר אָנגעהויבן צו דערציילן אַזאַ מין מעשה: זי האָט געהאַט אַ מאַן, דערציילט זי, וואָס האָט זיך צו איר גע'שדכנ'ט און געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. און די צווייטע פרוי, וועלכע האָט געקראָגן דעמאָלט דעם צווייטן ראַפעל טיקעט, איז איצט אין ראקאָוועי ביטש, און זי וויל ביי איר צונעמען דעם מאַן, וועלכער געפינט זיך דעם זומער אויך אין ראקאָוועי. וויל די פרוי, ניט אַנדערש, נאָר איך זאָל מיט איר איצט פאָרן קיין ראקאָוועי, כדי זי זאָל קענען אויפווייזן איר פריינדין, אַז זי האָט געקראָגן אַ בעסערן „באַרגעין", ווי יענע וויל ביי איר צונעמען.

איך האָב אויסגעהערט וואָס זי האָט געזאָגט — און בין נישט געפאָרן מיט איר. דער זומער איז אַוועק, און די צווייטע פרוי איז צוריק געקומען, און איך האָב, ווען ביידע פרויען פלעגן זיצן אין פּאַרק, זיך געשפּאַסט פון דעם, וואָס די פרוי האָט מיך געוואָלט נעמען קיין ראקאָוועי.

אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט, מיר זיצן אין פאָר־פּאַרק, עס הויבט אָן רעגענען און אַלע הויבן אָן צו אַנטלויפן. און אַזוי ווי איך וואוין לעבן פּאַרק, זאָג איך צו דער צווייטער פרוי, וועלכע איז צוריק געקומען

פון ראַקאָוועי: — „„איך קען אייך אהיים נעמען מיט מיין אמברעלער.״ איך האָב די פרוי אַריינגענומען צו מיר אין שטוב און אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע ליכט, געמאַכט ליכטיג, און האָב זי אויפגענומען און טראַקטירט מיט שנאַפּס און איינגעמאַכטס, און אין עטליכע מינוטן אַרום האָב איך גענומען אַן אמברעלער אין הויז, און האָב זי אָפּגעפירט אהיים, וואָס איז געווען ניט ווייט פון מיין הויז.

איך האָב געהאַט אַן אָפּאָלסטערט שטול אין הויז, און איך האָב דעם שטול איבערגעאַרבייט אַליין, און זיצנדיק אין פּאַרק, עטליכע טעג שפּעטער פון יענעם אינצידענט, האָב איך זיך באַרימט פאַר דער פרוי, אַז איך האָב דעם אַלטן שטול, וואָס זי האָט געזען ביי מיר אין הויז, האָב איך אַליין איבערגעמאַכט, און דער שטול זעט אויס גאָר ווי אַ נייער.

אין אַ פּריוואַטיק נאַכט, הער איך, מען קלאַפּט אין מיין טיר. די פרוי איז ביי דער טיר, און זי איז געקומען, זאָגט זי, פאַר אַ טובה: אַז אַזוי ווי זי ווייסט, אַז איך האָב אַליין פאַרריכט מיין שטול, וויל זי פון מיר די טובה, אַז איך זאָל פאַר איר אויך פאַרריכטן אַ שטול, וואָס זי האָט אין הויז.

איך נעם מיינע „טולס״ און גיי אַרויף צו איר אין הויז און נעם זיך פאַרריכטן דעם שטול. עס איז ניט געווען קיין סך אַרבעט, נאָר קלייניקייטן צו פאַרריכטן. די מינוט, ווען איך נעם זיך צו פאַרריכטן דעם שטול, זאָגט זי צו מיר, אַז אויב איך וועל מאַכן אַ גוטן דזשאָב, וועט זי מיר געבן אַ קוש, דערפאַר. אין דער מינוט נעמט קלינגען דאָס גלעקל פון טיר, די פרוי עפנט די טיר. עס איז אָנגעקומען דער פרוי׳ס פאַרהייראַטע טאָכטער, און זי האָט איר געבראַכט אַ פּרעזענט, אַ העט. איך האַלט אין אַרבעטן איבער דעם שטול, און מיש זיך נישט מיט קיינעם. איך פאַרשטיי, אַז די טאָכטער וויל מסתמא וויסן ווער איך בין דאָס, און פאַרוואָס איך פאַרריכט דעם שטול. זאָג איך איר אַ וויץ, און ערקלער איר: — אַז אַמאָליגע יאָרן, אַז מען איז געקומען קיין אַמעריקע אויף דער זעלבער שיף, איז מען אויף תמיד געבליבן אַ „שיף־ברודער אָדער אַ שיף־שוועסטער, און היינט, האָב איך באַנעגנט איר מוטער אין פּאַרק, איז זי מיין „פּאַרק־שוועסטער.״ די טאָכטער איז אַוועק געגאַנגען אין אַ קורצער צייט אַרום. אָבער איך

בין געבליבן און האָב ניט געוואָלט אוועק גיין, איך האָב געוואַרט פאַר מיין קוש! אָבער מיין וואַרטן איז ניט געווען אומזיסט.

דעם צווייטן טאָג, שבת נאָכמיטאָג, טרעף איך ווידער דיזעלבע פרוי אין פּאַרק. זי זאָגט מיר, אַז זי וויל, אַז איך זאָל איר נעמען אין אַ אידישן טעאַטער דאַון־טאַון. און גראַדע האָט מען אויף די קאָנקאָרס, אין אונזער געגנט, געשפּילט אין אַ מואווי־טעאַטער, שלום־עליכם'ס „טוביה דער מילכיקער", בין איך מיט איר, אָנשטאָט צו פאָרן דאַון־טאַון, געגאַנגען זען דאָס בילד.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך צווישן אונז ענטוויקלט אַ ראָמאַנס. צו יענער צייט האָב איך נאָך געהאַלטן אין הויז דאָס שוואַרצע דינסט־מיידל, פּאָולינע, האָב איך דער מיידל דערציילט וועגן מיין באַגעגנען זיך מיט דער דאַמע. איך האָב עס געטאָן מיט דער אויסרעכנונג, אַז טאָמער, וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן, און וואָס די פאָלגן קענען זיין פון אַזעלכע באַגעגנישן, זאָל זי וויסן וועגן דעם.

די דאַמע האָט צוביסלעך מיך אָנגעהויבן איבערפרעגן, צי וועל איך מיט איר חתונה האָבן? אָבער איך האָב איר גלייך פון אָנפאַנג ערקלערט אָפן און קלאָר, אַז איך האָב פּעסט באַשלאָסן, אַז אָפּיציעל וויל איך מער נישט חתונה האָבן. איך האָב איר געגעבן די ברירה, אָדער מיר זאָלן זיך טרעפן ווי מיר טוען עס איצט, און אויב זי וויל נישט — קען זי טאָן ווי איר געפעלט. די דאַמע האָט איינגעשטימט נאָכצוקומען מיין פאַרלאַנג און ניט אָפּיציעל חתונה האָבן. אָבער פון אירע רייד, האָב איך געקענט פאַרשטיין, אַז זי רעדט זיך איין, אַז יעדנפאַל, אָן יעדער צערעמאָניע, אויב זי וועט וואוינען מיט מיר 5 יאָר צייט, ווערט זי אָנערקענט אַלס געזעצליכע פרוי.

איך האָב איר ערקלערט, אַז אַזאַ געזעץ האָט טאַקע עקזיסטירט, אָבער עס איז שוין לאַנג אָפּגעשאַפט געוואָרן, און צווייטנס, מוז מען וואוינען אונטער איין דאַך, אַפילו לויט דעם אַלטן געזעץ — און אונטער איין דאַך האָבן מיר קיינמאָל ניט געוואוינט.

איך בין מיט דער דאַמע יעדן שבת אָדער אַ זונטיק, אויסגעגאַנגען אין פאַרשידענע פּלעצער, וואו זי איז קיינמאָל פריער ניט געווען: אין „סענטראַל פּאַרק", אין „אַרט מוזעאום", אין „פּלאַנעטאַריום",

„בעטערי פּארק אַקוואַריום", גרענט'ס קבר", „סטעטשו אָף ליבערטי", „בראָנקס פּארק זו", „וואַן קאָרטלאַנד פּאַרק". איך בין מיט איר געווען אין קעפּיטאָל טעאַטער, און ראָקסי טעאַטער, אין פּאראַמאָונט טעאַטער, אין ראָקעפעלער סענטער, צו דער וועלט אויסשטעלונג, וואָס איז געווען אין ניו יאָרק. וואו איך האָב נאָר געוואוסט פון אַן אינ־טערעסאַנטן פּלאַץ, בין איך מיט איר געגאַנגען.

אין עטלעכע וואָכן פון אונזער צוזאַמען ארומגיין, זאָגט מיין דאַמע צו מיר, אַז איך זאָל אַזוי גוט זיין און אַרויפקומען דעם אויפדערנאַכט צו איר אין הויז. איך בין געקומען, און דאָרט געטראָפן אירע צוויי ניט־פאַרהייראַטע טעכטער, וועלכע האָבן געוואוינט מיט איר צוזאַמען. די מיידלעך זיינען אַוועק געגאַנגען פון הויז, און איך האָב מיין דאַמע איינגעלאַדן צו גיין מיט מיר אין קראַם'ס קענדי סטאָר פאַר אַיין אייז־קרים סאָדאַ.

אויפ'ן וועג אַהין שפּאַס איך מיט איר און זאָג איר, אַז מיר איז גוט איצט, ווייל איך האָב גאַנצע 3 פרויען, וועלכע זאָרגן זיך פאַר מיר. פרעגט זי מיך, ווער עס זיינען די 3 ? זאָג איך איר, אַז איינע איז מיין טאָכטער, נאַדיאַ, און די צווייטע איז פּאָלינע, דאָס שווארצע דינסטמיידל, און די דריטע איז זי אַליין. וויל זי וויסן, וועלכע פון די דריי איז מיר אַמנאָענטסטן און פון וועמען האָב איך מער נוצן ? זאָג איך איר, אַז אויב עס איז אַ פראַגע פון נוצן — איז עס די דינסט־מיידל, פּאָלינע, ווייל זי פאַרזאָרגט מיר דאָס הויז און ברענגט מיר מער נוצן פון אַלע אַנדערע צוויי.

דער ענטפער איז מיין דאַמע ניט געפעלן געוואָרן, און זי האָט זיך אָנגעברוגז'ט. באַלד אויפ'ן אָרט, האָב איך אָנגעהויבן מיט איר צו פאַרהאַנדלען. זאָגט זי, אַז אויב שוין יאָ ניט חתונה האָבן, ווייל זי, אַז איך זאָל איר אַרויסנעמען אַ פּאָליסע אויף איר נאָמען אויף טויזענט דאָלער. דער אמת איז, אַז זי איז געווען זייער אַן אָנשטענ־דיגער מענטש, און זי האָט ניט געפּרעסט פאַר איר פאַרלאַנג פון דער פּאָליסי. האָב איך באַשלאָסן אַן אַנדער וועג עס צו טאָן, אַז יעדע 3 מאָנאַט וועל איך איר געבן אַ געוויסע סומע געלט, און זי זאָל עס אַוועקלייגן אין דער דאָלער־סייווינגס בענק אויף איר נאָמען. און אַזוי האָב איך אָנגעפאַנגען איר געבן יעדע דריי מאָנאַט די סומע געלט,

און האָט עס ביז היינטיקן טאָג, שוין צוועלף יאָר זיינען אַריבער, און איך ווייס נישט, און עס איז נישט מיין עסק וואָס זי טוט מיט דעם געלט.

דערוויייל פּאַסירט, אַז איינע פון אירע מיידלעך, די עלטערע, איז אַ שוואַכע און זי קען ניט שווער אַרבייטן. אַזאַ מיידל מוז דאָך האָבן אַ געוויסע סומע געלט זיך אויסצוהאַלטן, פעדלט די מיידל צווישן באַקאַנטע מיט זאַכן און אַנדערע קליינקייטן. און אַזוי ווי איך בין געווען אַן אַריינגייער ביי זיי אין הויז, און האָב אַלעם צוגעזען, זאָג איך צו דער מיידל: אַז אַזוי ווי ביי מיר אין דער פעקטאָרי אַרבייטן ביי אַ דרייסיג מיידלעך, דענק איך, אַז איך קען זיי פאַרקויפן זייער גרינג די אַלע סחורות מיט וועלכע דו פעדלסט. און אַזוי האָב איך גענומען אייניקע שטיקער פון איר קראָם צו מיר אין פעקטאָרי, און יעדן מיטאָג־צייט, ווען מען עסט דעם לאָנטש, פלעג איך צולייגן די סחורה אויף דעם טיש, און די מיידלעך פלעגן צוגיין צום טיש באַקוקן די סחורה, און איך פלעג ביי זיי אָננעמען באַשטעלונגען אויף פאַרשידענע סחורות, ווי הויז דרעסעס, זייער קאָליר און דעם נומער פון דער דרעס. איך פלעג דאָס אַלעס פאַרשרייבן אין אַ ביכל און דערנאָך האָב איך עס געגעבן דער מיידל, און זי האָט מיר איבערגעגעבן די סחורות, פאַר וועלכע איך האָב איר צוריק געגעבן געלט, וואָס איך האָב איינגעלייזט. איך האָב פאַר איר פאַרקויפט פעטי־קאָוטס, זאָקן און פאַדזשאַמעס, און נאָך פאַרשידענע קליינקייטן.

אין דער צייט פון קריסמעס, פלעגט די מיידל מיר געבן פאַרשידענע „גריטינג קאַרדס", און איך האָב ווידער זיי פאַרקויפט אין שאָפּ צו מיינע אַרבייטער פאַר דער מיידל. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט זיך דאָס מיידל באַקענט מיט אַ פיינעם יונגנמאַן, און אַז עס איז געקומען דער אַמעריקאַנער יום־טוב „טהענקס־גיווינג", בין איך געווען איינגעלאַדן צו דער „פּאַרטי", וואָס מיין דאַמע׳ס פאַרהייראַטע טאָכטער האָט געמאַכט לכבוד דעם יום־טוב. איך האָב געבראַכט אַ פיינעם פּרעזענט, און עס איז געווען זייער אַ פיין אַראַנזשירטער מאָלצייט. מיר זיינען געווען אַכט מענטשן צו יענעם מאָלצייט. עס איז געווען די באַלעבאָסטע מיט איר מאַן, איך מיט דער באַלעבאָסטע׳ס מוטער און די אַנדערע צוויי מיידלעך מיט זייערע בוי־פרענדס.

מיר האָבן זייער גוט פאַרבראַכט דעם טהענקס־גיווינג. מאַכט זיך אַזאַ געשיכטע: דער בוי־פרענד פון דער אינגערער מיידל, וועלכע איז געווען די געזונטערע פון די צוויי מיידלעך, האָט שטודירט אין איראָפּע אויף דאָקטאָר. און ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט ער מער ניט געקענט אָפּפאָרן קיין איראָפּע צו ענדיקן זיין שטודיום. דער יונגערמאַן האָט געמוזט דאָ אין לאַנד אָנהויבן זיין שטודיום אויפסניי, ווייל אַלץ, וואָס ער האָט געלערנט אין איראָפּע האָט זיך ניט גערעכנט, און מען האָט עס אין די היגע קאָלעדזשעס ניט אָנערקענט. איינמאָל גייט ער מיט דער מיידל אין גאָס און ער ערקלערט איר אָפן, אַז ער מוז האָבן דריי טויזנט דאָלער צו ענדיקן זיין שטודיום, און ער פאַרלאַנגט פון איר, אַז זי זאָל אים שאַפן דאָס געלט, און אויב זי קען ניט פאַר אים באַשאַפן דאָס געלט, קען ער מיט איר ניט גיין, וועט ער זוכן אַן אַנדער מיידל, וועלכע וועט אים יאָ העלפן מיט דער סומע. דער מיידל האָט דער פאַרלאַנג זייער פאַרדראָסן, און זי האָט אים באַלד אויפ'ן אָרט אַ זאָג געטאָן: — „טו ווי דו ווילסט, איך האָב קיין געלט ניט.“ און דער יונגערמאַן איז מער נישט געקומען און זי מער ניט געזען.

אין עטליכע וואָכן אַרום האָט די מיידל זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן, אַז דער ספיין (פּליִיצע) טוט איר וויי. איך בין מיט איר געגאַנגען צו אַ גוטן דאָקטאָר, און עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט זי אַריינגעגעבן אין ברוקלין „דזשואיש האָספּיטאַל“, און מען האָט זי אָפּערירט אויף דעם ספיין, און ווען מען האָט זי אַהיים געשיקט פון שפּיטאָל, איז זי שוין געווען האַלב פּאַראַליזירט און איז געגאַנגען אויף קוליעס. און ווידער אין אַ שטיקל צייט אַרום, האָט מען זי ווידער אָפּערירט אין דעמזעלבן האָספּיטאַל — און ווען זי איז אַהיים געקומען, האָט זי שוין ניט געקענט אַפילו זיצן אין בעט, נאָר ליגן. און אַזוי איז דאָס מיידל אָפּגעלעגן 6 יאָר אין בעט און זיך ניט געקענט אויפזעצן.

אין ברוקלין האָספּיטאַל זיינען געווען צוויי באַרימטע דאָקטוירים, וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין יענער קראַנקהייט, און צווישן זיי האָט געהערשט אַ מיינונגס־פאַרשידנהייט, ווייל איינער פון די דאָקטוירים האָט געהאַלטן, אַז עס איז נויטיג מען זאָל די מיידל נאָכ-

אמאָל, צום דריטן מאָל, אָפּערירן, און דער צווייטער דאָקטאָר, דעיווי־דאָוו, האָט געהאַלטן, אז ניט, אז מען דאַרף ניט.

די מוטער אין דער היים, האָט אויך ניט געוואָלט מער קיין אָפּעראַציעס פאַר דער מיידל, ווייל זי האָט דאָך געזען די רעזולטאַטן פון די ערשטע צוויי אָפּעראַציעס. אויף איינמאָל, מיט 6 יאָר שפּעטער, קריגט די מיידל אַ געוועגליכן „קאָלד". רופט מען דעם הויז־דאָקטאָר. זאָגט דער דאָקטאָר, אַזוי ווי איצט איז דאָקטאָר דעיווידאָוו פאַרבונדן מיט דעם מאָנטעפיאָרע האָספּיטאַל, רופט ער דעם דאָקטאָר דעיווידאָוו, און יענער הייסט זי אַריבער ברענגען צו אים אין מאָנטעפיאָרע האָספּיטאַל. די מיידל איז אָפּגעווען עטליכע וואָכן אין מאָנטעפיאָרע האָספּיטאַל, און זי איז אַהיים געקומען. פון דעם האָספּיטאַל האָט מען צו איר געגומען שיקן אַ נוירס, וועלכע זאָל איר געבן אַזעלכע פיזישע באַהאַנדלונג און פּרובירן זי זאָל קענען זיך אויפזעצן. די נוירס איז געקומען יעדן טאָג און זי באַהאַנדלט.

איך קום אין הויז, און קען נישט צוזען ווי די מוטער מוז נעבעך טראָגן פון דער מיידל און האָרעווען אַרום דער קראַנקער. זאָג איך צו זיך, איך וואָלט געגעבן 500 דאָלער פאַר צדקה, ווען איך זע, אַז דאָס מיידל קען אַליין כאָטש גיין אין טוילעט. איינמאָל קום איך אַרויף אין הויז און דערצייל אַלעמען, אַז איך האָב זיך געגעבן אַזא נדר, צו געבן 500 דאָלער אויף צדקה, אויב איך זאָל דערלעבן זען די מיידל גיין אויף אירע פיס. ווי די מיידל האָט זיך אַזוי איינגעהערט ווענן מיין פאַרלאַנג, זאָגט די קראַנקע מיידל צו מיר: — „גיב מיר בעסער די 500 דאָלער און ניט פאַר אַנדערע." ענטפער איך איר: — „זייער גוט. לאָמיך זען ווי דו גייסט אַרום אויף דיינע פיס — און הערן אַלע און זיינען עדות, אַז איך וועל דיר געבן די 500 דאָלער, ווען דו וועסט גיין."

איך האָב באַלד געזאָגט צו דער מוטער, אַז איך בין שוין זיכער, אַז איר טאָכטער וועט גיין צוריק אויף אירע פיס. פרעגט מיך די מוטער, פון וואַנען איך ווייס, אַז זי וועט גיין? ענטפער איך, אַז עס איז דאָ אַ מעשה פון הערשעלע האָסטראָפּאָליער: — הערשעלע איז געווען אַ משרת ביים רבי'ן ר' ברוך'ל. טרעפט, אַז דער רבי איז ערגעץ אַרויסגעגאַנגען און דער שטול איז געווען ליידיק. האָט זיך

הערשעלע אַרויף געזעצט אויף דער שטול. מיטאַמאָל לויפט אַריין אַ אידענע מיט אַ געוואַלד, איר טאָכטער גייט צו קינד און קען נישט האָבן דאָס קינד, און זי וויל, ער זאָל איר געבן סגולה. ענטפערט איר הערשעלע, אַז מען זאָל פאַר אַ סגולה צוליינן דער געווינערין צום נאָפּל אַ קאָפּיקע, וועט אַלץ בעסער ווערן. אין אַ פּאָר מינוט איז דער רבי צוריק געקומען און זיך געזעצט צוריק אויף זיין שטול, און דער הערשעלע איז אַוועק געגאַנגען. קומט אַריין אַ פרוי און ברענגט דעם רבי'ן אַ פּדיון. דער רבי האָט זיך שוין אָנגעשטויסן, אַז הערשעלע האָט עפּעס אָפּגעמאַכט אַ געשיכטע, ווען ער איז ניט געווען אין שטוב. רופט דער רבי אַריין הערשעלע, און פרעגט, וואָס דאָ איז געווען? דערציילט ער אים, אַז ער האָט פאַר אַ סגולה געהייסן צוליינן אַ קאָפּיקע צום נאָפּל. פרעגט ער אים, פאַרוואָס איז אים דאָס איינגע־פאַלן צו טאָן? ענטפערט הערשעלע: — „ווייל אַן אָרימאַן, אַז ער זעט געלט, וועט ער גיין צען מייל צופוס פאַר אַ קאָפּיקע." — און איך פיר אויס, אַז איצט בין איך זיכער, אַז איר מיידל, ווען זי האָט דערהערט, אַז זי קריגט 500 דאָלער, וועט זי שוין גיין.

די נוירס פון מאָנטעפיאָרע האָספּיטאָל פלעגט קומן כסדר און איר געבן טריטמענטס. די מיידל האָט צוביסלעך זיך אָנגעהויבן אויפזעצן אין בעט און דערנאָך האָט מען זי געפּרובירט נעמען אויף אַ שטול. די שטול האָט געהאַט פון ביידע זייטן אַזעלכע אָנלעהנס. האָב איך אַרויסגענומען פון איין זייט דעם אָנלעהן, אַז ווען די מיידל וועט אַראָפּגיין פון בעט, זאָל זי האָבן צוויי זייטן אָפענע אויף דער שטול, כדי זיך קענען אָנכאַפּן, און זיך אַנידערזעצן אויף דער שטול.

די נוירס האָט אַוועקגעלייגט צוויי טעלעפאָן ביכער אויף דעם פלאָר און זי האָט זי געלערנט אַרויפשטעלן דעם פוס אויף אַ טעלעפאָן בוך און דערנאָך ווייטער, דעם אַנדערן פוס אַזוי אַרויפשטעלן אויף דעם אַנדערן טעלעפאָן בוך. פאַר עטליכע וואָכן צייט האָט די נוירס אַזוי מיט איר געלערנט אַרויף און אַראָפּ גיין פון די טעלעפאָן ביכער, ביז זי האָט עס אַליין שוין געקענט טאָן. שפּעטער האָט די נוירס זי גענומען און געגאַנגען מיט איר אין האָל פון הויז, אַרויף די שטיגן, אַזוי איין און צוויי, און פּאַוואָליע האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן קענען אויפהויבן די פיס און אַרויפשטעלן זיך אַליין אויף די שטיגן. ווידער

האָט די נוירס זי גענומען אין גאַס אריין, און מיט דער הילף פון קוליעס זי געלערנט שפּאַנען. שפּעטער צו האָט זי ווידער אוועק גע־נומען די קוליעס און האָט איר באַזאָרגט מיט אַזעלכע ספּעציעלע שטעקנס, וועלכע ווערן צוגעשטשעפּעט צו די הענט, און די מיידל איז געגאַנגען מיט דער הילף פון זיי. אין אַ 6 מאָנאַט צייט האָט די מיידל אָנגעהויבן צו גיין ווי אַלע מענטשן, גלייך, אָן דער הילף פון וועלכן עס איז שטעקן.

דורך דער צייט, וואָס איך האָב געזען, אַז די מיידל האַלט איר צוזאָג צו מיר, אַז זי וועט צוריק גיין אויף אירע פיס, אויב איך וועל איר געבן 500 דאָלער, האָב איך אָנגעפאַנגען צוביסלעך איר אויסצאָלן די סומע דורך ברענגען יעדעס מאָל צו איר אין הויז. דאָס ערשטע מאָל האָב איך איר געגעבן 50 דאָלער, און דערנאָך אין 10 חדשים צו 40 דאָלער — איז געווען 450 דאָלער, און דעם לעצטן מאָנאַט פון יאָר האָב איך איר געבראַכט 50 דאָלער, איז געווען צוזאַמען, די צוגעזאָגטע 500 דאָלער.

דאָס געלט האָב איך איר כסדר געגעבן אין דער צייט, ווען זי האָט זיך געלערנט גיין, און איך האָב געזען באַשיינפּערליך ווי יעדעס מאָל פאַרבעסערט זיך איר גאַנג.

די מיידל האָט זיך זייער געפרייט, וואָס זי קען באַווייזן, אַז זי קען האַלטן אַ צוזאָג, און עס האָט פאַר אַ מאָמענט אויסגעזען, אַז עס גייט איר מער אין לעבן צו באַווייזן, אַז זי קען האַלטן וואָרט, ווי דאָס וועלן צוריק גיין אויף די פיס.

דער מיידל'ס אַ פריינדין איז געפאָרן אויף וואַקאַציע קיין פלאָ־רידע, איז דאָס מיידל מיט איר מיטגעפאָרן. די פריינדין האָט זיך אונטערגענומען, אַז זי וועט אויף איר אויפּפּאַסן, און ביידע האָבן גוט פאַרבראַכט דאָרט און אהיים געקומען זייער צופרידן פון דער רייזע.

און יענע אַנדערע טאָכטער, פאַר וועלכע איך האָב געהאָלפן פאַר־קויפן איר סחורה אין מיין שאַפּ, האָט געהייראַט מיט דעם בחור, מיט וועלכן זי פלעגט זיך טרעפן — און זיי לעבן גליקלעך, און ער מאַכט אַ פיין לעבן. איך וויל באַמערקן, אַז זי איז זייער אַ גראָטענע און אַ קלוגע.

ווען פרייט זיך אַן אָרימאַן ? ווען ער פאַרלירט און געפינט — און אַלע אַרום אין דער משפחה האָבן זיך זייער געפרייט מיט מיר צוזאַמן, וואָס די מיידל האָט צוריק געוואונען איר געזונט.

דער בראָנקס לאַדזש ברית־שלום 319, וואו איך בין אַ מיטגליד, מאַכט יעדן יאָר אַ פּעקעדזש פּאַרטי. די מיטגלידער ברענגען פאַרמאַכטע פּעקלעך און מען אָקשענט זיי פאַרמאַכטערהייט. דער עולם אַמו־זירט זיך דורך דעם, וואָס מען קויפט בלינד די פּעקלעך און קיינער ווייסט ניט פריער וואָס אינעווייניג געפינט זיך. געוויינליך, צו אַזאַ אונטערנעמונג פאַרקויפן מיר בילעטן צו פאַרשידענע פרעמדע מענטשן און דאָרטן פּרובירט מען זיי מאַכן פאַר מיטגלידער פון דעם לאַדזש. איך האָב זיך אונטערגענומען צו פאַרקויפן אַ סך טיקעטס פאַר דער פּעקעדזש פּאַרטי.

אין איין אויפדערנאַכט, נאָך מיין נאַכטמאָל, נעם איך אַ פּעקעלע מיט בילעטן און וויל אַוועקפאָרן צו מיין פריינט, ברוך מאַרגאַריטן, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז אין יענער נאַכט געפינען זיך ביי ברוך מאַרגאַריט׳ן געסט, און איך וועל זיי קענען פאַרקויפן טיקעטס צו דער פּעקעדזש פּאַרטי. איך נעם די סטריט קאַר און פאָר צו צו דער 161טע סטריט, און וויל אַריבער גיין די גאַס, און אַן אָטאָמאָביל גיט מיך אַ וואָרף און איך פלי, און די אויגן גלעזער פליען. איך הויב מיך אויף, און עס איז שוין דאָ אַ פּאָליסמאַן. איך זע ווי דער יונגערמאַן פון אָטאָמאָביל, וועלכער האָט מיך אומגעוואָרפן שטופּט דעם פּאָליסמאַן אין האַנט אַריין עטליכע דאָלער־בילס, אַז ער זאָל אים לאָזן גיין. איך פאַרליר זיך ניט, און זאָג צו זיי ביידע: — „וואָס איז דאָס פאַר אַ ביזנעס ? איך בין האַלב־דערמאָרדעט און איר האַנדלט שוין מיט געלט ?" און איך שריי אויס, אַז צוערשט וויל איך דעם נאָמען פון דעם פּאָליסמאַן. האָט דער פּאָליסמאַן מיר געגעבן זיין נאָמען. איך דאַרף אַ דאָקטאָר, ווייל איך פיל אַ ווייטיק אין אַקסל פון דער רעכטער האַנט. איך האָב גראַדע געהאַט ביי זיך אַן אַדרעס פון אַ באַקאַנטן דאָקטאָר ריפּס. דער פּאָליסמאַן האָט באַפוילן דעם יונגנמאַן פון אָטאָמאָביל, ער זאָל מיך צופירן צו דעם דאָקטאָר, און איך בין מיט אים געפאָרן צום דאָקטאָר׳ס אָפיס. דער דאָקטאָר ריפּס האָט מיך באַהאַנדלט און אויסגעפונען, אַז די האַנט איז אַרויס פון גליד. האָט

ער מיך באַנדאַזשירט, און אין זיין אייגענעם אַטאָמאָביל מיט מיר צוריק געפאָרן זיך טרעפן מיט דעם פּאָליסמאַן, וואָס איז געווען ביים עקסידענט — און דער פּאָליסמאַן האָט אים אַלץ דערציילט, און מען האָט פאַרשריבן, און דער דאָקטאָר האָט געזען, אַז אַלעס זאָל זיין אין אָרדענונג.

נאָך דעם בין איך צוגעגאַנגען צו ברוך מאַרגאַריטע, און האָב אים דערציילט, וואָס מיט מיר איז געשען, און ער, מאַרגאַריטע, איז צוריק געפאָרן מיט מיר אַהיים, און ער האָט מיך ניט געוואָלט לאָזן אַליין, און געבליבן מיט מיר נעכטיגן. אין דער פרי בין איך שוין אַליין געפאָרן צו דעם דאָקטאָר ריפּס, און ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ ספּעציאַליסט, און דער ספּעציאַליסט הייסט זיך ביי מיר געבן 75 דאָלער פאַר דעם וויזיט. איך צאָל אים 15 דאָלער, וואָס איך האָב ביי זיך און באַדאַרף אים צוברענגען דאָס איבעריגע געלט. דער ספּעציאַליסט טוט מיר אָן אויף דער האַנט אַזאַ מאַכרייקע, וואָס זעט אויס ווי אַן עראָפּלאַן, און ער זאָגט מיר אָן, אַז איך מוז זיצן פאַר 6 וואָכן צייט און זיך ניט לייגן אין בעט שלאָפן. זיץ איך די ערשטע נאַכט. מען האָט אָפּגעדרייט די סטים. אין הויז איז קאַלט. האָב איך גענהאַט אַ פוטערנעם מאַנטל, האָב איך אים אַרויפגעלייגט איבער זיך, כדי זיך צו האַלטן וואַרעם, און אַזוי זיצנדיק, האָב איך געדרימלט אויף דער שטול די גאַנצע נאַכט אין צרות און אין אַנגסטן.

אויף דעם צווייטן טאָג איז מיין טאָכטער נאַדיאַ געוואָר געוואָרן פון מיין עקסידענט, האָט זי מיך גענומען צו איר דאָקטאָר. ווען מען האָט מיך אַריינגעפירט צום דאָקטאָר, און איך בין געגאַנגען אָנגעטאָן אין דעם טולופּ מיט דער האַנט אַרויף אויף דעם האָלצערנעם פליגל און איבערגעדעקט מיט דער צווייטער זייט מאַנטל, האָב איך אויס־געזען ווי אַ סטראַשידלע אויף די פעלדער. עס איז גראָד געווען אַ קינד ביים דאָקטאָר דעמאָלט, האָט זיך דאָס קינד פאַר מיר דערשראָקן, ווען זי האָט דערזען אַזאַ מין אַנשיקעניש, ווי איך האָב דעמאָלט אויסגעזען.

האָט דער נייער דאָקטאָר אָפּגערופן דר. מאיער, דעם הויפּט דאָק־טאָר פון „דזשאָינט דיזיס האָספּיטאַל", און דער דאָקטאָר האָט דעם דאָקטאָר מאיער געגעבן אַן עצה, אַז איך זאָל גיין פריער פון אַלץ

נעמען אַן עקס־רעי פון דער האַנט. מיר פאָרן אַהין נעמען די עקס־רעי, און אַזוי ווי איך שטיי ביי דעם אַפּאַראַט און מען גרייט זיך צו נעמען דאָס בילד פון מיין האַנט, דערזע איך, עס שטייט נעבן מיר אַ מאַן מיט אַ צעבראָכענע האַנט און מען דערקלערט מיר, אַז דער, מיט דער צעבראָכענער האַנט אויפגעהאַנגען אויף אַ טיכל אַרום האַלז, איז דער דאָקטאָר מאיער, וועמען מיין דאָקטאָר האָט נאָר וואָס גערופן פאַר אַן עצה.

איך בין געוואָר געוואָרן, אַז דאָקטאָר מאיער איז גלייך אַהין געקומען כדי צו זען די עקס־רעי, וואָס מען נעמט מיר, און ער האָט טאַקע גלייך גענומען דורכקוקן די בילדער נאָך דעם ווי מען האָט זיי גענומען.

רוף איך זיך אָן צום דאָקטאָר: — „ווען פרייט זיך אַ קריפּל? ווען ער זעט אַ צווייטן קאַליקע.” דער דאָקטאָר מאיער האָט גאָר נישט געענטפערט אויף מיין שפּאַס צו אים, און איך האָב נישט גע־וואוסט צי איז ער ברוגז, צי ער איז נישט אויפגעלייגט.

דער דאָקטאָר מאיער האָט דערציילט דעמאָלט מיין טאָכטער, נאַדיאַ, אַז ער האָט נאָר וואָס ערפונדן אַן ערפינדונג, און אויב די ערפינדונג וועט פּאַסן צו מיין האַנט, איז גוט, וועט ער עס מיר אָנטאָן גלייך. אויב ניט, האָט ער ערקלערט, וועט ער מוזן מאַכן אַן אַנדערן אַפּאַראַט, און דאָס וועט נעמען צייט.

דער דאָקטאָר מאיער האָט שוין אין איין וועג דערציילט, אַז דאָס, וואָס עס הענגט ביי אים די האַנט אַזוי, איז אים געקומען פון דעם, וואָס ער איז געווען „סקיאינג”, מיט אַ צייט צוריק, און דאָרט האָט ער זיך צעבראָכן די האַנט. דער דאָקטאָר מאיער האָט גענומען אַ טעקסי און מיר דריי, איך, מיין טאָכטער און דער דאָקטאָר, זיינען צוגעפאָרן צו דאָקטאָר מאיער'ס אָפיס אויף פּאַרק עוועניו, און צו מיין גליק, האָט דער אינסטרומענט, וואָס ער האָט געהאַט געגרייט, האָט גראָד געפּאַסט צו דער מאָס פון מיין האַנט. דער דאָקטאָר טוט עס מיר אָן, און איך פיל שוין בעסער. דער דאָקטאָר לאָזט מיך איבער אין דער רום און גייט אַרויס, און איך נעם זיך אַליין אָנטאָן מיט דער קאַליקע האַנט. דערנאָך האָט מיר מיין טאָכטער דערציילט,

אז דער דאָקטאָר האָט מיך איינגנס געלאָזט אַליין אין צימער און ער האָט געוואָלט זען צי וועל איך זיך קענען אַליין, אָן זיין הילף, אַנטאָן, און אַזוי וועט ער וויסן, צי דער אינסטרומענט אַרבעט.

ווען איך בין געבליבן אַליין אין דעם דאָקטאָר'ס צימער, און איך קוק זיך אַרום, זע איך עס שטייט אַ גלעזערנע שאַפע מיט אַ סך אינסטרומענטן אינווענינג. איך זע, אַז צווישן די אינסטרומענטן ליגן עטלעכע „טשיזעלס", דיזעלבע, וואָס איך באַנוץ זיך, ווען איך מאַך טאָקעריי אַרבעט. פרעג איך דעם דאָקטאָר, ווען ער איז אַריינגעקומען: — „וואָס טוסטו מיט די „טשיזעלס"? טשיזעלסט די פּאַציענטן מיט זיי?" זאָגט דער דאָקטאָר, אַז ניין. מיט די „טשיזעלס" באַנוצט ער זיך צו מאַכן דעם אינסטרומענט, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר מיר צו היילן די האַנט.

דערציי́ל איך דעם דאָקטאָר אַן אַנעקדאָט, וואָס איך האָב צוגעזען. איך זאָג, אַז איך האָב געהאַט אַ קאַסטימער, מר. באָומאַן, אויף דער דריטער עוועניו און 116טע סטריט, וואו איך פלעג אַריינגיין אים פאַר־קויפן אַמברעלערס. איין מאָל בין איך מיט מר. באָומאַן אין סעמפּל־רום און וויל אים פאַרקויפן אַ גרופּע אַמברעלערס. מיטאַמאָל קומט אַריין אַ יונגערמאַן, און זיי ביידע הויבן אָן צו ריידן פראַנצויזיש. איך כאַפּ אויף איין איינציג וואָרט: — לאַגעמאָרע. טראַכט איך מיר, אַז אַזוי שנעל ווי זיי וועלן פאַרטיג ווערן, וועל איך פרעגן מר. באָומאַן טאַקע, וואָס מיינט לאַגעמאָרע? ווייל איך האָב געטראַכט, אַז איך האָב אויסגעלערנט אַ פראַנצויזיש וואָרט. זיי זיינען פאַרטיג געוואָרן, און איך פרעג דעם מר. באָומאַן, וואָס עס מיינט לאַגעמאָרע אויף פראַנצויזיש? ענטפערט ער מיר, וואָס פאַרשטייסטו נישט, דעם פראַנצויז'ס פאָטער איז אַ ראַביי אין פּאַריז, און ער האָט געוואָלט, אַז זיין זון זאָל לערנען גמרא — און דאָס האָט דער פראַנצויז געמיינט מיט לאַגעמאָרע. פיר איך אויס צום דאָקטאָר, אַז אויב זיינע אינ־סטרומענטן זיינען פשוט'ע טשיזעלס, לערנען מיר פון דער זעלבער גמרא.

און דער וויץ איז שוין דאָקטאָר מאַיער'ן זייער געפעלן געוואָרן, און ער זאָגט צו מיין טאָכטער: — „דיין פּאַפּאַ האָט אַ „סענס אָף יומאָר." דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך

האָב געהערט, אַז איך האָב אַ חוש פאַר הומאָר, און דאָס מאָל בין איך געווען איבערצייגט, אַז דער דאָקטאָר מאיער איז גערעכט.

עס האָט נישט גענומען קיין צוויי וואָכן, און מיין האַנט איז געוואָרן בעסער, און דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגענומען דעם אַפּאַראַט פון דער האַנט. איך האָב באַצאָלט דעם דאָקטאָר וויפיל ער האָט זיך געהייסן. איך וויל דאָ באַמערקן, אַז ווען דער דאָקטאָר ריפער האָט מיך געפירט צום ערשטן ספּעציאַליסט, האָט ער אין איין וועג שוין גענומען האַנדלען מיט מיר, אַז איך זאָל אים שוין געבן דעם באַלאַנס פון 60 דאָלער, וויל 15 האָב איך אים געהאַט געגעבן, און ער האָט געוואָלט נאָך 60, כדי עס זאָל זיין 75 דאָלער פאַר זיין באַהאַנדלונג. איך האָב מיט אים אָפּגעהאַנדלט פאַר 40 דאָלער, און אים באַצאָלט, און פּטור. און גראָד דאָקטאָר מאיער האָט זיך ביי מיר מער נישט געהייסן געבן ווי 50 דאָלער, און אַזוי האָב איך אים באַצאָלט. און זינט דעמאָלט, די לעצטע 12 יאָר, שיקט ער מיר אַ דערמאָנונג, און איך שיק אַ דאָניישאָן צום „דזשאָינט דיזיס האָספּיטאַל”, פון 50 דאָלער יעדן יאָר אויף דאָקטאָר מאיער׳ס נאָמען, וואו ער איז פּרעזידענט.

נאָך דעם, ווי פּרעזידענט פרענקלין דילאַנאָ רוזוועלט האָט איינגעפירט די ען־אַר־עי, און ביזנעס האָט צוביסלעך אויפגעלעבט, אָרדערס האָבן אָנגעהויבן צו קומען, און אָרדערס האָבן זיך צעוואַקסן, און אונזער פעקטאָרי האָט אָנגעהויבן צו קלערן און צו זוכן, וואו צו קויפן אַ געביידע, טאַקע פאַר אַ ריכטיקע פעקטאָרי. און אַז מען זוכט, געפינט מען. מיין אינגערער זון, מארטי, איז אַ שטיקעלע ריעלעסטייט מאַן. נעמט ער מיך אין אַ טעקסי און ציינט מיר אַ פּאַסנדע געביידע, נאָר מען וויל אַ סך געלט. די, וואָס האָבן געהאַט צו פאַרקויפן, ווילן אַ סך מער וויפיל מיר האָבן זיי געוואָלט געבן. דער סוף איז געווען דערוויייל, אַז מיר זיינען געבליבן אין אונזער אַלטער געביידע מיט דער פעקטאָרי. מיט אַ יאָר שפּעטער זעט מיין זון, מארטי, אַז יענע געביידע איז אַדווערטאַיזט צום פאַרקויפן, מיט 4 טויזנט דאָלער ווינציקער, וויפיל מיר האָבן שוין געוואָלט געבן פאַר דער געביידע. האָבן מיר גלייך געשיקט אַהין אַן איידזשענט, און מיר האָבן די געביידע טאַקע געקויפט, אַ גרויסע מציאה.

און אויב עמיצער וועט מסתמא פרעגן, וואָס איז געוואָרן פון דעם יונגענמאַן, וועלכער האָט מיך אַ שטויס געטאָן מיט זיין אָטאָמאָביל און פאַראורזאַכט מיין האַנט עקסידענט, און צי האָב איך געקראָגן פון אים עפּעס פאַר מיין באַשעדיגונג? איז די געשיכטע אַזוי: דער בחור האָט געהאַט אַ געליבטע, און צו איר האָט געהערט דער אָטאָמאָביל. עס איז נאָך אַ גליק, וואָס דער אָטאָמאָביל איז געווען אַ קליינער, ווייל ווען, חלילה, דער אָטאָמאָביל איז גרעסער, וואָלט דער קלאַפּ געווען פיל שטאַרקער, און ווער ווייסט, צי וואָלט איך געווען אַרויס אַ לעבעדיקער.

מיין לאָיער האָט אויסגעפונען, אַז דער יונגערמאַן האָט אפילו נישט געהאַט קיין לייסענט אויף צו טרייבן אַן אָטאָמאָביל, און דער לאָיער האָט אפילו ניט פּרובירט עפּעס מאָנען. אַזוי אַרום האָט דער אָטאָמאָביל דרייווער אפילו זיך איינגעשפּאָרט די עטלעכע דאָלער, וואָס ער האָט געוואָלט געבן דעם פּאָליסמאַן בעת דעם עקסידענט.

מיר האָבן גענומען אונזערן אַ קאָזין, אַן אַרכיטעקט, היימאַן וואָולף, און מען האָט געספּענדעט איבער 10 טויזנט דאָלער אויף אויפצופיקסן די נייע פאַבריק. מיר האָבן געמאַכט אַ מעטאַלענעם באַלטן, אַ שיינעם אָפיס, אַ טעמפּל און אויל ברענער. די ספּרינקלינג סיסטעם איז געווען, נאָר מיר האָבן געמאַכט פּלאָרס פון הארטן מעיפּל האָלץ, און אריינגעצויגן זיך אין דער געביידע. די געביידע איז טאַקע, וואו אונזער פעקטאָרי געפינט זיך ביז היינט צו טאָג, און דער אַדרעס איז: 277-279 איסט 156טע סטריט, בראָנקס, ניו יאָרק.

איך וויל באַמערקן, אַז מיר האָבן אויך איינגעפירט האָלמס-פּראָטעקשאָן, דעם צענטראַלן סיסטעם, אָפּצוהיטן פון גניבה. איך קען מיט זיכערקייט באַהויפּטן, אַז מיר האָבן די שענסטע אמברעלער פעקטאָרי אין דער גאַנצער שטאָט ניו יאָרק. אונזערע אַרבייטער אַרבייטן אונטער גוטע באַדינגונגען. אַלץ איז איינגעפירט לויט אַן אויסגעפּרובירטן סיסטעם. 35 שטונדן, איז אונזער אַרבייטס-וואָך. 8 אַזייגער אינדערפרי שטעלט מען זיך ביי אונז אַרבייטן. 9:30 אין דער פרי גיבן מיר די אַרבייטער קאַפע, און אַ 15-מינוטדיגן אָפּרו. דע קאַפע ווערט סערווירט אָן געצאָלט, נאָר ווערט אריינגערעכנט אין די ביזנעס. 12 אַזייגער האָבן מיר אַ האַלבע שטונדע מיטאָג.

2:30 האָבן די אַרבייטער ווידער אַ רוהע פון 15 מינוט, און איינער פון די יונגעלייט, וואָס אַרבייטן ביי אונז, גייט אַרום אין שאַפּ און פרעגט, וואָס עמיצער וויל, ברענגט ער זיי אַרויף פון דער גאַס פאַר איבערצוביסן.

יעדן סוף יאָר גיבן מיר די אַרבייטער אַ באָנוס פון 5 פּראָצענט, לויט דער סומע, וואָס ער האָט פאַרדינט דורך דעם יאָר. מיר באַצאָלן אויך די אַרבייטער פאַר עטלעכע יום־טובים אַ יאָר און וואַקאַציע, באַצאָלטע. אַרום און אַרום, זיינען אין אונזער פאַבריק באַשעפטיגט איבער 40 אַרבייטער דורך דעם גאַנצן יאָר.

דאָס, וואָס מיר גיבן די אַרבייטער קאַפע יעדן טאָג, איז ביי אונז געוואָרן אַ מנהג נאָך מיט 30־40 יאָר צוריק. אין דעם פריהערדיגן אַלטן שאַפּ, פלעגט זיין אַן אויוון פון קוילן כדי צו האַלטן וואַרעם דעם שאַפּ. פלעגן די אַרבייטער בראָטן קאַטאָפל אויף דעם אויוון, און מיין פרוי פלעגט האַלטן כסדר אַ טשייניק טיי און טראַקטירן די אַרבייטער דערמיט. און דאָס האָט געפירט במילא, אַז ווען מיר האָבן געמאַכט אַ מאָדערנע פאַבריק, האָבן מיר איינגעפירט דעם אַמעריקאַנער טרונק קאַפע, אַנשטאָט טיי און סערווירן עס יעדן טאָג, יעדן אינדערפרי.

דערווייל האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, און די רעגירונג האָט נאָר ערלויבט 30 פּראָצענט מאַטעריאַל צו פאַבריצירן אמברעלערס. איז פאַרקלענערט געוואָרן אונזער אַרבייט מיט 70 פּראָצענט. די אינגערע אַרבייטער זיינען אוועק דינען צו מיליטער, און מיין אייניקל, לעני, מיין מעקסי'ס זון, האָט זיך געמאָלדן פריי־וויליג אין דער נעיווי. ער איז קוים אַלט געווען 18 יאָר, און ער איז שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַ מיידל, איידער ער איז אוועק דינען דאָס לאַנד. מיין אייניקל, לעני, שרייבט זיך דורך מיט זיין מיידל, אַז ער וועט קומען אויף אורלויב, וועט ער חתונה האָבן מיט דער מיידל. און ווען מיין זון מעקס ווערט געוואָר דערפון, איז ער נעגן דעם. ער האָט מורא, אַז טאָמער, ווען לעני וועט חתונה האָבן, וועט ער מוזן אויפגעבן זיין שטודירן אין קאַלעדזש.

בין איך פון דער גאַנצער געשיכטע געוואָר געוואָרן, און איך האָב געזאָגט, אַז גראָד פאַרקערט, — איך דענק, אַז דאָס יונגע פּאָרל זאָל

יאַ חתונה האָבן, ווען לעני וועט קומען אַהיים אויף אורלויב. פרעגט מען מיך, און וואו וועלן זיי וואוינען? ענטפער איך, אַז איך וועל זיי געבן מיינע צימערן. און פרעגט מען ווייטער, פון וואַנען וועט דאָס יונגע פּאָר־פּאָלק לעבן? זאָג איך, אַז איך וועל זיי געבן אויף צו לעבן אויך. אַזוי האָב איך מיך אויסגעשפּראָכן... מיט אַ פּאָר טאָג שפּעטער קומט מען צוגיין צו מיר און מען זאָגט מיר, אַז איך זאָל זיך ניט וואַגן עפּעס צו זאָגן וועגן דער חתונה, ווייל מיין זון, מעקס, איז אומבאַדינגט קעגן דער חתונה.

וואָס־זשע איז געוואָרן? ווען לעני איז אָנגעקומען אויף אורלויב, און מעקס מיט זיין פרוי זיינען געגאַנגען לעני'ן באַגעגענען, — און זיי האָבן אים גראָד באַלד נאָכגעגעבן, אַז ער מעג חתונה האָבן.

און דערנאָך, אַז דאָס פּאָר־פּאָלק איז געגאַנגען נעמען די „מער־רידדזש־לייסענס", האָט מען זיי ניט געוואָלט געבן, סיידן די עלטערן וועלן זיי אונטערשרייבן, ווייל זיי זיינען געווען אונטער 18 יאָר. און אַזוי ווי מיין זון, מעקס, האָט לעני'ן געהאַט שוין צוגעזאָגט, האָט ער אים ניט געשטערט און זיך אונטערגעשריבן פאַר די חתונה פּאַפּירן.

עס איז פאָרגעקומען די חתונה מיט דער כלה, וועלכע הייסט, טערי. און ביידע זיינען אַוועק אין דער נעיווי. זי האָט געטאָן פאַר דער נעיווי דאָס זעלבע, וואָס איר מאַן, זי האָט געמאַכט מאַפּעס. ביידע זיינען נאָך איצט ביאָלאָגיע סטודענטן דאָ אין ניו יאָרק, אין קאָלאָמ־ביאַ קאָלעדזש, און האָבן אַ קינד, אַ אינגל פון 17 מאָנאַט, און ער הייסט, „אַווי", און מען ערוואַרט, אַז עס זאָל קומען נאָך אַ קליינס.

מיין טאָכטער נאַדיאַ האָט אויך חתונה געהאַט, פאַר אַ פיינעם מאַן, זיין נאָמען איז, באָלאַ פינט. ער איז געבוירן אין אינדיע, ער איז אַ גרויסער געלערנטער און זיין ספּעציאַליטעט איז עלעקטריקעל אינזשינירינג. און זיין טיטול איז — דאָקטאָר אָוו עדיוקיישאָן. דעם דיגרי האָט ער געקראָגן אין קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט.

איך האָב בילדער, וואָס מען האָט גענומען אויף דער חתונה פון לעני'ן מיט טערי'ן. אויך די בילדער פון מיין טאָכטער נאַדיאַ'ן און איר מאַן, באָלאַ, און די גאַנצע משפחה.

מיין זון הערי האָט אָנגעהויבן צו ריידן צווישן דער משפחה, אַז מען זאָל גרינדן אַ „פאַמיליען־סוירקל" פון דער גאַנצער משפחה

אָרנשטיין. דאָס האָט באַדאַרפט אַריינגעמען בלויז אַלע קינדער און קינדס־קינדער פון מיין פאָטער — און ניט פון מיין פרוי'ס משפחה. ערשטנס, ווייל זייער ווינציק משפחה האָט מיין פרוי דאָ געהאַט, און צווייטנס, — זיינען זיי אַלע געווען ווייטע קרובים, און דאָס זעלבע אויך פון מיין מוטער'ס צד.

אַלע קינדער מיינע האָבן זיך צונויפגערעדט און גערופן אַ מי־טינג פון די קינדער און די אייניקלעך, און מען האָט געגרינדעט אַ משפחה סוירקל, און עס אַ נאָמען געגעבן: — „אָרנשטיין סוירקל".

פאַר די לעצטע 8־10 יאָר קומען מיר זיך צוזאַמען 4 מאָל אַ יאָר. די מיטיגען ווערן אָפּגעהאַלטן אין שיף סענטער, און ווערט באַזוכט כמעט פון אַלע אין דער משפחה. די מיטינגען ווערן געוויינלעך באַ־זוכט פון אַ 60 פּערזאָן. איין מאָל אַ יאָר האָבן מיר וואַלן פאַר בעאַמטע בעפאָר ניי־יאָר, אין מאָנאַט דעצעמבער, און אַלע אַנדערע מיטינגען באַשליסט די עקזעקוטיוו קאָמיטע ווען זיי זאָלן פאָרקומען. דיוס ווערט געצאָלט, 5 דאָלער פון אַ פאַמיליע, און אַזוי ווי איינער פון דער משפחה האָט חתונה, צאָלט ער דיוס פאַר זיך אַליין.

דער צוועק פון אונזער פאַמיליען־סוירקל, איז בלויז מען זאָל זיך צונויפקומען, און איינער זאָל קענען דעם אַנדערן פון דער משפחה, ווייל מיר האָבן געוואָלט, אַז די משפחה זאָל ניט פאַרפרעמדט ווערן דורך דעם הו־האַ לעבן דאָ, און אַזוי באַגעגענט מען זיך כאָטש עטליכע מאָל אַ יאָר. מיר האָבן נישט קיין איינע פון די פּראַטערנאַלע הילף־צוועקן, נאָר ווען מען גייט אוים צוזאַמען אין אַ קאַבאַרעי, אָדער ערגעץ אַנדערש, ווערט אין אַ געוויסער מאָס גענוצט דאָס געלט פון דיוס פאַר דעם צוועק.

ביים סעקרעטאַר איז פאַרשריבן וועגן יעדן קינד און דערוואַק־סענעם, זייערע געבורטס־טעג — און ער שיקט אין נאָמען פון „סוירקל" אין יענעם דאַטום אַ באַגריסונג אין נאָמען פון אַלע מיטגלידער פון „סוירקל".

צווישן אַלע פון משפחה־סוירקל, בין איך, נאַטירלעך, דער עלטסטער, און אַלע רופן מיך: „אָנקל", ווייל אַלע זיינען מיינע פּלי־מעניקעס.

נאָך דער ערשטער מלחמה, ווען מיינע קינדער זיינען געווען אין

דער ארמיי, און נאָך דעם, ווי די מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָב איך געהאט באַשלאָסן, איך זאָל אריינגעמען מיינע דריי זין צו מיר אין די ביזנעס, און גלייך ווי זיי זיינען אהיים געקומען, האָב איך טאַקע אַזוי געטאָן. די מינוט ווען איך האָב זיי ערקלערט מיין אידייע, זיינען זיי געווען ווויליק און צופרידן, און קיינער פון זיי האָט מיר נישט גע־שטעלט קיין שום באַדינגונגען ניט, נאָר זיינען געווען צופרידן אָנצו־נעמען מיין פאָרשלאָג.

יעדער איינער פון מיינע דריי זין האָבן געטאָן אַלץ, וואָס מען האָט נאָר באַדאַרפט, עס זאָל זיין גוט פאַר די ביזנעס.

מיין עלטסטער זון, מעקס, האָט דעמאָלט געהאַלטן אין ענדיקן אין קאָלאָמביאַ קאָלעדזש אויף לאָיער, האָט ער אויפגעגעבן די קאַריע־רע און זיך גענומען צו די ביזנעס. ער האָט אָנגעהויבן צו זיין דער שרייבער, דער רעכענער און דער אַקאַונטענט און קויפער, און פאַר־קויפער — אין אַלגעמיין, דער גאַנצער מענעדזשער, אין אַנדערע ווערטער, דער באַלעבאָס פון די ביזנעס.

גאַנצע צען יאָר צייט נאָך דעם פלעג איך נאָך כסדר ארומפאָרן אויפ׳ן „ראָוד" מיט סעמפּלס און פאַרקויפט און געמאַכט באַשטע־לונגען אויף אמברעלערס. מיינע ראָודס זיינען געווען אין ניו יאָרק, ניו דזשוירזי, קאָנעקטיקוט און מאַסאַטשוזעט סטייט. איך פלעג מיט זיך מיטפירן אַ קליינע וואַליזע מיט סעמפּלס פון מענערשע און פרויען אמברעלערס און מאַכן באַשטעלונגען, אָבער קיין איינע פון די באַשטעלונגען איז נישט ארויסגעשיקט געוואָרן, סיידן מיין זון מעקס האָט עס גוט־געזאָגט.

מיין מיטלסטער זון, הערי, איז זינט ער האָט געענדיגט פּאָבליק־סקול, האָט ער זיך אויסגעלערנט טאָן יעדע ארבייט אין שאַפּ. ער איז אַ ספּעציאַליסט אין אַלע ארבייטן פון מאַכן אַן אמברעלער, ווי שניידן, אַפּרייטן און פינישן, און מאַכן דאָס געשטעל, און פּאַקן, און אַלע אַנדערע זאַכן, אַז קיין זאַך איז אים נישט צו שווער, און מאַכט עס מיט דער גרינגקייט פון אַ ספּעציאַליסט, און ער נעמט זיך נישט איבער, אַפילו ווען ער דאַרף מאַכן די שווערסטע ארבייטן אין שאַפּ.

און מיין אינגסטער זון, מאַרטי, פלעגט אויך פאָרן אויפ׳ן ראָוד פאַרקויפן אונזער סחורה. איך פלעג פאָרן מיט דער טריין אומעטום,

נאָר מארטי׳ן האָבן מיר געקויפט אַ שעוורעלעי אָטאָמאָביל, און ער איז שוין געווען אַ מאָדערנער סיילעסמאַן. מיין מארטי איז זייער אַ פּאָרזיכטיגער און יעדער זאַך מוז ביי אים שטימען אקוראט. איינמאָל קומט ער אריין אין קאטינג-רום, וואו די ארבעט ווערט געשניטן, און מיר האָבן אַ געוויסע ארבייט, וואו עס ווערט גענוצט אַ פּאָרם, וואָס ווערט אוועקגעלייגט כדי צו שניידן די ארבייט. נעמט מיין מארטי און ער מאכט עטליכע פון די פאָרמען, און האָט זיי געמאכט אזוי גוט און פּערפעקט, אַז די פאָרמען, וואָס איך האָב געהאַט געמאכט פריער, די אַלע יאָרן, האָבן אויסגעזען אנטקעגן זיינע, ווי גולמ׳ס.

אין דער טרייד האָט מען אָנגעהויבן צו מאַכן „אויל־סילק אמ־ברעלערס״, און די אויל־סילק איז געקומען געוויקלט אין טישע־פּאַפּיר. איז געווען אַ פּראָבלעם ווי אזוי אָפּצואוויקלען די טישע־פּאַפּיר פון דער סחורה, און דאָס פּאַפּיר זאָל ניט צוריסן ווערן, מען זאָל עס קענען נוצן אויף עפּעס, און עס זאָל ניט פארנעמען אַן אַ שיעור פּלאַץ אין שאַפּ.

האָט מיין מארטי זיך אָנגעהויבן גריבלען אין דער אידייע, און ער האָט געמאכט אַ מאשין, וואָס ער האָט צונויפגעקויפט פארשידענע שטיקלעך און צוזאמען געשטעלט אַן עלעקטרישע מאשין, וועלכע וויקלט אראָפּ די סחורה, און דאָס פּאַפּיר באזונדער. די מאשין ארבייט אזוי, אַז אין אַ פּאָר מינוט וויקלט זי אָפּ אַ גאַנץ שטיק סחורה און עס קומט אזוי ארויס, אַז אויף איין ראָלער גייט ארויף די סחורה און אויף דעם אנדערן ראָלער גייט ארויף דאָס פּאַפּיר, ניט צעקנייטשט און מען קען עס נוצן נאָכאמאָל. די מאשין ארבייט דורך עלעקטרישע קראפט, און פארשטייט זיך, אַז די מאשין ווערט ביי אונז גענוצט יעדן טאָג, ווען מען ארבייט אין שאַפּ.

די אַנדערע צוויי זין מיינע, האָבן פּרובירט אויך גיין אויפ׳ן ראָוד פארקויפן, אָבער ניט מעקס און ניט הערי האָבן געקענט פארקויפן צו די קאָסטימערס, און זיי האָבן אויפגעגעבן דעם געדאנק פון גיין אויר־סערן שטאָט פארקויפן.

און אויב עמיצער וועט וועלן וויסן, וואָס איך, דער גרינדער און אויפבויער פון אונזער געשעפט טו דעם היינטיקן טאָג, און וואָס איז

מיין באַשעפטיגונג אין דער פאַבריק? — וויל איך ענטפערן אויף דעם אופן: מיין פאָטער האָט געהאַט באַשטענדיק אַ גלייכווערטל, — אַז אויב מען פאַרדינגט איינעם אַ דירה, מוז מען דעמזעלבן געבן דאָס רעכט און די פרייהייט צו טאָן דאָרט ביי זיך אין שטוב, וואָס ער וויל און ווי ער וויל. דאָס אייגענע מיט מיר אין מיין געשעפט. אַזוי ווי איך האָב אַריינגענומען מיינע דריי זין אין מיין געשעפט אַלס פאַרטנערס, האָב איך זיי געלערנט און געצייגט געווי, וואָס זיי זאָלן טאָן, אָבער אין דער זעלבער צייט, אַלס שותפים, האָב איך יעדן פון זיי געגעבן די פרייהייט, זיי זאָלן זיך אויסקלייבן, וועלכע באַשעפטיגונג זיי געפעלט און צו וואָס זיי טויגן זיך אויס אַמבעסטן אין אונזער געשעפט.

איך אַליין, פאַר די לעצטע 20 יאָר מיש איך זיך גאָר נישט, וואָס אַנבעלאַנגט די פירונג פון געשעפט, דאָס מיינט פון קויפן און פאַר־קויפן. מיט דעם פירט אָן מיין זון, מעקס. און וואָס טו איך פאַרט אין דער פעקטאָרי? איך קום 8 אַזייגער אינדערפרי אין פאַבריק און יעדן טאָג נעם איך זיך צו דער ערשטער אַרבייט, וועלכע איך זע, אַז עס איז נויטיק פאַרטיק צו ווערן מיט דעם.

פאַר די לעצטע פאַר יאָר, זיים איך אָפּ די סחורה אויף אַ ניי מאַשין, איידער מען נעמט שניידן. און זינט מען מאַכט די פּלאַסטיק אַמברעלערס און מען מוז די פּלאַסטיק אַרומנייען מיט אַ בענדעלע אויף אַ טאָפּל־נאָדעל־מאַשין, איז דאָס מיין אַרבייט. דאָס איז מיין ספּעציאַליטעט — זיימען אוןביינדן אויף דער טאָפּל־מאַשין.

איך פאַנג אָן מיין אַרבייט די אַלע יאָרן, 8 אַזייגער אינדערפרי. 12 אַזייגער, האָב איך אַ האַלבע שטונדע מיטאָג־צייט, און 15 מינוט צו 4 אַזייגער פאַרנאַכט, ליג איך אַוועק די אַרבייט. קיין מאָל אַרבייט איך נישט קיין אָווערטאַיים (איבערצייט). אַזוי האָב איך ביי זיי אָפּגעמאַכט, עס מעג דונערן און בליצן, אַלע מעגן נאָך אַרבייטן — גיי איך אַוועק און אַרבייט קיין מאָל נישט קיין אָווערטאַיים. איך בין אַזוי זיכער, אַז אַ מענטש קאָן אַרבייטן ווי שווער קירצערע שטונדן, וועט עס אים נישט זיין קיין לאַסט. דערפאַר גיי איך אָן אויף דעם אופן און די אַרבייט איז מיר קיין מאָל נישט צו שווער.



מיין טאָכטער נאַדיאַ און איידעם באַקלאַ, אין אינדיע

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיגט, און אַלעס איז געוואָרן, וואָס מען רופט אָן — נאָרמאַל. מיין אינגערער זון, מאַרטי, און זיין פרוי, דעיזי, האָבן חתונה געמאַכט זייער ערשט קינד, זייער עלטסטן זון, אַלווען, מיט זייער אַ פיינער מיידל, שעילי גראָסמאַן. עס איז געווען זייער אַ פיינע חתונה, און זיי האָבן שוין אויך איין קינד, אַ מיידעלע, איר נאָמען איז, לאָרעין-מעדעלין. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ נאָמען נאָך מיין פרוי, מלכה — מעדעלין און לאָרעין, האָט מען דאָס קינד גערופן נאָך שעילי׳ס מוטער׳ס נאָמען. לאָרעין איז געווען מיין צווייטע אור־אייניקל, און איך האָף אויף נאָך און נאָך אור־אייניקלעך.

דעם 26טן נאָוועמבער, 1950, האָט מיין זון, מאַרטי, מיט זיין פרוי, דעיזי, חתונה געמאַכט זייער צווייטע קינד, אַ מיידל, איר נאָמען איז נעמי, מיט אַ זייער פיינעם בחור, ענק לאָוב, פון קענטאָקי. זיי האָבן זיך באַקאַנט אין קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט, וואו זיי האָבן ביידע שטודירט. און דאָס יונגע פּאָר, מאַן און פרוי, ארבייטן פאַר אָנקל סעם, דאָס הייסט, פאַר אונזער פעדעראַלער רעגירונג. זי איז אַ פיזיקל־טהעראַפּיסט, און ער איז אַ דאַיעטיקער.

מיט 5 יאָר צוריק, ווען איך בין אַלט געוואָרן 75 יאָר, האָבן מיינע פּלימעניקעס געפּלאַנט צו מאַכן פאַר מיר אַ געבורטסטאָג פּאַרטי, אָבער ווי מיינע קינדער זיינען געוואָר געוואָרן דערפון, האָבן זיי אַליין געמאַכט די פּאַרטי פאַר מיר. די פּאַרטי איז פאָרגעקומען אין דער „ראָיאַל פּאַלאַס״ אויף די קאָנקאָרס, בראָנקס. עס איז געווען צוגעגרייט אַ פיינער מאָלצייט, מיט מוזיק און טענץ. עס זיינען געווען ביי אַ הונדערט מענטשן, קרובים און גוטע פריינט, און יעדער האָט זיך משמח געווען.

איינער פון מיינע צוויי הונדערט פּלימעניקעס, יעקב בראָמבערג, מיין שוועסטער פייגע׳ס זון, איז ספּעציעל געקומען צופליען פון סענט־לואיס, וואו ער וואוינט. איך בין געווען זייער צופרידן פון זיין וויזיט און איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל אים אָפּדינען מיט אַ וויזיט קיין סענט־לואיס. מיט אַ יאָר צוויי שפּעטער בין איך געפאָרן צו אים אויף פּסח צום סדר, אָפּצאָלן מיין צוגעזאָגטן וויזיט. איך האָב זיך

באקענט מיט זיין פאמיליע, מיט זיין פרוי און די פיינע דריי טעכטער. די עלטערע טאָכטער, סאלווינע, האָט שוין חתונה געהאט דורך דער צייט.

איך האָב דאָ א קאַזין, שאיע מארקוס. איך קען זיינע קינדער נאָך פון קינדערווייז, נאָר האָב נישט געהאט קיין געלעגנהייט זיי צו זען אלס דערוואַקסענע. איין מאָל קום איך צו אים וויזיטן, דעם צווייטן טאָג פסח, און שאיע דערציילט מיר, אז זיינע 4 קינדער זיינען געווען ביי אים נעכטן, צום ערשטן סדר. ער דערציילט מיר, אז זיינע קינדער קומען צו אים יעדן יאָר צו דער ערשטער סדר־נאַכט. מאַך איך מיט אים אָפּ, אז קומענדן יאָ, צו דער ערשטער סדר־נאַכט, וועל איך קומען און זיין א גאַסט ביי אים, כדי זיך צו טרעפן מיט זיינע קינדער.

אזוי איז אוועק א גאַנץ יאָר, און צו דער ערשטער סדר־נאַכט האָב איך געהאַלטן מיין צוזאָג צו שאיע'ן און דאָרט געטראָפן אַלע זיינע דריי זין און טאָכטער, מיט זייערע ווייבער און קינדער. איך בין געווען צופרידן זיי אַלע צו טרעפן אויף א גוטן אופן.

מיט דריי אָדער פיר יאָר צוריק, ווען מען האָט אין אינדיע גע־הרג'עט מאהאטמא גאנדהי'ן פון אינדיע, און אזוי ווי מיין טאָכטער'ס מאַן, באַלאה, האָט דאָ געהאַט א קאַזין, וועלכער האָט געארבייט פאַר די „יונייטעד ניישאַנס" אַלס סעקרעטאַר, — איז יענער גלייך מיט אַן עראָפּלאַן אָפּגעפאָרן קיין אינדיע. דעמאָלט האָט מיין נאַדיע אים מיטגעגעבן א בריוו צום פרעמיער נעהרו פון אינדיע, און אין דעם בריוו האָט זי געשריבן נעהרו'ן וואָס פאַר א נוצן איר מאַן, באַהלא, קאַן ברענגען פאַר זיין געבורטס־לאַנד — אינדיע.

מיט אייניקע וואָכן שפּעטער, האָט מיר מיין איידעם באַהלא גע־צייגט א בריוו פון דעם פרעמיער פון אינדיע, און יענער שרייבט צו אים: — „אז לויט ווי דו שרייבסט, אז דו ווילסט פריהער פאָרן קיין סאָוויעט רוסלאַנד זיך באַקענען מיט די מעטאָדן פון רעגירן, און זען ווי מען בויט דעם „דניעפּער־דאַמבע", בין איך מיט דער מיינונג, אז פריהער זאָלסטו קומען קיין אינדיע און, אז מיר וועלן דיך וועלן שיקן קיין סאָוויעט רוסלאַנד, וועסטו פון אינדיע פאָרן אהינצו. אָבער

דאָס ערשטע מוזטו פריער קומען צו אונז אין אינדיע". מיט אַ קור־צער צייט שפּעטער. האָט מיין איידעם געקראָגן אַ טעלעגראַם פון דער אינדישער רעגירונג, גלייך צו קומען קיין אינדיע, וואו אַ שטעלע וואַרט פאַר אים. מיין איידעם האָט געהאַט אַ שטעלע דאָ אין דער וועסטערן עלעקטריק קאָמפּאַני, אַלס אַן עלעקטריקל אינזשיניר. האָט ער אריינ־געגעבן זיין רעזיגנאַציע פון דעם דזשאָב און איז אַוועק געפאָרן אין טענעסי־וואַלי צו שטודירן, ווי עס ארבעט דאָרטן די „טי־ווי־עי", וועל־כע פּראָדוצירט עלעקטרישע קראַפט. ער האָט דאָרטן פאַרבראַכט עטליכע מאָנאַטן און זיך גוט באַקאַנט מיט דעם מעכאַניזם, ווי עס פונקציאָנירט. דער צוועק פון דער רייזע אין טענעסי־וואַלי איז געווען, אַז ער זאָל קענען אויסנוצן זיין באַקאַנטשאַפט און וויסנשאַפט פון דער ערפאַ־רונג, כדי צו ברענגען נוצן פאַר זיין היימלאַנד, אינדיע, וואו ער האָט זיך געקליבן צו פאָרן.

מיין טאָכטער, נאַדיאַ, און איר מאַן, באַהלאַ, האָבן זיך אָנגע־הויבן צו גרייטן פאַר זייער רייזע קיין אינדיע. זיי האָבן געקראָגן שיפסקאַרטן אויף אַ נייער שיף, וועלכע איז דאָס ערשטע מאָל אַרויס־געפאָרן איבערן ים, דירעקט ביז קיין אינדיע. די שיף איז געווען אַ פּראַכט־שיף, און גראָד האָט פּאַסירט, אַז דער באַלעבאָס, צו וועמען עס געהער די שיף, האָט זיך געקליבן דעמאָלט צו פאָרן אויף דער זעלבער שיף, און ער האָט געהאַט זיך צוגעגרייט 3 אויסגעמעבלירטע צימערן מיט אַ באַטה און אַלע אַנדערע באַקוועמליכקייטן, ווי אין בעסטן האָטעל.

האָט זיך דעמאָלט גראָד געמאַכט, אַז דער באַלעבאָס פון שיף האָט דעמאָלט ניט געקענט פאָרן — האָט מען די דריי צימערן, די איינגעריכטעטע, איבערגעגעבן פאַר מיין טאָכטער מיט איר מאַן.

איך בין געגאַנגען מיין טאָכטער און איידעם באַגלייטן אויף דער שיף, און האָב געזען די שיינע צימערן און געהאַט פאַרגעניגן, וואָס מיין טאָכטער פאָרט אין אַזעלכע שיינע צימערן. איך בין געווען זיכער, אַז זיי וועלן האָבן אַ גוטע און אַנגענעמע רייזע. איך האָב געטראַכט, אַז אַפילו ווען מיין טאָכטער זאָל געווען זיין די טאָכטער פון פּרעזי־דענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן, און ניט שמאַי אָרענשטיין'ס טאָכטער, וואָלט זי אויך נישט געקענט פאָרן אויף אַ בעסערער און

שענערער שיף. די רייזע אויף דער שיף האָט זיי געקאָסט עטליכע טויזנט דאָלער . . .

מיין טאָכטער און איידעם זיינען נאָך זיבן־אכט וואָכן רייזע, אָנגעקומען קיין אינדיע. דאָרטן איז אַלעס גוט און פיין. אָבער ווען עס איז געקומען פאר מיין איידעם אָנצונעמען א שטעלע, האָט ער אַליין נישט געקענט קריגן די שטעלע, וועלכע ער האָט געוואָלט. עס האָט גענומען ארום 8 מאָנאטן צייט, ביז ער האָט געקראָגן די שטעלע, וועלכע ער האָט זיך גוט אריינגעפּאסט און וואָס ער האָט געוואָלט. די שטעלע האָט ער באקומען ביי דער רעגירונג פון אינדיע, אַלס פּלאַנינג פון אינזשענירונג פאר דער אינדישער רעגירונג, אין דער הויפּט־שטאָט, ניו־דעלהי.

זיין ערשטע ארבייט איז געווען אין א פּלענט, וואו מען מאכט די אינסטרומענטן פאר טעלעפאָן און טעלעגראף, און ער האָט צוגעגרייט די אַלע טעכנישע אינסטרומענטן, וואָס ווערן באנוצט צו דער ארבייט, אַז אַלעס זאָל זיין אויף דעם מאָדערנסטן אופן. נאָך דעם איז ער ארומגעפאָרן אין פארשידענע שטעט אין אינדיע, וואו מען פאברי־צירט פארשידענע ארטיקלען, און אויך דאָרטן האָט ער איינגעשטעלט אָרדענונג און עס מאָדערניזירט די פּראָדוקציע.

דעם ערשטן קאָנטראקט, וואָס מיין איידעם האָט געהאט פון דער אינדישער רעגירונג, איז געווען אויף צוויי יאָר, און לעצטנס האָט מיין טאָכטער מיר געשריבן, אַז דער ערשטער קאָנטראקט האָט זיך געענדיגט, און אַז ער האָט איצט געקראָגן א קאָנטראקט אויף נאָך דריי יאָר מיט א גרוים געהאַלט.

מיין טאָכטער און איידעם וואוינען איצט אין דער שטאָט דזשאַ־וואַ-פּאָר, אין א קלוב־הויז. דאָס איז אַזא האָטעל, אין וועלכן די ענגלישע בעאַמטע פלעגן וואוינען, און איצט וואוינען דאָרטן די בעאַמטע פון דער אינדישער רעגירונג. מיין טאָכטער געפינט זיך שוין אין אינדיע באַלד דריי יאָר, אָבער אין יעדן בריוו, וואָס זי שרייבט אונז, גיט זי אונז צו וויסן, אַז זי בענקט אהיים, און זי וואָלט געוואָלט אונז באזוכן. איר באזוך פון אינדיע איז זייער א קאָסטבארער, עס דארף אָפּקאָסטן ארום 2,000 דאָלער, און מיין טאָכטער גיט מיר אָנ־צוהערן, אַז איך זאָל איר שיקן דאָס געלט, וועט זי קומען צו פאָרן

אונז באזוכן. איך האָב מיין טאָכטער געענטפערט, אַז זינט זי איז אַפּגעפאָרן קיין אינדיע, האָב איך פאַר די לעצטע 15 חדשים אוועקגעלייגט יעדן חודש 100 דאָלער פאַר איר אין דער באַנק. פריער פאַר דעם, פלעג איך איר שיקן די הונדערט דאָלער יעדן מאָנאַט קיין אינדיע, א צושטייער צו זייער פרנסה. אָבער זינט מיין איידעם האָט אָנגעהויבן גוט צו פאַרדינען, האָט זי מיר צוריק געשיקט א סומע פון 300 דאָלער און געהייסן, אַז די 300 דאָלער און דאָס אַנדערע געלט, וואָס איך וויל איר געבן, זאָל איך דאָ האַלטן אין דער באַנק, כדי אַז זי וועט אַמאָל אַהער קומען, זאָלן זיי האָבן דאָ אָפּגעשפּאָרטע געלט.

איך פלעג זיך נוהג זיין, אַז פאַר די לעצטע 13 יאָר, זינט מיין פרוי איז געשטאָרבן, האָב איך יעדן חודש געגעבן צו מיין טאָכטער, 100 דאָלער, און האָב געהאַט ביי זיך באַשלאָסן, אַז אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן און קענען געבן, — וועל איך איר געבן צו 100 דאָלער א חודש, צי זי דאַרף יאָ, צי זי דאַרף נישט.

אָבער איצט, שרייבט מיר מיין טאָכטער פון אינדיע, אַז איך זאָל איר שיקן נייע 2,000 דאָלער אויף דער רייזע, און די 15 הונדערטער, אָפּגעשפּאָרטע געלט אין דער באַנק, זאָל איך ניט רירן.

איין מאָל קום איך אַריין אין הויז און מיין טאָכטער, נאַדיאַ, האָט דעמאָלט געהאַט מיר געהאָלפן איבערפּוצן דאָס הויז. זאָגט זי צו מיר: — „דעדי, איך האָב דאָ נאָר וואָס געטראָפן דיינס א באַנק־ביכל אויף 6,000 דאָלער.” מיין טאָכטער גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז עס וואָלט ניט געשאַדט, ווען איך גיב איר אוועק די 6 טויזנטער.

מיין פילאָזאָפיע איז, אַז אויב א פרוי זעט נאָר געלט — איז עס שוין איר געלט. דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, אַז פאָרנדיק יענעם זומער אין קאַנטרי אין א אָטאָמאָביל, וועלכער האָט באַלאַנגט צו מיין מעקסעם פרוי'ס ברודער, האָט מיין שנור זיך אויסגעשפּראָכן, אַז זי האָפט, אַז נעקסטן זומער זאָל איר מאַן, מעקס, איר קויפן אַן אייגענעם אָטאָמאָביל. גראָד האָב איך געוואוסט, אַז מיין מעקס האָט גאָר ניט געהאַט קיין גרויסן פאַרלאַנג צו האָבן אַן אָטאָמאָביל. נאָר וואָס דען? אַז איך האָב איבערגערעכנט די פאַרלאַנגען פון מיין טאָכטער און מיין שנור — האָב איך באַשלאָסן צורעכט צו מאַכן מיין באַנק־ביכל מיט

די 6 טויזנטער. האָב איך באַלד אויפ'ן אָרט באַשלאָסן, אַז איך זאָל צעטיילן די 6 טויזנטער צווישן מײַנע פיר קינדער.

אין עטליכע טעג שפּעטער, אין אַ זונטיק, האָב איך טעלעפאָנירט מײַן זון, מעקס, און אים געזאָגט, אַז איך האָב אַ סורפּריז פאַר זיי, און אים געבעטן, אַז ער און זײַן פרוי זאָלן אַריבער קומען צו מיר. און איידער מעקס און זײַן פרוי זײַנען אַריבער געקומען, איז מײַן טאָכטער נאַדיאַ און איר מאַן אָנגעקומען צו מיר אומגעריכט.

אַזוי ווי איך האָב געפּלאַנט צו זאָגן די ערשטע בשורה צו מײַן מעקס'ן וועגן דער מתנה, וואָס איך וויל אַלעמען געבן, אָבער אַז מײַן טאָכטער און איידעם זײַנען געקומען פריהער, האָב איך זיי דערציילט וועגן דעם, פריעהר פון אַלעמען. האָב איך געזאָגט מײַן טאָכטער, אַז ניט דערפאַר, ווייל זי האָט געפונען דאָס באַנק־ביכל און האָט פאַר־לאַנגט געלט, צעטייל איך דאָס געלט צווישן די קינדער — נאָר איך האָב איר געזאָגט, אַז ווייל מײַן שנור, מיני, מעקסעס פרוי, האָט זיך אויסגעשפּראָכן, אַז זי וויל האָבן אַן אָטאָמאָביל, — דערפאַר צעטייל אי דאַלעמען די 6 טויזנטער.

איך האָב געמיינט, אַז איר וועט עס געפעלן, וואָס זי איז ניט די שולדיקע, וואָס זי האָט ניט גורם געווען די צעטיילונג פון דעם באַנק־ביכל, אָבער גראָד איז איר דאָס ניט געפעלן, וואָס איך טו דאָס צוליב מינע'ן און נישט צוליב איר. מײַן טאָכטער האָט מיר וועגן דעם באַלד ניט געזאָגט גאָרניט, נאָר שפּעטער, פון אינדיע, האָט זי מיר אין אַ בריוו פון דאָרט געשריבן און מיר פאָרגעוואָרפן, וואָס איך האָב דאָס געלט צעטיילט צוליב מינע'ן און ניט צוליב איר.

שפּעטער אַ צייט, איז מיר אויסגעקומען צו ריידן צו מײַן שנור מינע'ס מוטער, און זי האָט מיך איבערגעפרעגט און געוואָלט וויסן, צי האָב איך דאָס געלט צעטיילט צוליב איר טאָכטער מינע? האָב איך ערקלערט, אַז פאַרקערט, אַז איך האָב דאָס געלט צעטיילט צוליב דעם, וואָס מײַן טאָכטער נאַדיאַ האָט געפונען דאָס באַנק־ביכל, און זי האָט מיר עס געהייסן אַוועקגעבן איר, האָב איך עס שוין צעטיילט צווישן אַלע קינדער. ווי איך פאַרשטיי, איז מינע'ס מוטער ניט גע־פעלן געוואָרן דער ענטפער, ווייל גראָד האָט זי טאַקע געוואָלט, אַז איר טאָכטער זאָל זײַן ביי מיר די בעסטע שנור — און גראָד זײַנען

אַלע קינדער ביי מיר, ביי אַ טאַטן, זיינען ניט פאַראַנען קיין בעסערע און קיין ערגערע קינדער, נאָר אַלע זיינען פון מיר גלייך געליבט און געשעצט.

דאָס אויסטיילן דאָס געלט איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: אַזוי ווי דאָס געלט איז געלעגן אין דער באַנק אויף פּראָצענט, און די באַנק צאָלט בלויז איין מאָל אין זעקס מאָנאַטן אינטערעסט, האָב איך געזאָגט די קינדער, אַז איך וועל וואַרטן נאָך פיר מאָנאַטן, ביז יולי, כדי ניט צו פאַרלירן די 60 דאָלער פּראָצענט.

מיין טאָכטער, נאַדיאַ, האָט ניט געוואָלט וואַרטן די פיר מאָנאַטן, בין איך געגאַנגען אין באַנק און אַרויסגענומען די 15 הונדערט דאָלער פון איר חלק, און איר עס געבראַכט אין הויז אַריין. און איידער איך בין געגאַנגען איר ברענגען דאָס געלט, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז צו איר חתונה האָבן מיר איר ניט געגעבן קיין פּרעזענט פון אונזער געשעפט, ווייל זי האָט חתונה געהאַט נאָר אין געריכט, און עס איז נישט געווען קיין אַנדערע צערעמאָניעס; האָט מען איר ניט געגעבן קיין ריכטיגן פּרעזענט. האָב איך דערפאַר גערעדט מיט מיין זון, מעקס, וועלכער איז דער פירער פון אונזער פירמע, און ער האָט גלייך איינגעשטימט איר צו געבן נאָך 500 דאָלער אַ פּרעזענט. און אַזוי האָב איך געבראַכט צו מיין טאָכטער, נאַדיאַ, צוערשט די 500 דאָלער, און דערנאָך האָב איך איר געבראַכט די 15 הונדערט דאָלער.

מיינע אַנדערע קינדער זיינען געווען וויליג צו וואַרטן ביז יולי, כדי מען זאָל ניט פאַרלירן דאָס פּראָצענט פון געלט. האָב איך אַרויסגעצויגן אין יולי די 45 הונדערט דאָלער און האָב זיי אַריינגע־לייגט אונטער מיין טשעקינג־אַקאַונט. ווען איך האָב געהייסן מיין זון, מעקס, אַז ער זאָל אויסשרייבן די טשעקס, צו 15 הונדערט דאָלער פאַר יעדן קינד, האָט ער עס געטאָן. אָבער ווען עס איז געקומען צו שרייבן דעם טשעק פאַר זיך, האָט ער ניט געוואָלט נעמען דאָס געלט אינגאַנצן, נאָר ער האָט עס צעטיילט צווישן זיך און זיינע צוויי קינ־דער. ער האָט אויסגעשריבן פאַר זיין פאַרהייראַטן זון, לעני, 500 דאָלער, און פאַר זיין טאָכטער, נאָרמאַ, 500 דאָלער, און פאַר זיך 500 דאָלער.

מיין זון מעקס האָט מיר נאָך דערביי ערקלערט, אַז ער איז זיכער, אַז זיין זון, לעני, וואָלט די מתנה פון 500 דאָלער ביי אים אַליין ניט אָנגענומען, נאָר אַז עס קומט פון זיידן (גראַנד־פּאַ), וועט עס ביי אים זיין אַ גרויסע און אָנגעלייגטע מתנה, און דאָס זעלבע אויך ביי זיין טאָכטער.

מיין זון, מארטי, האָט צוגענומען די 15 הונדערט דאָלער גאַנץ גלייכגילטיג, און האָט גאָר נישט געזאָגט. און מיין מיטלסטער זון, הערי, האָט די 15 הונדערטער ניט געוואָלט אָננעמען, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז עפּעס איז דאָס נישט גלאַט מיט געבן אינמיטן דערינען מתנות. עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט, אפשר 6 מאָנאַטן, ביז מיין טאָכטער נאַדיא איז געלונגען אים צו איבערצייגן, אַז ער זאָל דאָס געלט אָננעמען.

נאָך דעם, ווי מיינע קינדער האָבן פאַר מיר געמאַכט די געבורטס־טאָג פּאַרטי לכבוד צו מיין אַלט ווערן 75 יאָר, האָט צו דער זעלבער צייט, מיין בראָנקס לאָדזש 319 „ברית שלום", וועלכן איך האָב גע-גרינדעט מיט 40 יאָר צוריק, אויך געמאַכט פאַר מיר אַ געבורטסטאָג פּאַרטי. דער יום־טוב איז פאָרגעקומען אויך אין דער „ראָיאַל פּאַלאַס", מיט מוזיק, מיט טענץ, מיט אַ קאָפּל־סאַפּער, און דעמאָלט האָבן זיי מיך רעפּרעזענטירט מיט אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון מיר, ווען איך בין נאָך געווען אין די פערציגער יאָרן, פון דער צייט, ווען מען האָט געגרינדעט דעם לאָדזש. דאָס בילד איז אין פאָרמאַט 25 אינטשעס די גרויס, און עס ווערט אויסגעשטעלט ביי יעדן מיטינג צוגלייך מיט דעם טשאַרטער.

ניט אַלעס וואָס עס שיינט איז גאָלד . . . אויב עמיצער פון די לייענער פון מיין לעבנס־באַשרייבונג וועלן פרעגן: — „וואָס הערט זיך עפּעס וועגן די ברידער פון דעם אייביקן „קין און הבל" געראַנגל, ווי אַזוי די ברידער, מיינע קינדער פאַרטראָגן זיך און ווי לעבן זיי איינער מיט דעם אַנדערן אין שותפות־געשעפט מיט מיר צוזאַמען?" וויל איך ענטפערן, אַז ביז מיט אַ 4 און 5 יאָר צוריק, איז אַלעס גע-גאַנגען גלאַטיק.

אָבער, ווי מען זאָגט, אַז אַמאָל מאַכט זיך אַ פּרישטשיק און מען קראַצט — מאַכט זיך אַ גרויסע וואונד דערפון. איינער פון מיינע זין,

הערי, האָט געהאַט אַן אינשורענס פּאָליסי, אַן אויסגעצאָלטע. איז איינמאָל אָנגעקומען אַ טשעקל פון 5 דאָלער. נעמט ער זיך צו די 5 דאָלער. האָט דעמאָלט מיין זון מעקס געזאָגט, אַז די 5 דאָלער געהערן צום געשעפט, ווייל דאָס געשעפט האָט געצאָלט אַלע יאָרן זיין פּאָליסי, אַזוי ווי דאָס געשעפט צאָלט פאַר אונז אַלעמען אונזערע פּאָליסים. אָבער דערפון, איבער די 5 דאָלער, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ מחלוקה צווישן די קינדער. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַליידיגן איינער דעם צווייטן, און איך האָב שרעקלעך געליטן דערפון. און דאָ וויל איך קלאָר מאַכן, אַז צוליב דער געשעעניש מיט די 5 דאָלער, האָט מיין זון, הערי, שוין שפּעטער, ווען איך האָב אים געגעבן דעם טשעק מיט די 1,500 דאָלער מתנה, עס ניט געוואָלט אָננעמען, ווייל ער האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז עס וועט ברענגען צו אַ מחלוקה צווישן די קינדער.

אין דעם יאָר 1949, האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל צעברעכן דאָס שותפות פון אונזער געשעפט, און אַלץ איז געווען פון די נאָכווייען פון יענע 5 דאָלער, וואָס מיין הערי האָט פאַר זיך גענומען פון דער פּאָליסי. מיין זון, מעקס, און מאַרטי האָבן געוואָלט בלייבן ביי די ביזנעס און געוואָלט הערי'ן אַרויסצאָלן.

איך האָב געמיינט, אַז דאָס געשעפט, וואָס איך האָב געבויעט פאַר 55 יאָר, זאָל אין איין שיינעם טאָג ווערן אויס. איך האָב מיינע זין ערקלערט, אַז ניט פאַר דעם האָב איך די אַלע יאָרן געהאָרעוועט, און וואָס איך האָב אַלע יאָרן געשטרעבט און געהאָפט. איך האָב זיך געוואָרפן אויף אַלע אופנים און געזוכט איינצושטילן די קריגערישע ברידער.

מיר איז געלונגען דורך אַ צופאַל, אויסלעשן דאָס פייער. איך האָב איבערצייגט זיי, אַז קיין איינער פון זיי קאָן נישט זיין אַליין אין ביזנעס, נאָר מיר מוזן שטיין אַלע פיר צוזאַמען, און יעדער זאָל צו־ברענגען זיין חלק ערפאַרונג. האָט מען געבראַכט אַ לאָיער און מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט צווישן זיך אויף 10 יאָר צייט. דאָס איז געווען אין דעצעמבער, 1949.

דאָס יאָר 1950 איז צוגעגאַנגען שטיל צווישן די פּאַרטנערס פון געשעפט — און איך בין גליקליך דערפון, און הלואי אויף ווייטער.

עטליכע ווערטער וועגן דעם מחבר

ווען מר. אָרנסטיין, דער מחבר פון דעם בוך, האָט מיר פּאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל אים העלפן אָנשרייבן זיינע זכרונות, האָבען מיר אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט ריידן און איך זאָל זיצן און אים אויסהערן און וואָס מיר וועט געפעלן זאָל איך פאַרשרייבן אויף דער שרייב־מאַשין.

קנאַפּע צוויי יאָר צייט, איין שעה יעדן זונטיק בייטאָג, בין איך געזעסן ביי אים אין שטוב, פאַרצייכנט און מיט הנאה אויסגעהערט זיינע מעשיות, וואָס נישט דער אינהאַלט איז ביי אים דער עיקר, נאָר דעם פּירוש וואָס ער מאַכט אויף יעדער געשעעניש. דערביי האָב איך זיך נישט באַנוצט מיט קיין שום סדר אָדער פּלאַן, נאָר וואָס עס איז אים געקומען אויפן זכרון האָב איך פאַרשריבן. דאָסזעלבע האָב איך געטאָן מיט זיינע אנגליציזמען — געלאָזט זיי ווי ער האָט זיי אויסגערעדט.

מיט דער צייט האָב איך אויסגעפונען, אַז נישט נאָר האָט מיין "מחבר" אַ גוטען זכרון נאָר אויך אַן אויג, וואָס האָט געזען טשיקאַווע זאַכן — און אַז ער, דער פּשוטער מענטש, האָט זיך זיין אייגענעם בליק אויפן לעבן.

איך האַלט, אַז עס קומט אַ דאַנק דעם 80 יאָריקן, יונגען־זקן, וועמען עס איז איינגעפאַלן צו פאַראייביקן זיינע 20 יאָר אין דער איצט חרובער אַלטער היים — און זיינע ביז איצטיקע, 60 יאָר אַמעריקע, וועלכע ענטהאַלטן אַ וועלט פון שווין היסטאָריש געוואָרענעם מאַטעריאַל.

קלמן הייזלער

ניו־יאָרק, דעם ערשטן יולי, 1951.

סאלאמאָן ארנסטיין